STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01922

ALE VERK

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלע ווערק
י. ל. פרץ

י. ל. פרץ.

פאר קליין און גרויס

פערלאג אינטערנאציאנאלע ביבליאטעק קאמפ.
ווארשא — נויארק.

אלע ווערק
י. ל. פרץ.
זעקסטער באנד.

Тип-Лит. Ф Баумриттера Варшава, Красинская пл. 6 1911 г.

6 באנד.

פאר קליין און גרויס

אינהאלט פון זעקסטען באנד
„פאר קליין און גרויס".

ערשטע אבטהיילונג:
(קליינע מעשה'לעך פאַר גרויסע קינדער)

אין געמויזעכטס 11
א קעלבענער קל וחומר 15
העכט 17
לאמפען-מוסר 23
די פרומע קאַץ 27
דער דין תורה 31
פון קבר 35
היהנערי'שע חלומות 39
מיסט-חלומות 44
דער גולם. 46
בוימער. 48

צווייטע אבטהיילונג:
(קליינע בילדער)

וועלכע. 53
פאדליעץ. 55
שוויין 57
עס איז דאך קיין זאקען. 59

דריטע אבטהיילונג:

(קינדער)

ווענען קינדער 63
דאס קראנקע יונגעל 76
די ווילדע בריאה 84
די לבנה דערצעהלט 93
קינדער־שפיעל. 96

פיערטע אבטהיילונג:

(הומארעסקען און סאטירען)

חוזק. 103
די רויז. 106
די טויטע שטאדט 116
באנציע שווייג. 130
דאס שטריימעל 142
הורמוז און אהרימון 158
דער ופוה 164
שמאי ראטמאן 172
ווענען געשיכטע 181
ביי די פרעש צו גאסט 190
דער פרוש מיטן בער. 202
די אכטע אבטהיילונג אין גיהנם 208

י. ל. פרץ

פינפטע אבטהיילונג:

(פון דול־חויז)

עולם הבא 221

כל בו 224

א חלום. 229

א רופא צו א חולה. 234

א שמועס מיט גאזעמאן. 239

דער קדוש. 245

די שרפה און נאך דער שרפה. . . . 249

דער משולח 255

I.

קליינע מעשה'ליך
פאר גרויסע קינדער

אינהאלט:

אין געמויזעכטס 11
א קעלבענער קל וחומר 15
העכט 17
לאמפען-מוסר 23
די פרומע קאץ 27
דער דין תורה 31
פון קבר 35
היהנערישע חלומות 39
מיסט-חלומות 44
דער נולם. 46
בוימער. 48

אִין גֶעמוּיזֶעכְטְס.

אַמאָל איז זיך געווען אַ געמויזעכטס. —

עס איז זיך געשטאַנען גאַנץ אַפּאַרט: אָבגעטהיילט פון דער־
רעשט לאָנקע (וואו בהמות האָבען זיך געפּאַשעט און יונגע־
פּאַסטיכער מיט שטיינער געוואָרפען), מיט הויכען שאַווער און
שאַרף־שפּיציגע דערנער, און אָבגעזונדערט פון דער לופט — מיט־
אַ פּעט־בלישצענדיג־גרין הייטעל. וואָס דער ווינד צערייסט אַמאָל
אין אַ יאָהר. — געלעבט אין געמויזעכטס האָבען (ווי דער סדר־
עולם איז) גאַנץ קליינע ווערעם, וואָס האָבען גענעסען — נאָך־
קלענערע.

דאָס געמויזעכטס איז — נישט לאַנג, נישט ברייט און
אַפילו נישט טיעף. די ווערעמלעך האָבען עס נאָר דעם פּעטען
שליים, די וואַסער־געוויקסען און די פּילע צוויינלעך צו פּער־
דאַנקען, אויב זיי קענען דאָס געמויזעכטס נישט דערגרינרען,
נישט צושווימען צו׳ן אַ ברעג.

די געמויזעכטס־געאָגראַפיע שלאָפט דעריבער נאָך אין וויעג־

פּאַר דאָס האָט די געמויזעכטס־גאוה שוין לאַנג אָפּענע־
אויגען: די פאַנטאַזיע איז אונטערן פינסטערן הייטעל ביי דער־
גאַנצער ממשלה איןביידע צוזאַמען שפּינען און וועבען.

און מיט דער צייט האָבען זיי אויסגעשפּונען אַ מש־
פון קדמונים, איין אמת ווערמיגע טראַדיציע׳
„דאָס געמויזעכטס איז דער ים־הגדול!“.

„אין איהם גיסען זיך אריין אלע פיער טייכען פון גן־עדן... דער חדקל ברענגט־מיט מיט זיך דאס גאלד — — דאס איז דער שליים, אין וועלכען עס שטעקט זייער פרנסה — און די רעשט דריי טייכען ברענגען בלומען — דאס זענען די וואסער־געוויקסען, צווישען וועלכע זיי שפּיעלען זיך אין בעהעלטעניש אין אַ יומא־דפגרא — פערל — צלע זיאבע־שיסעלעך און קרעלען — די פערפוילטע צווייגלעך"...

„דאס גרינע הייטעל, די פערפעצטע יארמולקע איבערן געמוויזעכטס, איז דער הימעל איבערן ים־הגדול! איין עקסטרא בעזונדער הימעל פאר זייער וועלט!"

שטיקלעך אייער־שאלען, וואס האבען זיך דארט פערבלאָגדזעט, שפּיעלען די ראָלע פון שטערען און מיט אַ פערפוילטע דיניע האט מען יוצא געווען פאר דער זון...

די שטיינער, וואס פלעגען אמאל אריינפאלען דורך ד' פאסטובער, זענען — גאנץ נאטירליך — געוועזען אבני־אלגביש־שטיינער, וואס דער הימעל ווארפט זינדיגע לייט אין קאפּ אריין, אז דער הימעל האט זיך געשפּאלטען, און עטליכע שטראהלען פון דער אמת׳ער זון האבען אָבגעשׂרפעט אַ ווערמיגען מח, האט מען געפיהלט און געגלויבט אין גיהנם!

נאר — וואהל האט זיך געלעבט אין געמוויזעכטס! וואו יעדער איז געוועזען פון זיך און מיט אלע צופרידען! ווער עס וואהנט אין ים־הגדול איז שוין בטבע אַ פיש! איין ווערמעל פלעגט דאס צווייטע רופען: שלייען, העכט! אויף מצבות פלעגט מען קריצען: קראקאדיל און לויתן! „פלאטקע" איז געוועזען די גרעסטע בעליידיגונג, פאר „קעלבקים" האט מען זיך יום־כפּור נישט מוחל געוועזען! דערביי האבען געבליהט: אסטראנאמיע, פּאָעזיע און פילאזאפיע ווי די רויזען!

די שטיקלעך אייער־שאלען האט מען געצעהלט ביז מען איז דערגאנגען, אז מען קען זיי גישט איבערצעהלען...

ראמאנטיקער האבען די „פמליא של מעלה” אויף טויזענדער אופנים בעזונגען; דערביי פלעגט מען פאטריאטען פערגלייכען צו שטערן, שטערן צו דאמען-אויגען און די דאמען אליין צו'ם הימעל, אויב נישט גאר צו'ם גיהנם! די פילאזאפיע האט בעזעצט די פרומע געשטארבענע נשמות אין דער פיילע דיניע אריין...

קורץ — עס האט גאר נישט געפעהלט! דאס לעבען האט געהאט אלע פארבען פון רעגען-בויגען! מיט דער צייט האט מען צוגעמאכט א קאדעקס מיט הונדערטער פירושים, עס האבען זיך איינגעפיהרט טויזענדער מנהגים! און אז א ווערמעל האט זיך פערגלוסט עפיס א שנוי, איז געגוג געווען, עס זאל זיך דערמאהנען, וואס די „וועלט” וועט זאגען דערויף — עס זאל רויט ווערען, חרפה קריגען! און תשובה טהון!

נאר... איין מאל איז א חורבן געשעהן!

עס איז דורך א סטארע חזירים!

שרעקליכע פיס האבען צוטרעטען דעם הימעל, צוקנעטען דעם שליים, צוריבען די קרעלען, צומארשטען די בלומען... און פון דער גאנצער אבגעזונדערטער „וועלט” א תהו ובהו געמאכט!

פהייל ווערעם זענען טיעף אונטער'ן שליים געשלאפען (און ווערעם שלאפען לאנג), זענען זיי טאקי נצול געווארען... אז זיי זענען צוריק ארויף איז שוין דער הימעל צוריק צוזאמען-געשוואומען, זיך צוריק צונויף-געקלעבט... נאר — גאנצע הויפען דערדריקטע, דערשטיקטע און צוטרעטענע ווערעם זענען געלעגען אהן קבורה, און טויטערהייט עדות געזאגט אויפ'ן חורבן!

וואס איז דא געשעהן? פרעגען די פעפער דערשראקען, און זוכען א לעבענדיגע בריאה, וואס זאל זיי קענען ערקלערען די סבה פון דער שרעקליכער מגפה. נאר נישט לייכט איז צו געפינען א לעבענדיגע בריאה! דען נישט לייכט איז איבערצולעבען א הימעל! ווער עס איז נישט צוטרעטען געווארען, איז געשטארבען פאר שרעק; ווער עס איז נישט געשטארבען פאר

שרעק, איז געשטאָרבען פאַר װעהטאָג; די רעשט האָבען זיך אַליין דאָס לעבען גענומען... אָהן הימעל איז אָהן לעבען!

איינער איז אַפילו יאָ געבליבען לעבען, נאָר, קוים האָט ער זיי דערצעהלט, אַז דער הימעל, װאָס זיי זעהען אַצונד, איז גאָר אַ נייער פון דער נאָדעל! אַז יענעם הימעל האָבען חיות צוטרע־טען; אַז ער האָט זיי געזאָגט, אַז װערמיגע הימעל לעבט נישט עביג... אַז עביג, קען זיין, לעבט נאָר דער אַלגעמיינער הימעל, — האָט מען באַלד דערקענט, אַז ער איז אַראָב פון זינען.

מען האָט איהם מיט גרויס רחמנות געקאָיועט און אין דול־הויז אַריין געשיקט.

אַ קֶעלְבֶּענֶער קַל וָחוֹמֶר.

— דער דין איז: הכל שוחטין — זאָג איך אַ קאַלב — על־פי־דין מעגען אַלע שעכטען; מען דאַרף קיין סמיכה נישט פון גאונים, קיין בריעף פון רבנים, מען דאַרף גאָר נישט, — ווער עס וויל מעג שעכטען.

— שקר — ענטפערט מיר דאָס קאַלב — מען דאַרף זיין דערצו אַ יוד אַ למדן, מען דאַרף גוט קענען הלכות שחיטה, מען דאַרף קענען פרובען דעם חלף אויף דער צונג... אויך מוז מען זיין פרום, אויסגעווייקט אין מקוה, דערצו ערנסט מאכען די ברכה און פערגלייסען די אויגען.

— האָסט אַ טעות, קאַלב, עס איז אַ בפירוש'ע משנה: הכל־שוחטין —

— ניין — האַלט זיך דאָס קאַ'ב שטאָהל און אייזען ביי זיינעם, — נאָר איין אמת'ער שוחט און — דוקא נאָר אין שעכט־הויז!

עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס ער זאָגט; ער האָט עס פון דער מוטער גע'ירש'נט, מיט דער מילך געזויגט. איך האָב זיין מוטער, די צנועה, געקענט; אַ חנ'ודיגע בריאה: און אַ פרומע; זי האָט שטאַרק געגלויבט אין השגחה פרטית... איך האָב געזעהן ווי זי איז, געהענדיג אין גאַסס, גלייך אויף אַ דישעל אַרויף געקראָכען, ווי דער דישעל האָט איהר די געדערם דורך דער פלייצע ארויסגעזעצט; איך האָב געזעהן, ווי זי האָט געגוססט הענגענדיג אויפ'ן דישעל, און געהערט, ווי זי האָט ביי יציאת־נשמה געזאָגט: —

— אָרעמער דראַנג! צי ווייסט דו נישט, אז מען טאָר נישט שלאָגען?!

נאָר איהר קלוג קאַלב זאָגט נאָך, אַז עס איז אַ קל־וחומר, און דאָס ווייס איך שוין נישט, ביי וועמען ער האָט גענומען; און ער מיינט עס ערנסט מיט'ן קל־וחומר:

— מה־דאָך — זאָגט ער — מה־דאָך אַ הונד, וואָס מען קען נישט קוילען אויף כשר, וואָס איבער זיין פלייש מאַכט מען נישט קיין ברכה, וואָס פון זיינע ביינער מאַכט מען נישט קיין גאָלדענע יויך, וואָס פון זיין פעטס מאַכט מען נישט קיין קוגעל, וואָס פון זיין פעל מאַכט מען נישט קיין יריעות צי'ן אַ ספר־תורה, בפרט קיין תפילין מעור־אחד... מה־דאָך — זאָגט ער — אַ הונד, וואָס טויג אין גאַנצען נאָר אויף ריצען־אייל, טאָר איהם קיינער נישט אָנריהרען, נאָר איין היצעל און דוקא פאַר טאָג, ווען דער עולם שלאָפט נאָך, איך — על אחת כמה־וכמה?!

הָעכְט.

לכבוד יום טוב האָט מען לעבעדיגע פיש געקויפט. אין אַ גרויסע, גרין גלעזערנע שיסעל, אָנגעפילט מיט וואַסער, ליעגען צוויי גרויסע העכט און אַ ביסעל ווייסער, אין אַ שוואַרצע ערדענע שיסעל ליעגען אַ פּאָר קליינע קאַראַשען.

דער עולם קומט נישט פון ים אַרויס, נאָר דאָך פון אַ גערוימיגען טייך, און עס איז ווי ענג אין שיסעל.

די אָרעמע קליינע קאַרפּען אין דער שוואַרצער ערדענער שיסעל האָבען שוין לאַנג פון איהר געוואוסט! זיי ליעגען שוין אַ גוטע שעה אויפ'ן זייגער אין קלערען, וואָס דאָס קען זיין פאַר אַ תפיסה, און זיי האָבען צייט צו קלערען! איידער די קעכין וועט צוריק קומען פון גאַס מיט בל־טוב אויף יו"ט, קען נאָך לאַנג דויערן. עס קען נאָך אַ קאַרפּ צו'ם שכל קומען!

נאָר די העכט אין דער גלעזענער שיסעל בעמערקען נישט איהרע וועגד, זיי צולאָזען זיך אַלע מאָל מיט אַ כח און טרעפען מיט די קעפּ אין האַרטען גלאָז! העכט האָבען אייזערנע קעפּ נאָר שטומפּיגע מחות! עס האָט יעדערער פון די צוויי געפאַנגענע גבורים צו הונדערט קלעפּ געקריגען אויף יעדען פונקט פון שיסעל, איידער עס איז זיי איינגעפאַלען צו קלערען, אַז זיי זענען פערמאַכט פון אַלע זייטען!

זיי פיהלען שוין די וואַנד, נאָר די שוואַכע העכטיגע אויגען זעהען זיי נאָך נישט!... דאָס גלאָז איז גרין, עס איז גאַנץ עהנליך צו קליין-טייך-וואַסער... און דאָך קען מען נישט אַרויס!

— עס איז אַ כשוף! מאַכט איין העכט צו'ם צווייטען.

— אַ כשוף! איז דער צווייטער מודה. מאָרגען איז

אַליציטאַציע אויף פּלאַטקעס, האָבען אונז די קאָנקורענטען פערבשופט...

דאָס האָט אַוודאי אַראָק אָדער אַפּראָש געטהון!

. . . .

עס איז נישט לאַנג. אַז די נעץ האָט זיי פון וואַסער אַרויסגעצויגען... אַז זיי זענען אַרויף אויף דער לופט, זענען זיי פּלוצלינג חלשות געבליבען! זיי זענען צו זיך געקומען שוין אין אַ פערהאַמערט פּאַס.

— ווי פריה היינט איז נאַכט געוואָרען! האָבען דעמאָלטביידע צוזאַמען בעמערקט. אין פּאַס איז ענג געוועזען, קוים זיך אויסצודרעהען. עס האָט קיים וואַסער אויף אָטהעם געניגט. פון דעם פריהערדיגען חלשות און שפּעטערן שלעכטען אָטהעמען זענען זיי ביידע פערדרימעלט געוואָרען. עס האָט זיך זיי פון אַלעם, אפילו פון יריד, טעאַטער און באַלעט געחלומט, נאָר קיין פּאַס האָט זיי דער מלאך פון שלאָף נישט געוויזען...

זיי האָבען נישט געהערט — נישט דאָס פּאַס עפענען, נישט דאָס גערויש אין מאַרק! זיי האָבען נישט געמערקט דאָס ציטערן פון דער וואָג, אויף וועלכער זיי האָבען זיך געוואַקעלט בשעת ווען די פישערין האָט זיך מיט דער קעכין געראַנגעלט... נישט געהערט ווי דאָס שאַרפע צינגעל האָט זיי פאָרגעזאָגט די ודוי!

טיעפער נאָך זענען זיי איינגעשלאָפען ביי דער קעכין אין קויבער. זיי האָבען זיך אויפגעכאַפּט ערשט אין שיסעל, אונטער דעם שטראָם פריש קאַלט וואַסער. אַ גוטע שטונדע האָבען זיי נישט־ווילענדיג געשלאָגען קאָפּ אין וואַנד. אַצונד ערשט רעכנען זיי אויף כשוף...

— וואָס טהוט מען? פרעגט איינער דעם צווייטען.

די קאַרפּען ווייסען, אַז זיי זיצען תפוס... זיי ווייסען אויך אַז עס איז עפּיס געוועזען אַלאַנגע נאַכט אונז זיי האָבען זיך אויפגעכאַפּט אין שיסעל. מן־הסתם — טראַכטען זיי — האָט מען אונז פאַלשע באַנקאָצעטעל אונטערגעוואָרפען. עס וועט זיך

פאַר קליין און גרויס.

אויסוויזען — קלערען זיי — מען דאַרף נאָר מיט עמיצען אַ קלוג ערנסט וואָרט רעדען!

זיי גיבען זיך אַ קליינעם וואָרף אין דער הויך, דערזעהען די העכט און — פאַלען צוריק נישט טויט, נישט לעבעדיג.

— זיי וועלען אונז אויפפרעסען! ציטערן זיי. זיי האָבען זיך אַ ביסעל בערוהיגט, ערשט דעמאָלט, ווען זיי איז איינגעפאַלען, אַז די העכט מוזען אויך זיין אין תפיסה...

— דאָס האָבען זיי אַוודאי — מאַכט איינער צו'ם צווייטען — מיט פאַלשע באַנקאָצעטעל געהאַנדעלט!

— יאָ, ענטפערט דער צווייטער, נאָר פון זיי קאָן פאָרט די ישועה קומען! זיי וועלען נישט שווייגען... און מען וועט אונז צוזאַמען אַרויסלאָזען מיט גאָטס הילף.

— און זיי וועלען אונז בעמערקען — און... אויך (מיט גאָט'ס הילף) איינשלינגען! זיי האָבען זיך מיט די זייטען פעסטער צוגעדריקט צו דער דנאָ פון שיסעל.

אויף דער פאָדלאָגע איז געשטאַנען אַ קויבער מיט ציבעלעס.

— ווען מיר געהמען דעם פאָדראַד און רייניגען אויס די פלאָטקעס, וואָלטען מיר אַזוינע גאָלרענע אָרדער געקריענען, — מיינט אַ העכט.

— מיר וועלען נאָך, אי"ה. קריגען, — ענטפערט דער צווייטער, עס איז טאַקי אַ כשוף, נאָר...

— וואָס נאָר?

— עס איז דאָ איין עצה!

— זאָג...

— עס איז אַפילו אַ בושה... נאָר... איך מוז דיר זאָגען... מען דאַרף — דאַוונען... שטאַמעלט ער אַרויס — דאָס איז די בעסטע רפואה געגען כשוף!

— דאַוונען?! אפשר!

אוןביידע העכט דערמאַהנען זיך, אַז זיי האָבען שוין יאָהרען לאַנג נישט געדאַוונט... זיי געדענקען נישט אַ וואָרט.

— אשרי... הויבט איינער אָן.

— אַשרי... זאָגט דער צווייטער נאָך, און שטעה! מעהר נישט אַ וואָרט.
— אוי, ווילט זיך מיר דאַוונען — קרעכצט הויך דער ערשטער.
— מיר אויך, — איז מודה דער צווייטער, דען סוף כל סוף זענען מיר דאָך אויך נאָר פיש!...

* *
*

עס עפענט זיך אַ טהירל אין וואַנד און צוויי קעפ ווייזען זיך אין'ם חלל. איינער אַ פערטרונקענער מענער־קאָפּ און דער צווייטער אַ פרויען־קאָפּ אין פאַפּילאָטען.
— אָה! פרעהט זיך דער מענער־קאָפּ, עס וועט זיין אַ פרעהליכער יום־טוב! העכט... קאַרפּ... אַל־דאָס גוטס...
— ווי דען! איך האָב נאָך נאָך פלייש געשיקט!
— מיין קלוג ווייבעל! שמייכעלט דער מענער־קאָפּ.
— נאָ! נאָ! נאָר אָהן דעם...
און די קעפּ פערשווינדען.

— הערסט — מאַכט איין העכט — עס זענען דאָ קאַרפּען אויך!
— זיי איז בעסער פאַר אונז!
— מיט וואָס?
— ערשטענס, האָבען זיי דאָ קיין פאָדראַדען נישט, און זענען פרייע פויגעל; צווייטענס — קענען זיי זיך וואַרפען... ווען זיי גיבען זיך אַ גוטען וואָרף, וואָלטען זיי אַהיים אין טייך צוריק!
— אמת!
— און עס וואָלט אפשר פון דאָרט אונז אויך אַ טובה אַרויסגעקימען. וואַרט, מיר ווילען פּרובען!

— קאַרפּען! רופט אויס דער העכט.ביידע קאַרפּען זענען פלוצלינג אַרויפגעשווימען און האָבען אַרויסגעשטעקט די קעפ איבער די שיסעל.

דער העכט האָט זיך אַרויסגערוקט אַקעגען —

— שלעכט ברידער! מאַכט ער.

— שלעכט! ענטפערן די קאַרפּען.

— ביטער?

— ביטער!

— ווייניג וואַסער?

— אוי, ווייניג!

— און פערשטונקען?

— עפּוש!

— נישט מעגליך דאָ צו לעבען?

— נישט מעגליך!

— מען דאַרף צוריק אַהיים, אין טייך אַריין!

— מען... דאַרף!

— מען האָט גאָר אין טייך פערגעסען!

— פערגעסען!

— אַ זינד!

— אַ רציחה!

— לאָ'מיר זיך קלאַפּען על־חטא!

די העכט גלעטען די בייכער אויפ'ן ראַנד פון שיסעל; די קאַרפּען שלאָגען זיך ערנסט קאָפּ אָן וואַנד, אַז עס הילכט!

— מען דאַרף אַהיים שפּרינגען — מאַכט ווייטער דער העכט.

— שפּרינגען!

— נו!

דער העכט קאָמאַנדירט און די קאַרפּען זענען אַרויס פון שיסעל אויף דער פּאָדלאָגע... און זיי ליגען נישט טויט, נישט לעבעדיג.

— איך האָב גאָר נישט געוואוסט, מאַכט דער צווייטער

העכט, אַז דו ביסט אַזאַ בעל־דברן, עס רינט דאָך דיר האָניג פון מויל! —

די קאַרפּען דערוויל קרעכצען —

— רוקט אייך! קאָמאַנדירט ווייטער דער ערשטער העכט.

די קאַרפּען גיבען נאָך אַ קליינעם שפּרונג.

— אוי, — קרעכצען זיי, — מען זעהט נאָך נישט קיין טייך, און די ביינער ברעכען, און אָטהעם פעהלט...

— רוקט אייך, נעהמט צוזאַמען די רעשט כחות! עס איז שוין נישט ווייט, גיט נאָך אַ שפּרונג!

נאָר די קאַרפּען הערען שוין נישט.

די קאַרפּען גוסס'ן אויף דער פּאָדלאָגע, און די העכט שפּאַרען זיך; ביידע זענען מודה, אַז ביי אַ רעכטען שפּרונג קען מען קומען צוריק אין טייך אַריין; נאָר איינער זאָגט, אַז מען דאַרף דערצו אַנדערע פיש, נישט קיין פּאָדלע קאַרפּען, וואָס קענען נאָר שפּרינגען אין וואַסער, וואָס קענען נישט אויסהאַלטען אַ פּאָר שעה אָהן אָטהעם און עסען, אַז מען דאַרף דערצו — עלעקטרישע פיש!...

און דער צווייטער מיינט, אַז דווקא נאָר קאַרפּען! נאָר מען דאַרף אַ סך, אַ סך קאַרפּען! און אויב 100,000 וועלען שפּרינגען, וועט איינער טרעפען, און אַז איינער וועט טרעפען, האַ! האַ!

לאַמפּען־מוסר.

עס איז אַידוע לכל, אַז קאַנאַניקעס, הבדלות, ליכט, לאַמטערן און לאַמפּען פיהרען זיך אַמעריקאַניש. וואַכען, ווען ביי אונז איז נאַכט, און שלאָפען, ווען ביי אונז איז טאָג. — נאָר צי וועט איהר קענען מודה זיין, אַז קאַנאַניקעס, ליכט, לאַמטערן און לאָמפּען האָבען אַלשון און (אויף זייער אופן) אַ ריכטיגען בעגריף פון טוב ורע? און דאָך פּרובט, דערמאַהנט אייך נאָר, ווי עהנליך זיי זענען צו אינז! די כלי, פון וואָס זי איז, שפּיעלט די ראָלע פון אַגוף; דערביי, פּונקט ווי ביי אונז, זענען טהייל גופים נאַקעט, טהייל מיט בלומען, גירלאַנדען אָדער פערשיעדענע פיגורען פערציערט, מיט גאָלד און זילבער בעשיינט. דער בוימעל, אייל, חלב, נאַפט זענען אַמין בלוט. דאָס בלוט איז ביי זיי אויך פערשיעדען: טהייל פון גרעסערן, טהייל פון קלענערן יחוס; טהייל גאָר פון עקסטען פאַס! חלב קומט אַרויס פון אַמיאום אָרט, בוימעל און אייל קענען זיין כשר און טרפה; וואַכס איז גלאַט כשר, נאַפט איז ריין און אומריין, טהייל מאָל נאָך מיט אַשלעכטען ריח! און ווי עהנליך איז די דאָכט — דער פלאַם צו אונזער נשמה!.

שלמה המלך זאָגט טאַקי: „נר אלהים נשמת אדם!“

און ווי עהנליך זייער לעבען איז צו אונזער לעבען!

דער קאַנאַניק — אַשריד ופליט פון אַלטע פרומע דורות — שווימט טאַקי אַרום אויף כשר'ן בוימעל; ער ברענט טונקעל, ציכטיג און שטיל; פלאַקערט ניט אויף מיט טייוואָלאָנישער

גאוה, רעדט זיך נישט איין, אז ער וועט בעלייכטען און בעשיי־נען די וועלט... נישט זיין וועלט, ער דארף זי נישט פערזארגען!

זיין אייגען ווינקעלע איז פאר איהם גענוג, פאר דאס מאכט ער קיין שרפות נישט אן! איהר וועט ביי איהם נישט גע־פינען קיין צייכען פון אנארחישע אידעען!

דערצו ברענט ער טרויעריג, ווייל קורץ איז דאס לעבען, קירצער ווי „א שאטען פון א פויגעל, וואס פליהט נאר א דורך“! ער איז פול מיט „מרה שחורה“!

„מה אנו מה חיינו“? א קנייטעל מיט א „טפה־סרוחה“ — ביימעל, און מען שטארבט יעדע מינוט! ער געדענקט שטענדיג א־ס טויט און דעריבער האבען מיר עס טאקי פאר טייטע בעהאלטען.

הבדלות, חנוכה־ליכט זענען „דברים שבקדושה“, כמעט אהן גופים! טהייל זענען כפול־שמונה, נאר אלע פעדררעהט און פערפלאכטען... און דערביי געל — ווי הייליגע דאַרפען אויסצו־זעהן! און ברענען מיט קאפעטש, אויך ווי הייליגע טהוען; עס שטעקט דערינען מעהר אמונה ווי חכמה, מעהר התלהבות ווי ליכט, מעהר „לשם מצוה“ ווי לתשמיש...

ליכט, לאמטערן און לאמפען זענען וועלט־לייט! לאמטערן און לאמפען וויסען שוין גאר נישט פון קיין יודישקייט! ליכט ווערען אפילו גענוצט אלס נשמה־ און בענש־ליכט, נאר גלייבען טאר מען זיי נישט...

דאס איז אין איין וועגס קארטען־שפיעלער און דיענען נאך צו אלעם בייז, פון וועלכען עס איז בעסער, אז מען רעדט נישט... ליכט, בפרט סטעארין ליכט, בשר'ע נישט אויסגענומען, זענען אהין און אהער!

לאמפען און לאמטערן; ראטשילדס אין באסע־קאמאנדע! די ערשטע וואהנען אין שטיבער, סאלאנען, טהייל מאל — צווישען כל טוב; די צווייטע — אין הויז, אין גאס צווישען ווינד און שניי...

פון אײן מין, ברידער פון אײן טאַטע־מאַמע, גופים פון אײן גלאָז, אײן בלוט — נאַפט, אײן נשמה — אײנערלײ דאָכט, און — בשעת ווען דעם לאָמפּ׳ס לעבען שײנט רוהיג און שטיל, אָדער פלאַמט מיט אַלע קאָליערען פון רעגענבויגען דורך פערשיעדען־פאַרביגע גלעזער...

בשעת ווען לאָמפּען טאַנצען אויף אַלע חתונות און בעלער, שטעהען אויבען אָן ביי יעדער פאַמיליען־פערזאַמלונג, בעגלייטען חתן־כלה ביז דער לעצטער מינוט, — שטעהט דער לאַמטערן אין הויז פון אַ זאַיאַזד. דער צוג פון געגען־איבער־אָפּענע טהויערן פערחאַפּט איהם דעם אָטהעם.

דער גוף איז צובראָכען. די זייטען געשפּאָלטען און בעלעגט מיט ברודיגע פלאַסטער, און ער ברענט און צאַנקט, און גיסט צווישען אַ שרעקליכען ריח...

און אויף וואָס פּאַר אַ ווינטען, שטורמען, רעגען, שנייען, איז אויסגעשטעלט זיין חבר אין גאַס! יעדער רגע ציטערט ער פאַר זיין לעבען, עס ווייזט זיך עמיץ אין גאַס, — עס קען זיין אַ שכור, וואָס וועט איהם מיט אַ שטיין אויף פּיץ־פּיצלעך צו־ברעכען.

— נאָך וואָס לייכט ער ביי נאַכט, אַפילו ווען לבנה און שטערען שלאָפען?

איז דאָס אַנדערש ווי אונזער לעבען? און פאַר וואָס זאָלען זיי קיין שפּראַכע, קיין ידיעה נישט האָבען?

זיי מוזען האָבען! איך בין שטענדיג געוועזען דאַפיר, אַז אַלעס לעבט. אַלעס פיהלט, אַלעס ווייסט, וואָס גוט און פרום איז, און איינמאָל האָב איך אַליין געהערט, ווי מיין גרויסער הענגעל־לאָמפּ האָט מיכר געזאָגט אַ קליין טיש־לעמפּעל וואָס איז גראָד געשטאַנען נישט ווייט פון איהם.

— „יונגעל — מאַכט ער — פיהר דיך בדרך־הישר! ברען גלייך ווי אַליניע, ברען ווי אויפ׳ן מזבח! ברען גלייך צו׳ם הימעל אַרויף און פעראייניג דיך מיט יענע גרויסע ליכט, וואָס

לעבען עביג! לאָז דיך פון אַ ליאַדרע ווינד נישט פערפיהרען אין אַ זייט אַריין! געדענק — אַז דיין זיידע (זכרונו לברכה) איז אַ היילינער קאַנאַניק געוועזען! דיין פעטער איז איין הבדלה! און חנוכה ליכט, נשמה ליכט, און שבת ליכט זענען דיינע נאָהנטע קרובים!"

„האַלט דיך פעסט אין דיין דרך, פיהר דיך נישט ווי די באָסע־קאָמאַנדע אין גאַסט־הייזער און אין אַלע גאַסען! אַרויף דעם קאָפ! ווייס פאַר ווען דו שטעהסט! ווען דו דאַרפסט אָבגעבען דין־וחשבון! געדענק, אַז יעדען פריה מאָרגען פליהט דיין דאָכט אין הימעל אַריין צו פערשרייבען אַלע דיינע תנועות!"

„פערגעס נישט — אַז אויב דו וועסט דיך פיהרען אין גלייכען וועג, וועסט דו זוכה זיין צו אַלעם גוטען!"

— „אמן"! האָט געענטפערט דאָס קליינע טיש־לעמפעל.—

די פֿרומע קאַץ.

דריי זינג=פויגעלעך זענען געווען אין איין שטוב און אַלע דריי, איינס נאָכ'ן צווייטען — האָט די קאַץ צורעכט געמאַכט...

עס איז קיין איינפאַכע קאַץ נישט געווען, נאָר איין אמת, אמת פרומע נשמה, וואָס האָט נישט אומזיסט געטראָגען די ווייסע גוט=יודישע יופּע און געהאַט אויגעלעך, אין וועלכע דער הימעל האָט זיך געשפּיגעלט...

עס איז אַ פרומע קאַץ, אַ טבילה=קאַץ געווען! 10 מאָל אין טאָג האָט זי זיך געוואַשען... און געגעסען האָט זי שטיל, ערגיץ אין אַ זייט, אין אַ ווינקעלע...

אַ גאַנצע טאָג האָט זי געחאַפּט וואָס עס איז מילכדיגס, און ערשט, אַז די נאַכט איז צוגעפאַלען, האָט זי געגעסען פלייש, כשר מויזען=פלייש...

און נישט געאײַלט זיך צו דער אכילה, ווי אַ גראָבע זאַך. נישט געחאַפּט און געשלונגען ווי פּרעסער טהוען; נאָר בנעימות, שפּיעלענדיג... זאָל דאָס מייזעל לעבען נאָך אַ רגע, נאָך אַ רגע... זאָל עס אַ ביסעל אַרום=טאַנצען, אָבציטערן, ודוי זאָגען — אַ פרומע קאַץ חאַפּט נישט...

אַז מען האָט אין שטוב אַריין דעם ערשטען זינג=פויגעל געבראַנגט, האָט זי אויפ'ן באַלד רחמנות בעקומען; עס האָט זי ביים האַרץ אָנגעחאַפּט.

— אַזאַ שעהנס, — זיפצט זי, — אַזאַ קליינס, אַזאַ מחיה'דיג פויגעלע זאָל קיין עולם הבא נישט האָבען!

— און עס קען קיין עולם הבא נישט האָבען! — איז זיכער די קאַץ —

ערשטענס וואַשט זיך עס דייטשערים, מיט'ן גאַנצען לייב אין שיסעלע וואַסער...

צווייטענס, אַז מען האָט עס איינגעזעצט אין שטייג, איז עס שוין אַ חיה רעה, האַטש אַ יונג, זיס אין פיין זינג־פויגעלע... האַלט עס שוין מעהר פון דינאַמיט ווי פון שלחן ערוך!

היינט דאָס זינגען אַליין! דאָס אויסגעלאַסענע זינגען, דאָס צופייפען און דאָס קוקען גלייך אָהן אַ שום דרך־ארץ אין הימעל אריין! דאָס רייסען זיך אַרויס פון שטייג צו דער זינדיגער וועלט, צו דער פרייער לופט, צום אָפענעם פענסטער...

צי איז נאָך אַמאָל אַ קאַץ אין אַ שטייג געזעסען? צי האָט נאָך אַמאָל אַ פרומע קאַץ אַזוי געפיפען, אַזוי זמרי־בן־סלוא'דיג געפיפען?

— און אַ שאָד! — וויינט דאָס פרישע האַרץ אין דער פרומער קאַץ, — עס איז דאָך אַ לעבעדיגע זאַך, אַ טהייערע נשמה, אַ פונק פון דער הויך!

דער קאַץ קומען טרערען אין די אויגען:

— און דאָס גאַנצע אונגליק איז, וואָס דער זינדיגער גוף איז אַזוי שעהן, דער עולם הזה דעריבער — אַזוי לוסטיג, דער יצר הרע אַזוי שטאַרק...

ווי קען אַזאַ קליין זיס פויגעלע זיך אָקעגען־שטעלען דעם שרעקליכען גרויסען יצר הרע?

און וואָס מעהר עס לעבט, מעהר זינדיגט עס, גרעסער וועט זיין די שטראָף...

האַ!

און אַ הייליג פייער האָט זיך אָנגעצונדען אין דער קאַץ, דאָס פייער פון פנחס בן אלעזר, בן אהרן הכהן... און זי איז אַרויפגעשפרונגען אויפ'ן טיש, וואו די שטייג מיט'ן זינג־פויגעלע איז געשטאַנען, און —

עס פליהען שוין פעדערן אין צימער...

מען האָט די קאַץ געשלאָגען... די שלעג נעהמט זי אָן

פאַר ליעב... זי האָט פרום אָבגעקרעכצט, אָבגעמיאוטשעט אַ יעמערליכען על חטא...
מעהר וועט זי שוין נישט זינדיגען...
די קלוגע קאַץ פערשטעהט, פאַר וואָס מען האָט זי געשלאָגען... מעהר וועט זי אויף קיין שלעג נישט פערדיענען...
— מען האָט זי געשלאָגען — פערשטעהט די קאַץ, — דערפאַר ווייל זי האָט פערפעדערט די שטוב; ווייל אויף'ן ווייסען געשטיקטען טישטוך זענען געבליבען פלעקען פון בלוט...
אַזאַ פסק מוז מען מקיים זיין גוט, שטיל און פרום, עס זאָל קיין פעדער נישט פליהען, קיין טראָפּען בלוט נישט פאַלען...
און — אַז מען האָט דעם צווייטען זינג־פויגעל געקויפט און אין שטוב געלאָזט, האָט זי איהם שוין שטיל און פיין דערוואָרגען און מיט די פעדערן אינזאַמען איינגעשלונגען...

מען האָט די קאַץ געשמיסען...
אַצונד האָט ערשט די קאַץ פערשטאַנען, אַז נישט וועגען פעדערן געהט עס, נישט וועגען פלעקען פון בלוט אויפ'ן טישטוך...
דער סוד איז, אַז מען טאָר נישט טוידטען! אַז מען דאַרף ליעב האָבען, מוחל זיין... אַז נישט מיט ארבע מיתות בית־דין פערבעסערט מען די זינדיגע וועלט!
מען דאַרף מחזיר למוטב זיין, מוסר זאָגען, צום האַרץ רעדען!
אַ קאָנאַרעק אַ בעל־תשובה קען קומען צו'ן אַזאַ מדרגה, צו וועלכער די פרומסטע קאַץ וועט נישט דערגרייכען!
און די קאַץ דערפיהלט, ווי עס וואַקסט אין איהר דאָס האַרץ פאַר פרייד! אוים אַלטע, שלעכטע און האַרטע צייטען! אוים בלוט פערגיסען!
רחמנות, רחמנות, און נאָך אַ מאָל רחמנות...

און מיט רחמנות איז זי ציגעגאַנגען צום דריטען קאַנאַרעק!

— שרעק דיך נישט — מאַכט זי, מיט דער ווייכסטער שטימע, וואָס איז אַמאָל אַרוים פון אַ קאַציגען האַלז, — זינדיג ביסט דו, נאָר איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טהון, ווייל איך האָב רחמנות אויף דיר!

איך וועל דיר אַפילו די שטייג נישט עפענען, איך וועל דיך אפילו נישט אָנריהרען!

דו שווייגסט? — זעהר גוט! איידער פרעכע ליעדער צו זינגען איז גלייכער שווייגען!

דו צאַפּעלסט — נאָך בעסער! צאַפּעל! צאַפּעל, מיין קינד, נאָר נישט פאַר מיר, פאַר'ן בורא עולם צאַפּעל, פאַר זיין ליעבען נאָמען!

הלואי זאָלסט דו שוין אַזוי בלייבען — שטיל, ריין און צאַפּעלדיג...

איך וועל דיר העלפען צאַפּלען! פון מיין פרומע נשמה וועל איך הויכען אויף דיר שטילקייט, זיסקייט און פרומקייט... מיט מיין הויך זאָל אַריין אמונה אין דיין לייב, יראת שמים אין דיינע ביינדעלעך, תשובה און חרטה אין דיין הערצעלע!

און די קאַץ פיהלט ערשט, ווי גוט עס איז מוחל צו זיין, ווי אַ פרייד עס איז יענעם אַריינצובלאָזען מיט'ן הויך פרומקייט און עה ליכקייט...

און עס וואַקסט דאָס פרימסטע האַרץ אין דער פרימסטער ווייסער קאַץ —

נאָר דער קאַנאַרעק קען אין דער קאַצען=לופט נישט עטהמען —

עס האָט איהם דערשטיקט!

דער דין תורה.

חנינא בעל־עגלה האָט געהאַט אַ דין־תורה מיט דער שקאַפע; זי האָט גע׳טענה׳ט: גיב האָבער וועל איך געהן, ער — געה, וועסט דו קריגען האָבער. די בייטש האָט זיך אַריין־געמישט, איינמאָל און דאָס צווייטע מאָל, ביז די קלאַטשע האָט פערשוויגען און אויסגעצויגען די פיס...

חנינא האָט קוים אַהיים געשלעפט דאָס וועגעלע, פערתכליוועט אַ שינדער די הויט, און ער זוכט זיך שוין אַ נייע פערד...

קיין גרויס עגמת־נפש האָט ער נישט דערפון; ער איז שוין געוועהנט מיט אַזוינע זאַכען — ער פלעגט קויפען נאָר אַזעלכע פערד, מיט וועלכע ער פלעגט האָבען סאַמע דין תורה׳ס, פלעגט שטענדיג רופען די בייטש פאַר אַ בורר, און נאָך דער בייטש איז דער שינדער מעשים בכל יום.

דער קרוג טראָגט אָבער אַזוי לאַנג וואַסער, ביז ער בלייבט אָהן אויערן, און קוים האָט חנינא אַרויסגעשיקט דעם שינדער נאָך דער פעל, פערגלייסט ער די אויגען, פאַלט אַרונטער מיט׳ן קאָפּ, פון מויל שפּריצט פּיאַנע — ער האָט דעם „שלאַג“ געקריגען!

דאָס ווייב מיט די קינדער ראַטעווען; ער מאַכט אַוועק מיט דער האַנד. ער פיהלט, אַז עס איז זיין עק...

פאַר דער גסיסה איז ער אַ ביסעל צו זיך געקומען און געזאָגט, אַז די שקאַפּע רופט איהם צו'ם בית־דין של מעלה. —

קיין גרויסע מורא דערפאַר האָט ער נישט.

חנינא איז געוועזען אַ שטיקעל בקי אין משפטים! —

דורכפאָהרענדיג נעבען אַ סטויג היי צי אַ פעלד מיט קאָניצינע, פלעגט ער שטענדיג, מ'כלומר'שט, אַיינדרימלען, דאָס הונגעריגע פערד זאָל באַלד אַראָב אין אַ זייט און אונטערלעהנען זיך מיט פרעמדער פראַצע. דאָס דרימלען זיך בשעת הכושר האָט איהם נישט איינמאָל געפיהרט אין סאָנד אַריין, נאָר ער האָט זיך שטענדיג אויסגעדרעהט.

זיין צו־שפרונג צו דער פרנסה איז געוועזען מעקלעריי ביי אַדוואָקאַטען. גו, אַ ביסעל האָט ער גענאַשט און אַביסעל איז ער געוואָהר געוואָרען, אַז די גאַנצע מעשה איז חוזק; פאַר'ן ערגסטען פאַל, האָט ער געוואוסט, איז פערהאַן אַ פשרה!

דערווייל האָט ער מיטגענומען פערשווינען!...

אַז דעם סאָנד איז שוין נמאס געוואָרען דאָס דרימלען בשעת הכושר, און דער צד שכנגדו האָט פערלאַנגט שרפ"ט פאַר דער פשרה, איז ער באמת אָבגעזעסען אַ צייט, האָט ער זיך באמת אויסגערוהט די ביינער, האָט זיין זוהן געמוזט זיך צוגעוועהנען צו דער מלאכה! טאַקי אַ שאָד בטול תורה (זיין זוהן האָט געלערענט אין אַ חדר), נאָר סיי ווי סיי — געוועהנט איז ער געוואָרען מיט משפטים; קיין מורא האָט ער נישט געהאַט! מיט'ן ווייב וויל ער דערפון נישט רעדען, וואָס ווייסט אַ יודענע? נאָר דעם נושאים־מאַן זאָגט ער: איך הער זי ווי די קאַץ, און וועל מאַכען אַ בעסערן אַטיואָד פאַר פלווידערמאַן פיאַניצע! נאָר אַ שאָד, וואָס איך קען אַהין נישט מיטנעהמען קיין פערשווינען...

גיט מיר (מאַכט ער שפּעטער) האָטש מיט די בייטש, אָהן איהר וועל איך גאָר זיין ווי אָהן אַ האַנד...

פּאַר׳ן בית־דין של מעלה.

אונזער חנינא איז מאַקי באַלד אַרוים מיט איין אַטוואָד; פאַר אַ שקאַפּע — זאָגט ער — איז גענוג אַ גמינע סאַנד.

— זעהסט, חנינא — זאָגט דער פּרעזעס — זאָלסט געוועזען שבת וועניגער שלאָפען און הערען בעסער די סדרה אין שוהל־בעל. וואָלסט דו געוואוסט, אַז אַ שור הנסקל געהער אויך צום סנהדרין!

— עט — האַקט איבער חנינא — אין שוהל׳כעל האָט מען נישט די סדרא, נאָר אַלשיך, געלערנט! קיין מוסר בין איך נישט געקומען הערען, און דעם אַטוואָד — בין איך מודה — האָב איך געמאַכט נאָר פאַר שעהנקייט וועגען, איך זאָג מיך פון׳ם אָב!

דער בית־דין גיט דער שקאַפּע דאָס וואָרט.

עס הערט זיך אַ יעמערליך געוויין:

— ער האָט מיך דער׳הרג׳עט, מיט דער בייטש דאָס לעצטע ביסעל כח פון לייב אַרויסגעיאָגט. —

נאָר חנינא לאָזט נישט רעדען, — „די שקאַפּע — שרייט ער — איז דאָך מיין! איך האָב זי פון שינדער דאָך מציל געוועזען; מען האָט זי לעבעדיגערהייט געוואָלט פּטור ווערען! אַ שינדער האָט צוויי רובל געגעבען און איך האָב אַ צעהנערל מוסיף געוועזען... און געיאָגט האָב איך זי אויך נאָר פאַר איהר טובה וועגען... אין דערהיים וואָלט איך איהר אַ היי געוויזען, נישט פון סדור׳ל..." וויצעלט ער.

— נאָר כח, וואו נעהמט מען כח? — צוגיסט זיך די שקאַפּע.

— איך פערשטעה נישט — בייזערט זיך חנינא — ווער דען האָט כח? איך האָב כח? איך האָב נאָר צו שאַפען! און אָהן אַ בייטש וואָלסט דו געגאַנגען? און אַ טריט געמאַכט וואָלסט דו יאָ? ווי קען זיין אַ בעל־עגלה אָהן אַ בייטש?

דאָט בית־דין של מעלה קלעהרט אַ ווײַלע און גיט אַרויס אַ פּסק:

— „אַזוי ווי דאָס בית־דין קען נישט משנה זיין סדרי בראשית... און לויט סדרי בראשית מאַכט קיין פערד קיין טריט נישט כמעט אָהן אַ בעל־עגלה, מוז בשעת הדחק דעריבער זיין אַ „בייטש"; נאָר פון צווייטען צד — ווייל כל זמן אַז פערד זענען פערד, איז פאַרט אַ יושר גדול. אַז עס זאָל זיין מעהר רחמנות צווישען די „צדדים", על כן —

„זאָלען ביידע צוריק מגולגל ווערען אויף יענער וועלט.

„חנינא זאָל אַריין אין אַ שקאַפּע און די שקאַפּע זאָל ווערען אַ בעל־עגלה"!

מיט דער צייט, הייסט עס, וועלען זיי זיך אויסגלייכען און, צייט צו וואַרטען פעהלט נישט דעם בית־דין של מעלה.

פון קבר.

אַז אַ מענטש שטאַרבט, לעגט מען איהם שערבלעך אויף די אויגען און מען פערשיט איהם מיט ערד... מיר — חאָטש מיין ווייב פלעגט זאָגען, אַז איך בין גאָר קיין מענש נישט, און חאָטש איך האָב קיין קינדער נישט געהאַט — האָט מען דאָס אייגענע געטהון.

איך האָב אַלעס געפיהלט, נאָר עס האָט מיר ממש נישט וועה געטהון. איך האָב פראָסט קיין צייט נישט געהאַט צו דעם וועהטאָג! ערשטענס האָב איך געהאַט ביים גאַנצען רחמנות אַ שטיקעל נקמה אויף מיין ווייב, וואָס איז געגאַנגען נאָך דער מטה, און מיט איהר אייגען מויל געשריגען: אַזאַ מענש! אַזאַ מענש!

צווייטענס האָב איך מיר גע׳חזר׳ט מיין פסוק!

און איך האָב גלייך געטהון. דער מלאך דומה איז געקומען טאַקי ווי אַ לייב, נאָר, — אַז איך האָב איהם געזאָגט: אדם כבהמות... און ווי ווייטער שטעהט, וואָס מיין פסוק איז איז ער אַוועקגעגאַנגען כאחד האדם, טאַקי ווי אַ לעמעלע.

אייך בין איך צופריעדען געוועזען פינ׳ם קבר, וואָס מען האָט מיר אויסגעקליבען... ממה־נפשך, לעבט מען אין קבר, דאַרף מען דאָרט אויך האָבען גוטע שכנים; הערען און זאָגען אַ גלייך־ווערטעל! און דאָ הער איך — וועל איך האָבען רעכטס ר׳ מנחם זאָסעש און לינקס — ר׳ יוסל דוואָשעס! אויף בעסערע שכנים האָב איך מיר נישט געקענט ריכטען!...

קוים מען האָט אָבגעזאָגט קדיש, מען קלאַפּט פון דער רעכטער זייט:

— ר׳ מנחם? פרעג איך.
— יאָ. און איהר ווער זענט?
איך זאָג איהם.
— געלויבט איז גאָט — מאַכט ער — טאַקי — ברוך דיין אמת! איך האָב פון יענער זייט (נישט פאַר קיין יוד געדאַכט) אַ רופא, זאָל גאָט שומר ומציל זיין! ערשטענס שמייסט מען איהם יעדע נאַכט, ווייל ער געדענקט נישט דעם נאָמען, איז ממש קיין אויג נישט צוצומאַכען, און צווייטענס רעדט ער אַ גאַנצע טאָג עזות׳קייטען. ער מוז האָבען היינ, צי וועלכע שוואַרצע יאָהר, נאָר אַזאַ טרפה מויל! אַצונד — חאָטש היימישע מענשען.
— איהר האָט לינקס — מאַכט ער ווייטער — ר׳ יוסלען. דורך אַ לעדיגען קבר קען מען נישט רעדען; דאָס קול ווערט פערלוירען. אַצונד פרובט איהם נאָר וועקען, אפשר איז ער נאָך נישט אין גאַנצען פערפוילט.
איך קלאַפּ אָן — ר׳ יוסל האַלט זיך נאָך, און מיר האָבען שוין, ב״ה, „מזומן״ צו אַ רעכט וואָרט...ביידע פרעגען, וואָס עס הערט זיך אויף יענער וועלט, און איך האָב זיי דערציילט דאָס לעצטע נייעס, הן פון דערהיים, הן פון בית־המדרש, הן פון פּאָליטיק און דערנאָך געפרעגט פון מיין צד, וואָס עס הערט זיך אויפ׳ן עולם־אמת.
— גאָר נישט — זאָגען זיי — שטיל! דער מלאך דומה הייסט נאָר געשווינדער פוילען; טהוט ער נישט קיין שלעכטס! מען דאַרף גאָר ווייסען ווי מען הייסט, דען אַז נישט, קען ער נישט פערשרייבען אין מתים־פּנקס, איז מען ווי דאָרטען אויף יענער וועלט אָהן אַ פּאַספּאָרט; בייזערט ער זיך און שמייסט!
— און מכת גיהנם? פרעג איך.
— אל תפתח פה לשטן — וואוגדערן זיי זיך — פאַר וואָס? זיי פרעגען גאָר; פאַר וואָס?! מילא פון מ י י נ ע חטאים וויל איך נישט רעדען; דען טאַקי, אַ פּראָסטער מענש, איז קיין חידוש נישט. נאָר אויף ר׳ יוסלען האָט מען געמומעלט, אַז ער שינדט די הויט ביי הלוואות, און, אַז עס לאָזט זיך, איז

ער זיך נאָך טועה אין חשבון אויך... עפּיס איין אלמנה האָט געזאָלט דורך איהם שטאַרבען, באשר־בכן, ער האָט איהר עפּיס א פקדון בעהאַלטען... איך וויל נישט מיין מויל אין קבר צו קיין בייזען ברענגען, נאָר געמומעלט האָט מען; ווער שמועסט — ר׳ מנחם! אויף איהם זאָגט מען אפילו, אז ער האָט אויפ׳ן לענטשנער יריד א סוחר, פשוטו כמשמעו, ביי נאַכט די קעשענעס אויסגעשניטען און דערנאָך אין טלית און תפילין אָבגע־לייקענט שטיין און ביין... זיי זענען דערביי אפילו געוועזען גאַנץ אָרענטליכע מענשען, בני־תורה, מיט שיחת חולין קיין מעשה נישט, אָבער „אל תפתח פה לשטן", עס פאַלט זיי גאָר ניט איין, גאָר נישט!

מילא, טראַכט איך, זאָל זיין אזוי.

— און מכח גן־עדן? פרעג איך ווייטער.

— גן־עדן, קרעכצט מנחם פון איין זייט און יוסל פון דער צווייטער זייט, גן־עדן... צו גן־עדן, ברידער, מוז מען שוין זיין רעכט טויט, דורך און דורך גוט פערפוילט! עס איז א סברא, אז כל זמן עס איז דאָ א לעק מח, איז נישט דאָ אויף וואָס צו האָפען! און טאַקי נישט אומזיסט שרייט דער מלאך דומה: פוילט, ברידערלעך, פוילט, לאָמ׳איך אייער פטור ווערען! נאָר, בטחון אין גאָט! די ווערעם רוקען זיך ווייטער און ווייטער, בון האַרץ בין איך שוין כמעט פטור...

און יוסל זאָגט:

— דאָס האַרץ, זעהסט דו, האָט מיר אפילו נישט וועה געטהון...

— צו מיינעם, זאָגט מנחם, האָט פריהער קיין וואָרעם נישט געוואָלט שמעקען! דער מלאך דומה האָט מיר נאָך פריהער געזאָגט, אז דאָס ערגסטע איז דאָס האַרץ ביי צדיקים! קיין וואָרעם וויל זיך נישט צוריהרען דערצו!... נאָר יענעם חדש האָט מיך א גליק געטראָפען, עס איז גראָד קיין פרישע מתים נישט געוועזען, האָב איך מיינס פערצוקערט!...

עס הויבט מיך אָן קיצלען אונטער די אָרעם; איך פרעג מיינע שכנים, וואָס דאָס בעטייט.

— געלויבט איז גאָט — ענטפערן זיי — אַ סימן פון אַ צדיק, אַז די ווערעם קיצלען און טהיען נישט וועה! די רשעים, זעהסט דו, שפּרינגען באַלד אויס דער הויט!

— סימן טוב ומזל טוב! — זאָגען זיי ווייטער — נאָר פּאַר דאָס, וועסט דו אויך לאַנג ליעגען אין קבר... וועסט דיך אפשר גלייך מיט אונז זיך אויף תחית המתים דערוואַרטען. נאָר רשעים האָבען קיין געדולד נישט! באַדיי אין גיהנם אַריין — שרייען זיי — אבי נישט צווישען ווערעם!

וואָס קומט מיר אָבער אַרויס פון אַלע נחמות, איך בין פּאָרט קיין צדיק נישט, איך פיהל פּאָרט, אַז די ווערעם זענען שוין ביי מיר אין אַלע אברים; עס קיצעלט שוין נישט! איך פיהל שוין, אַז דאָס האַרץ ברעכט, די לעבער פוילט, און דער מח — אָ! דער מח קנאַקט און קנאַקט!

זאָל איך אויך אפשר רעדען עזות'קייט?

הינגערישע חלומות.

אַמאָל איז געווען אַ הוהן, אַ גרויסע הוהן און אַ מיוחסת, דעם גרויסען קיקוריקוס אַ קעבס־ווייב און אַ חכמה דערצו. און די גרויסע הוהן, די מיוחסת זיצט (פערשטעהט זיך, נישט, חס ושלום, אין תפיסה), נאָר אויף דער „שאַדאַלע" — אַוודאי אויף פיערציג אייער.

אַז מען רייבט זיך נישט אָן דער וואַנד און מען האָט נישט אין זין קיין פאָליטיק — העלפט גאָט.

און די אייער זענען דעריבער גרויסע און, מן הסתם, פולע; פון די אייער וועט אַרויס — —

נאָר וועגען דעם חלומ'ט טאַקי די הוהן.

זי זיצט מיט פערמאַכטע אויגען און דאָך זעהט זי, ווי פון די אייער טרעט אַרויס אַ שטיק פיערציג העהנער —

העהנער, קיין איינציגע הוהן! און איינס אויף איינס העה־נער פון העהנער־לאַנד, גרויס־געוואַקסענע, שטאַרק געבויטע, אויף קופערנע פיס, מיט שאַרפע קרעלען; פליגעל ווי ביי אַנ־אָדלער, און רויטע: וואָס רויטע? — פלאַמענדיגע קאַמען!...

מען זאָל זיי נאָר קיין עין־הרע נישט געבען!

און גלייך פון די אייער טרעט אַרויס די מחנה גבורים און לאָזט זיך געהן אויפ'ן הויף... זי געהט נאָך, און דאָס האַרץ אין איהר וואַכסט און וואַכסט, עס וואַכסט ווי אויף הויי־וועז, אַרויסשפרינגען וויל עס, זאָל עס שפרינגען!

— קוקיריקו! שרייט דער עולם — אַזאַ קול האָט נאָך די וועלט נישט געהערט!

— קוקיריקו! דאָס בערגל מיסט אין דער זייט ביי דער קיך שאָקעלט זיך און פּאַלט. אין גאַנצען הויז ציטערן די שויבען.

— קוקיריקו!

און, אַלע, אַלע אַרום בלייבען שטעהן ווי פערשטיינערט!

ווער זענען די גבורים?!

דער אַלטער קודלאַטער הונד קריכט אַרויס פון זיין שטיבעל, און בלייבט אויך שטעהן פערגאַפט — ער האָט די צונג אין מויל פערגעסען, ער בילט נישט!

די חברה קעץ האָבען זיך אויסגעזעצט אויפ'ן פּלאָט, וואָס צוימט אַרום דעם הויף, און קוקען זיך די אויגען אויס...

מויל-ווערף קריכען פון אונטער דער ערד אַפער; האָזען האָבען בעוויזען זיך אין עק וואַלד — פערגאַפט, חאַטש האָפּ זיי מיט דער האַנד!

און ער, וואָס וועט ער זאָגען? ער, דער גרויסער זאַמד-גריבלער, דער גרויסער קאָרן-שלינגער, איהר מאַן?! צי וועט ער נאָך קוקען אויסער איהר אויף אַ הוהן?!

ניין!

און דעמאָלט, דעמאָלט וועט זי שוין זיין אויפ'ן שפּיץ פון איהר גליק. אַז ער וועט וויסען און זעהן, וואָס זי קען, אַז די וועלט וועט געוואָהר ווערען וואָס זי האָט איהם געגעבען, דעמאָלט — וועט זי שוין מעגען שטאַרבען! דעמאָלט וועט זי אַליין צו-געהן צו דער ברייטער קעבין, און אויסשטרעקען דעם האַלז.

— נעהם, וועט זי זאָגען, און קאָך וויעטשערע!

עס פּיקט אונטער דער הוהן, נאָר זי הערט נישט. טרויע-ריגע געדאַנקען זאַמלען זיך אין קעפּל —

„נעהם און קאָך וויעטשערע!"

— נאָר — פאַר וואָס? פאַר וואָס מוז זיך אַלץ ענדיגען

מיט'ן מעסער? פאַר וואָס זאָלען מענשען עסען איהר פלייש, דער הונד — די ביינער און פון די פעדערן זאָל מען מאַכען בעט־געוואַנד?

צי איז אויף דער וועלט קיין רחמנות נישט דאָ, קיין יושר? פאַר וואָס זאָל מען נישט וויסען אויף דער וועלט איין אונטערשיעד פון א היהן ביז א הוהן, פון א לויפערקע, א מויל־מאַכערין, איין אינטריגאַנטקע אָדער אַזוי א שלים־מזל א הוהן, ביז א הוהן א מיוחסת, א הוהן, וואָס שטעלט צו דער וועלט אַזוינע געהנער, אַזוינע העלדען, ווי איהרע וועלען זיין?!

— פיק! פיק! פיק!

נאָר זי הערט נישט.

האלב פערשלאָפען ציהט זי וויטער איהרע טרויעריגע חלומות, — און נאָכ'ן מעסער? צי איז שוין איין עק פון אַלעם? צי אויף יענער זייט צוים איז שוין גאָר נישט דאָ?

נאָכ'ן צוים איז באַלד דער וואַלד, און דערנאָך, נאָכ'ן וואַלד וואָס איז?

צי זאַמלען זיך נישט דאָרט די נשמות פון פרומע היהנער און פיקען האָבער, גערשטען און ווייץ פראַנק און פריי און אָהן א שרעק פאַר'ן מעסער?

— פיק, פיק, פיק!

זי הערט נישט...

זי איז א מאַמע, און א מאַמע מוז אָן זיך אַליין פערגעסען! נישט אין איהר לעבען געהט עס, נאָר אין זייער לעבען!

געזונד און פריש מוז זי זיי אַרויסגעבען דער וועלט!

האָטש אין א צייט אַרום וועלען זיי די אייגענע מוטער נישט דערקענען! די אייגענע מוטער אַוועקטרייבען פון א פעטען בערגל מיסט.

נאָר זי וועט איהר'ס טהון...

פיק־פיק־פיק! פיק־פיק־פיק!

זי דערהערט!

נאָר אַזוי געשווינד אויפהויבען וועט זי זיך נישט!

זי ווייסט, אַז אין דרויסען איז אַ ווינד, אַ שטורם ווינד און די גבורים איהרע וועלען זיך נאָך יונגערהייט פער־קיהלען!

— וואָס פיקט איהר? צי איז אייך נישט גוט אונטער דער מוטער'ס שוים? נישט ווארעם, נישט זיכער אונטער איהרע פליעגעל!

ווארט קינדערלעך, ווארט!

נישט עביג וועלען בלאָזען שלעכטע ווינטען, נישט עביג וועלען זיין די וואָלקען אין הימעל...

גאָט וועט זיך ערבארמען, גאָט וועט זיינע העחנער נישט פערגעסען! רייניגען וועט זיך דער הימעל, שיינען וועט די זון, און עס וועט זיין אַ וועטער, אַ וועטער!

עטליכע היהנער, וואָס האָבען שוין לאַנג אַרויסגעפיהרט זייער יונגוואַרג אויפ'ן הויף, קומען צו דער פערשפעטיגטער יולדת.

— מזל־טוב, מזל־טוב! ווערט אַ געפיקעריי.

נאָר זי ענטפערט נישט, זי וועט מיט זיי נישט פיקען...

זי בויגט איין דאָס קעפל אין בעהאַלט עס צווישען די פעדערן איף דער ברוסט...

די היהנער ענטלויפען פערשעמט און זי הויבט צוריק אויף דאָס קעפל מיט חכמה און גאוה צוזאַמען...

זי דאַנקט גאָט, וואָס מען האָט זי אַליין געלאָזט, אַליין מיט איהרע נעדראַנקען, מיט איהרע גבורים...

און דאָס האַרץ צוגעהט אין איהר אין נחת; וואָס פאַר אַ פיינע קינדער זי האָט! זיי זענען אַוודאי גרעסער ווי אַנדערע קאַפּהעהנער! נאָר אַז די מאַמע הייסט, ליעגען זיי שטיל, וואַרטען זיי, קיין איינציגער פיקט שוין נישט!

קלוגע קינדער, זיין גבורה און איהר עדעלקייט, איהר גוטקייט!

פאַר קליין און גרויס.

און גאָט ווייס ווי לאַנג די קלוגע הוהן וואָלט געזעסען אויף איהרע גבורים, ווען נישט די קעכין וואָס האָט זיך אָן איהר דערמאַהנט און איז אַריין ווי אַ בליץ זי אַראָבצוציאָגען פון דער שאַדאַלע!..

און אַז מען האָט די „מיטער" אַראָבגעיאָגט פון דער שאַדאַלע, האָבען זיך בעוויזען קליינע, שוין לאַנג דערשטיקטע, איינפאַכע היהנדלעך...

מיסט־חלומות.

פון אלטע שטיוועל אין קאמאשען מאכט מען פאנטאפעל, און די איסגעשניטענע פשישוועס און די אבצאסען פערקויפט מען א שוסטער אויף לאטקעלעך!

אין פערמעגליכערע הייזער, וואו פאר 3 גראשען איז נישט כדאי צו רעדען מיט א שוסטער,ווארפט מען זיי ארויס אויפ'ן מיסט. איז זיי אייגענטליך בעסער, דען, אז זיי קומען צוריק אין שוסטערישע הענד, ווערען די שטיקער פשישוועס נאך אויף קלענערע שטיקלעך צושניטען און די אבצאסען צוגלידערט; פון יענע ווערט לאטקעס צו פשישוועס און חאליוועס, און האבען מיט נאל אין דראטווע צו טהון; און פון די אבצאסען ווערט לאטקעס צו פאדעשוועס און זיי בעגעגענען זיך נאך אמאל מיט נאל, שטיפט אין האמער. און אזוי ווערען בײדע געשטאכען, געלאטעט און דערנאך ווייטער געטרעטען... נאר דאס טרעטען און שטעכען איז נאך געלד געגען דעם מאראלישען אומגליק! יעדער אבצאס, שוין יאהרען לאנג פון כמעט גלייכע שטיקלעך צוזאמען־געשלאגען, און בפרט א פשישווע „מעור אחד”. האבען זיך שטענדיג געפיהלט גוט צוזאמען, אצונד ווערען זיי צוטהיילט און צודראבעלט און זיי צופאלען זיך אין פרעמדע שטיוועל אריין! אויפ'ן מיסט האבען זיי חאטש מנוחה... אמת, זיי פוילען, נאר ערשטענס — פוילט זיך יעדערער אין גאנצען, נישט געבענקט, אהן א ציריסען הארץ; און צווייטענס, איז לעדער אזוי הארט און הארט־נעקיג, און זיי פוילען אזוי לאנגזאם, אז זיי פיהלען עס נישט כמעט! און, אז עס טרעפט יא, אז איינער דערפיהלט, טראכט ער דאך: עט! איידער עס וועט מיך אין גאנצען דורכנעמען, קען נאך א מלחמה ווערען... משיח קומען!

אין דער וייל איז חאטש ויארעם! קיינער טרעט נישט, ווייס

קיינער וויל קיין שטיוועל אין מיסט אַריין נישט שטעקען... עס טרעפט זיך, עס פאַלט אַמאָל אַרויף אַ שכּור, שלאָפט ער זיך אוים — ואיננו! מען ציטערט נאָר פאַר די שמאַצמאַרקים!... דאָס איז אַמאָל אַ לוסטיג פאָלק געווען, גאַנצע שיך אַוועק־געוואָרפען, היינט קלויבען זיי שטיקלעך און טראָגען זיי צו׳ם שוסטער! אָט, דעריבער טאַקי בעגראָבען זיי זיך טיעף און טיעפער אינ׳ם בערגל מיסט... און טיעף אין מיסט איז וואַרעם און דושנע... די אַלטע אָבצאַסען און שטיקער פּשישווע קריגען אַ ביסעלע היץ און פלוידערן פון ויעג, און אַז מען ספּלאַוויעט דאָס מיסט אין קאַנאַל אַריין, חלומט זיך זיי — גלגול מחילות...

און זיי וואָלטען אַזוי גליקליך חלומ׳דיג דערפוילט זייערע יאָהרען, ווען נישט דער שטן — דאָס מחלוקת... זיי האָבען קיין אחדות נישט אין מיסט: פּשישווע מיט קנאַפּעל ווילען זיך נישט קענען, צוויי אָבצאַסען פון איין שטיוועל בלאָזען זיך אידאי — דער רעכטער שרייט, אַז ער איז דער רעכטער, און דער לינקער — אַז ווען פיס זאָלען תפילין לעגען, וואָלט ער געהאַט בלאָהע צייכען פון דער רצועה! פון פערשיעדענע שטיוועל איז פונקט איינער אַ שפּיציגער פראַנצויז און דער צווייטער אַ פלאַך־שטייפער ענגלענדער; און, טרעפען זיך שוין צוויי פראַנצויזען אָדער צוויי ענגלענדער. בעקוקט מען זיך אַ האַלבע שעה פון אַלע זייטען, און אַז איינער דערזעהט, אַז דער צווייטער איז מעהר אָבגעשליפען, מאַכט ער פליטה פון קבצן. און דעריבער פוילען זיי אין דער מאַסע אין מיסט, און דאָך איינזאַם און טרויעריג. יעדער פוילט, און יעדען חלומ׳ט זיך בעזונדער... און אַזוי שווימען זיי אָב זייער בעשערטען גלגול מחילות...

נאָר יעדען פרייטאָג צו נאַכטס, ווען דער חזן זאָגט „לכה דודי" און זינגט: התנערי, מעפר קומי! דערפיהלען זיי אַ ציטערניש אין די ביינער און ווילען זיך אויפהויבען! נאָר יעדעס שטיק בעזונדער איז פערפוילט און אָהן כח, און זיך צוזאַמען־נעהמען איז נישט מעגליך...

און אַזוי פוילען זיי ווייטער משבת לשבת.

דער גולם.

גרויסע לייט פלעגען אמאל בעווייזען גרויסע נסים... אז מען איז אין פראג אמאל בעפאלען דעם גהעטא און מען האט געוואלט מטמא זיין די ווייבער, אבבראטען די קינדער און אויס־קוילען די רעשט; אז עס איז שון געוועזען „כלו כל הקצין", האט דער מהר"ל אוועקגעלעגט די גמרא, ארויסגעגאנגען אין גאס, צוגעגאנגען צו'ם ערשטען בעס־ען בערגל לעהם, פאר א מ־למד'ס טהיר, און האט אויסגעקנעטען א לעהמיגען גוף. — דעם גולם האט ער אריינגעבלאזען אין דער נאז — און דער האט זיך אנגעהויבען ריהרען; דערנאך האט ער איהם איינגערוימט אין אויער אריין א שם, און אונזער גולם איז ארויס פון גהעטא. — דער מהר"ל איז צוריקגעגאנגען אין בית המדרש אריין לערנען, און דער גולם איז בעפאלען אונזערע שונאים, וואס האבען דעם גהעטא בעלאגערט, און האט געדראשען ווי מיט צעפעס... מענ־שען זענען געפאלען ווי די פליגען!

פראג ווערט פול מיט הרוגים... אזוי האט עס — דער־צעהלט מען — געדויערט מיטוואך, דאנערשטאג; עס איז שוין פרייטאג, עס שלאגט שוין צוועלף דער זייגער, און דער גולם טהוט אלץ ווייטער דאס זייניגע.

— רבי! האט זיך קהל געבעטען, דער גולם הרג'ט אויס גאנץ פראג! עס וועט נישט בלייבען, ווער עס זאל שבת די אוויוען הייצען, די לייכטער אראבנעהמען!

דער מהר"ל האט ווייטער מפסיק געוועזען פון לערנען, געשטעלט זיך צו'ם עמוד און אנגעהויבען „מזמור שיר ליום השבת"!

דער גולם האָב אויפגעהערט צו טהון זיין מלאכה. ער איז צוריקגעקומען אין גהעטאָ, אין ביהמ״ד אַריין, און איז צוגע־גאַנגען צו׳ם מהר״ל. דער מהר״ל האָט איהם ווייטער עפּיס איינגערוימט אין אויער; עס האָבען זיך דעם גולם די אויגען צוריק פערמאַכט, די נשמה איז פון איהם אַרויס און ער איז צוריק לעהמיגער גולם געוואָרען...

דער גולם ליעגט עד היום בעהאַלטען אין פּראָגער שוהל אין דער הויך, בעדעקט מיט׳ן שפּינוועבס, וואָס וועבט אַרויס פון אַלע פיער וועגד, און פערשפּרייט איבער דער גאַנצער אַרקאָדע, עס זאָל איהם, דעם גולם, קיין אויג נישט זעהן, בפרט טראָגענדיגע ווייבער פון עזרת־נשים! דעריבער טאָקי טאָר מען דאָס שפּינוועבס נישט ריהרען, און ווער עס ריהרט דאָס אָן —— שטאַרבט... די עלטסטע מענשען געדענקען שוין נישט דעם גולם, נאָר דער חכם צבי, דעם מהרל״ס אייניקעל קלערט נאָך: צי מען מעג אַזאַ גולם מצרף זיין צו׳ם מנין אָדער צו מזומן...

דעם גולם, זעהר איהר — האָט מען דאָך נישט פערגע־סען... ער איז דאָ! נאָר דער שם, ווי אַזוי מען זאָל בשעת הדחק דעם גולם לעבעדיג מאַכען, דער שם איז ווי אין אַ וואַסער אַריין! און דאָס שפּינוועבס וואַקסט און וואַקסט און מען טאָר עס נישט ריהרען. — טהו עפּיס!

בּוימער.

אין אַ ברייטע אַלעע שטעהען ווי־זאָ־ווי צוויי בוימער. עס קומט דער פריהלינג מיט גאָטס זעגען, מיט פריש לעבען, מיט בלומען, טהוי און געזאַנג... עס קומט דער פריהלינג און די טרויעריג־געבויגענע בוימער גלייכען זיך אויס. עס ווערט אַלעס וואַרעמער און וואַרעמער; די שרעקענדיגע ווינטלעך בלאָזען לייכטער, לוסטיגער און פרעהליכער; די זון ווערט מילד און פערשוועגדעריש; גאַנצע בינטען ליכט פליהען אין די לופטען, די צווייגען ווערען גרין און גרינער, זיי צוואַקסען זיך אין אַלע זייטען און ווערען מיט בליטהען און בלעטער בעדעקט.

און די רייכע גליקליכע בוימער בויגען זיך צו איינס צום צווייטען; עס מישען זיך אויס די צווייגען. עס האַלזען זיך די בלעטער, עס קושען זיך די בליטהען! פוןביידע דערווייטער־טע שטאַמען טרייבט זיך אַרויף די שפּע ביז דער קרוין פון לעבען און ליעבע, וואָס האָט זיי אַצונד צוזאַמען־געפּאָרט!

גליקליכע בוימער! גליקליכע ליעבע! דער בלאָהער הימעל איז איבער זיי די חופּה, די געפליגעלטע קאַפּעלע שפּעלט זיי איין מיט זיסע טרעלען, זיי חלומט זיך עביג גליק און פערגעסען זיך איינס אינ'ם צווייטענס אָרעם...

עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינד... עס פאַלען אַראָב די בליט־העז, און די נאַקעטע בלעטער טוליען זיך דערשראָקען איינס

צום צווייטען... עס בלאָזט נאָך קעלטער... די פויגעל געזעגנ-נען זיך טרויעריג און פליהען אוועק... זיי קענען אָהן ווארעמקייט און ליכט נישט זינגען, נישט לעבען... עס בלייבען נאָר קראָנ-קע, וואָס דער שניי וועט בעגראָבען...

דער הימעל בעדעקט זיך מיט אַ גראָהען וואָלקען, עס הויבען אָן פאַלען די בלעטער; געלע, טרויעריגע צווייגען חאַפּען זיך אויף פון זיסען שלאָף, עס פערשווינדען די זיסע חלומות... זיי ציהען זיך איין, זיי ווערען קירצער און קירצער...

עס פאַלט דער ערשטער קאַלטער שניי, — די בוימער האָבען זיך צוריקגעצויגען איינער פון צווייטען, זיי שטעהען שוין צוריק אָבגערוקט ווייט מיט די שטאַמען צוגלייך... זיי האָבען שוין איינס דאָס אַנדערע פערגעסען... אָט, שטעהען זיי שוין פרעמד. קאַלט, קוקען אויף זיך מיט בייזע אויגען... און אונטען געהט אַ מערדערישע מלחמה צווישען די וואָרצלען איבער אַ טראָ-פּען זאַפט...

צי וועט נאָך צוריק זומער ווערען?

— איך וועל איהם שוין נישט דערלעבען! צאַפּעלט און גוסט איין איבערגעלאָזטע שוואַלב אין שניי.

— קראָ—קראָ—קראָ! רופט לוסטיג די שוואַרצע גנב'טע. די קראָהע, עס וועט שוין קיינמאָל קיין זומער נישט זיין — און לאָזט זיך אַראָב מיט'ן שאַרפען שנאָבעל צו דער פערפרוי-נער ערד.

— פּההי! איס זומער! בלאָזט דער קאַלטער ווינד...

II.

קליינע בילדער.

אינהאלט:

וועלכע 53

פאדליעץ 55

שוויין 57

עס איז דאך קייז זאקעו 59

װעלכע?

I.

דאָס שענסטע פון אַלע שטיינבילדער אין גאָרטען איז ווענוס — די גריכישע געטין פון שעהנהייט. פון ווייסען מאַרמאָר, אויף אַ גרינליך־בלאַנקען פיעדעסטאַל, שטעהט די שעהנע געטין און קוקט מיט איהרע פריי־אָפענע אויגען אויף אַ טעראַסע מיט פרישע רויזען און ליליען.

אין דער אַלעע בעווייזט זיך אַ נייַנצעהן־יעהריג מעדכען. איהר געזיכט שטראַהלט מיט פרייד, די אויגען שפריצען מיט פרישען געזונדען לעבען. זי געהט צו צו ווענוס.

מיטהווילינג שפרינגט זי אַרויף אויפ'ן פיעדעסטאַל — זי איז איין גרויס מיט דער געטין.

דאָס פרעהט זי. זי נעהמט אַרום מיט דער אַלבאַסטער־האַנד דעם מאַרמאָרנעם געטליכען האַלז, לעגט צו איהרע פרישע, קרעלענע ליפען צו די געטליכע.

אַזוי שטעהט זי אַ ווײַלע. און ווער עס געהט דורך פרעגט זיך!

— וועלכע איז שענער? צי די פון שטיין, צי די פון פלייש?

II.

אונטער אַ דיקע בלאַנקע שויב, אין אויסשטעלונג פון אַ מאָדע־מאַגאַזין, שטעהט אַ שעהנהייט, בעהאָנגען מיט מאָדע זאַכען, נאָר אויסגעקלעבט פון וואַקס.

די ליפען זענען אוננאַטירליך רויט, ווי ערשט פריש און צו פיעל געפאַרבט; דאָס געזיכט איז געלבליך־מאַט, די ברייט־געעפענטע אויגען — שטאַר, אָהן אַ בליק; אַם שרעקליכסטען זענען דאָך די ברעמען; אַ רייהע פון שטייפע האָר, וואָס שטעהען איינס ווייט פון צווייטען...

אינעווענינ, אין האַלב־פערדונקעלטען לאַדען קויפען דאַמען אַלערליי בענדער.

— פרייליין — מאַכט די דיקע מאַדאַם צום לאַדען־מערכען, — נעמען זי נאָך אַרוים די קאַרמין־בענדער פון דער אויסשטעלונג.

דאָס מערכען פאָלגט.

איהר גאַנג איז מיעד און וואַקעלדיג; מיט אַנשטרענגונג עפענט זי ברייט די רויטליכע אויגען, אום נישט אַיינצושלאָפען אין גאַנג. דאָס געזיכט איז שעהן, נאָר מאַט, געלב און אָבגעלעבט; די ליפען רויט, נאָר, קענטליך, פריש געפאַרבט.

זי עפענט דאָס פענסטער, בויגט זיך איבער דאָס וואַקסענע בילד און זוכט די בענדער. זוכענדיג, פערטראַכט זי זיך, און פערקוקט זיך אין דער לופט אַריין, אויף גאָר נישט...

אַזוי שטעהט זי אַ ווײַלע. און ווער עס געהט דורך אין גאַס פרעגט זיך:

— וועלכע איז שרעקליכער? די פון וואַקס, צי די פון פלייש?

פָּאַדְלִיעץ.

I.

אַ רייכער מאַן פאָהרט דורך און בעמערקט אַ בעטלער וואָס שטעהט אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנד. עס איז קאַלט און פייכט. גאָט ווייס, ווי לאַנג דער בעטלער שטעהט שוין און וואַרט אויף אַ נדבה.

דער רייכער מאַן קריגט רחמנות, האַפּט אַרוים און וואַרפט דעם בעטלער אַ זילבערן צעהן־קאָפּעקען שטיק.

דער בעטלער קוקט אויפ'ן אָרט, וואו די מאָנעטע איז גע־פאַלען און ריהרט זיך נישט פון אָרט. דער רייכער מאַן בע־מערקט עס, — עס איז איהם ווייניג — טראַכט ער.

— פּאָדליעץ!...

II.

די דראָשקע ..יז פערביי. דער בעטלער זעצט זיך קראַכ־צענדיג אויפ'ן טראָטואַר.

עס איז פייכט און קאַלט, און עס ברעכען איהם די ביינער; די פים זענען ווי פערשטאַרט... גאָטס ווייס, ווי אַזוי ער וועט

היינט אַ היים קומען; זיי פאָלגען נישט, די הילצערנע פיס. זיטצענדיג, קען ער אויך צו דער מאָנעטע נישט דערלאַנגען, ער ציהט זיך אין גאַנצען אויס און שטרעקט אויס די האַנד... קוים קוים! ער האָט זי!

ער נעמט זי צו די אויגען צו, זי איז פאַלש! און ער שרייט אויך אויס:

— פאַרליעץ!

שְׁווַיין.

אויף אַ גאָלד געשטיקטער סאָפע ליעגט אַ בלאַסע דאַמע אין אַ העל זיידען קלייד.

דורך די שווערע גארדינען פאַלט אַ מאַטער שיין אויף איהרע קליינע שמאָלע ליפּען, וואָס קרימען זיך אויף אַ שווערען זיפץ. אין די טיעפע בלאָהע אויגען בעוויזען זיך טרעהרען...

עס איז איהר נישט גוט... נישט דאָס האָט זי געמיינט!

ליעבע האָט זי געוואָלט, אידעאַלען האָט זי געזוכט...

און ער גיט איהר בריליאַנטען און פּאַלאַצען...

רעדט ער מיט איהר, פון געלד-זאַכען... פון פּאָדריאַדען...

קיינער פערשטעהט זי נישט; נישט ער — דער מאַן, נישט זיינע, נישט איהרע געסט...

און דאָס האַרץ איהר'ס בענקט! עס קלעמט, עס פיהלט זיך פרעמד אין דער וועלט פון געלד, פון זילבער, גאָלד און בריליאַנטען... עס רייסט זיך צו אידעאַלען, צו... צו... צו...

עס איז איהרווירקליך נישט גוט, כאָטש עס פעהלט איהר דער אויסדרוק.

זי שטרעקט אויס די ווייסע בלאַנקע האַנד, און ריהרט דאָס גלעקעל אויפ'ן טיש צוקאָפּענס.

עס בעוויזט זיך דאָס צימער-מעדכען.

— אַ טאַסע קאַפע! בעפעהלט די דאַמע.

דאָס מעדכען פערשווינדט און קומט צוריק מיט אַ חינעזיש פּאָרצעלאַנענער טאַסע אויף אַ שווערע זילבערנע טאַץ. דער פיינער

י. ל. פרץ

נעריך פון פיינעם קאַפע מישט זיך אוים מיט'ן לייכטען היאַצינטען נעריך אין צימער.

געהענדיג צו דער סאָפע, פערטשיפעט זיך דאָס שטובען־מעדכען אין אַ פערבויגענעם עק פון טירקישען דיוואַן און — פאַלט.

עס הערט זיך אַ טייבער קלאַנג פון דער געפאַלענער טאַץ און פלאַצענדער טאַסע.

— שוויין! שפּרינגט אויף און שרייט די דאַמע.

עס איז דאָך נישט קיין זאָקען ·

אין זאָקען־פאַבריק ·

עס קומט אַריין אַ מערכען מיט אַ טוץ אויסגעאַרבייטע-
וואָלענע זאָקען · זי געהט צו צום אַלטען הערר ·

ער וואַרפט אַ בליק אויף דער סחורה, ווייזט איהר מיט'ן
פינגער צום י ו נ ג ע ן הערר.

זי געהט לויט מען ווייזט איהר ·

דער יונגער הערר נעמט די זאָקען אין האַנד אַריין — גענוג-
ווייך · דערנאָך לעגט ער זיי אויף דער וואָג, — זיי האַלטען אוים,
דערנאָך נעמט ער אַ מאָס און מעסט די לענג, די ראַנד, דעם
פוסבאַלען —— גוט ·

דאָס מערכען אָטהעמט אָב; שטרעקט אוים די האַנד-
נאָך געלד ·

— אַ ווײלע! מאַכט דער „יונגער הערר". ער נעמט פון-
טיש אַ פערגרעסער־גלאָז, ווישט עס אוים און בעטראַכט
די אַרבייט ·

נאָך אַ לאַנג בעטראַכטען, זאָגט ער גלייכגילטיג, נאָר פעסט:

— עטליכע פעדים איבערגעהאַקט — דריי אויגען נאָכגע-
לאָזט . . . דריי פראָצענט אַראָב!

— אָבער . . . וויל זי זיך פערטהיידיגען ·

— קיין אָבער! האַקט איבער דער יונגער הערר, ניט-
איהר אַ קוויט צו דער קאַסע · —

די טהיר עפענט זיך ווײטער, און עס בעוויזט זיך אַ לאַ-
בענדיג געלב־יודעל ·

— גוט מאָרגען !

— גוט יאָהר, ענטפערט דער אַלטער הערר, ביטע! דאָס געלע יודעל געהט צו צום אַלטען, זעצט זיך ביי'ם טיש.

— דאָס איז מיין זאָהן! ווייזט ער אויפ'ן יונגען מיט שטאָלץ.

— אַ סוחר! — גיט ער צו — און נאָך ווי הייסט אַ סוחר!

— נו, איז גוט! ענטפערט דאָס געלע יודעל, — אַ סוחר דאַרף געלד!

— געלד! ציהט דער אַלטער מיט די אַקסעל.

— 15-טויזענד אין באַר!

— נאָר איין פּוס אַ ביסעל קורצער — מישט זיך דער יונגער הערר אַריין מיט איין אונמוטיגען שמייכעל.

— מען זעהט קוים אָן! מאַכט דער שדכן.

— אָבער קירצער איז ער!

— נו, — מאַכט דער אַלטער, — אַ כלה איז דאָך נישט קיין זאַק! מען קוקט נישט אויף קיין פערגרעסער-גלאָז!

III.

קינדער.

אינהאלט:

וועגען קינדער. 63

דאס קראנקע יונגעל 76

די ווילדע בריאה 84

די לבנה דערצעהלט 93

קינדער־שפיעל. 96

וָועגֶען קִינְדֶער.

(אין צוויי דראמאַטישע בילדער).

פֶּערְזָאנֶען.

שרה — אַ קראַנקע אין בעט.

מאיר — איהר זוהן, א יונגער שניידער געזעל.

מרים — זייער קרובה.

שניידער געזעלען.

אַ שכנה — אַ פרומע, אָרעם געקליידעטע פרוי פון א יאָהר 40.

בית־דין שמש.

צווישען ערשטען און צווייטען בילד געהט פארביי אַ יאָהר צעהן

י. ל. פרץ

ערשטעס בילד.

איין ארעם צימער.

רעכטס א טהיר אין קארידאר אריין. לינקס — א פענסטער אויף גאס אריין. אין דער מיטעל־וואנד א פערמאכטע טהיר, פערהאנגען מיט שניידער־ארבייט.

לינקס פון דער פערמאכטער טהיר: א געלעגער: א שעניק, א שטרויען קישען, א קאלדערע. אלץ אלט, געצערעט נאר ווייס איבערגעצויגען. אין מיט שטוב — דער קראנקער'ס בעט. פארן בעט, רעכטס און ארויס־גערוקט — איין אלטער, מיט שווארצע לעדער בעדעקטער פאטער־שטוהל, מיט א שאל איבער דער אנלעהן, און — א ווייס קישען אויפ'ן געזעס. פארן בעט — א טישעל. דערויף — מעדיצין־פלעשעלעך, א פאר טעלער און דערגלייבען. נעהנטער און אין מיט שטוב — איין ארבייטס־טיש, אויף איהם רעכטס — א שניידערישע פוס־נעה־מאשין, לינקס א האנד־נעה־מאשין צו וועש.

איבער דער צייט פון שפיעלען — הערט זיך אפט א גערויש דורכ'ן פענסטער פון גאס און דאס קרעכצען פון דער קראנקער אין שלאף.

(דער פארהאנג געהט אויף.)

(דאס שפאנישע ווענטעל איז אבגערוקט פון בעט).

שרה: (קרעכצט, איינשלאפענדיג).

מרים: (פארעט זיך ביים בעט; גלעט די קראנקע און שלעפט זי איין).

מאיר: (ארבייט ביי דער פוס־מאשין. קוקט מיט ברענענדיגע אויגען אויף מרים'ן און איהרע בעוועגונגען ביים בעט).

מרים: (געהט אב עטליכע טריט הינטערווייליכטס, רוקט צו דאס שפאנישע ווענטעל).

מאיר: (האפט צוריק די אויגען צו דער ארבייט).

מרים: געלויבט איז גאט — איינגעשלאפען.

מאיר: (איראניש) געלויבט זיין ליעבער נאמען. (קורצע פויזע) אויף לאנג?

מרים: דאס גערויש פון גאס זאל זי נאר נישט וועקן...

מ א י ר: (ביטער). זיך אַ בעסערע דירה!

מ ר י ם: (קוקט אויף מאיר'ן מיט רחמנות, ועצט זיך צו דער ארבייט. צו וועלכער זי בויגט אַראָב דעם קאָפּ).

מ א י ר: (הויבט די אויגען אויף, קוקט אויף איהר מיט אַ געמישטען בליק פון ליעבשאַפט, ביטערקייט און צאָרן).

מ ר י ם: (דערפיהלענדיג זיין בליק. רוהיג): האָסט עפּיס געוואָלט, מאיר?

מ א י ר: (געשווינד צוריק אַראָבלאָזענדיג די אויגען און האַסטיגער ארבייטענדיג) איך? —— געוואָלט? — אין מיין גאַאַל וויל מען נישט — טאָר מען נישט וועלען.

מ ר י ם: עט! (נעהמט זיך צוריק צו דער אַרבייט).

מ א י ר: (ביטער און בייסיג) ז'האָט זיך בעליידיגט די פּריצה! רעד מיט איהר דורך אַ ויידען טיכעל! —— ד'האָב נישט קיין זיידען טיכעל (פּויזע).

ש ר ה: (ווי פון שלאָף). מרים'לעב!

מ ר י ם: (הערט זיך איין).

ש ר ה: (וואַכענדיגער). מרים'לעב!

מ ר י ם: ד'נעה, מוהמע (געהט צו, רוקט אָב דאָס שפּאַנישע ווענטעל) וואָס ווילסט דו, מוהמע?

ש ר ה: אַ ביסעל וואַסער...

מ ר י ם (דערלאַנגט איהר צו'ם מויל).

ש ר ה: (וויל אויסבויגען דעם קאָפּ צו דער שטוב און קאָן נישט).

מ ר י ם: (וויל איהר העלפען).

ש ר ה: (אָבוועהרענד) ניין... ניין... ס'טהוט וועה... ס'טהוט אַזוי וועה... (פּויזע) ער איז דאָ?

מ ר י ם: ר'איז דאָ...

ש ר ה: זייט דו ביזט געקומען זיצט ער אין דערהיים!.. (העכער) זאָל דיר גאָט בעצאָהלען דערפאַר!

מ א י ר: ווייבער קאָנען אָהן גאָט נישט לעבען!

ש ר ה: גנה צו איהם, גנה... (זאָגט איהר עפּיס ועהר שטיל).

מ ר י ם! (שווייגט אונרוהיג פּען ש ;מט)

שרה: האסט עס געוואוסט...

מרים: איך האָב עס פערשטאַנען...

שרה: נו, געה... געה —— צו דער מאַשין... איך וועל אפשר נאָך איינשלאָפען!

מרים: (טרעט אָב פון בעט, פעררוקט צוריק דאָס ווענטעל, זעצט זיך צוריק, פויזע).

מאיר: נאָך וואָס ביסט דו צו אונז געקומען, פריצה?

מרים: נישט צו דיר. די מוהמע האָט געשריבען... פלעגסט זי אליין לאָזען... אויף פערזאמלונגען געהן... די בריעף זענען דורכגענעצט געוועזען פון טרעהרען.

מאיר: און עס האָט דיך געריהרט?

מרים: נישט קיין רחמנות?

מאיר: אַ טהייערער ביסען רחמנות — פאַר אַנ'אָרעמאַן, אַנ'עושר — עס ווערט איהם וואָרעם ביי'ם האַרץ, חאַפּט ער אַרויס אַ קערבעל און קיהלט זיך אָב. אַנ'אָרעמאַן מיז זיך אַוועקגעבען!— איינגאַנצען!

מרים: מיין גוטער ווילען.

מאיר: און דאָ בלייבסט דו — לאַנג?

מרים: (פעסט) איך בלייב!

מאיר: ביסט'ו אַ נאַר... אַ מיידעל איז יונג, שעהן...

מרים: (שמייכלענדיג דורך טרעהרען) שעהן איך, מאיר?

מאיר: (נישט אַכטענדיג) און אַ פרייער פויגעל —— איינע אליין — — —

מרים: ביסט שוין אַמאָל געוועזען איינער אליין?

מאיר: ניין...

מרים: זאָל דיך גאָט דערמיט נישט שטראָפען...

מאיר: ווען איך בין אליין — —

מרים: וואָס וואָלסט'ו געטהון?

מאיר: אַוועק וואָלט איך... אַוועק?...

מרים: פון דער קראַנקער מאַמע'ן?

מאיר: „אליין" — האָב איך געזאָגט...

מרים: און פון מיר?

מאיר: — — דו וואָלסט ערשט די פליגעל צושפּרייט! אַ פרייער פויגעל... מיט דיין שעהנקייט... די וועלט וואָלט פאַר דיר אָפען געשטאַנען...

מרים: (שפּרינגט אויף פערציטערט) וואָס ווילסט דו פון מיר, מאיר? וואָס פער'סמ'סט דו מיר דאָס בלוט! (געהט האַסטיג איבער דער שטוב) ווי פיינד דו האָסט מיך!

מאיר: איך האָב אַלע פיינד! פאַר וואָס דיך נישט?

מרים: (שטעלט זיך פאַר'ן אָב) מיך האָסט דו בעזונדער פיינד!

מאיר: עקסטראַ?

מרים: און ווייסט דו פאַר וואָס, מאיר, דו האָסט מיך פיינד?

מאיר: פאַר וואָס זאָל איך דיך האָבען ליעב?

מרים: דוקא פערקעהרט! וויל דו האָסט מיך ליעב! וויל דו ליעבסט מיך, האָסט דו מיך! האָסט מיך פיינד, ווי אַ קראַנק קינד האָט פיינד זיין מעדיצין... פון וועלכער עס קאָן געגעזען ווערען!

מאיר: אין וועלכען ראָמאַן האָסט'ו עס געלעזען?

מרים: ניין, מאיר! איך זעה... פאַר מיר בעהאַלטסט דו דיינע אויגען, אָדער קוקסט מיט האַס; און לאָז איך נאָר דעם קאָפּ צו דער אַרבייט אַראָב — שוועבט שוין נאָר אַן אַנדערער בליק איבער מיין קאָפּ... געה איך נאָר אָב פון דיר און דרעה מיך אויס, ווערט דיין מאַשין שטילער. בלייבט זי שטעהן און דיין בליק ברענט מיר די אַקסעל — —

מאיר: משוגע!

מרים: דערווייל נאָך נישט... נאָר מען קאָן, מען קאָן משוגע ווערען — — (זעצט זיך צוריק צו'ם טיש, פערבאָרגט דעם קאָפּ אין די הענד, ציטערט פון אַ פערשטיקט געוויין).

מאיר: (ווייבער) מרים!

מרים: (נעהמט די הענד אוועק) וואָס, מאיר?

מאיר: (געריהרט) דו וויינסט?

מרים: (בעטענדיג) מאיר, האָב רחמנות! — האָב רחמנות אויף זיך אַליין, מעהר ווי אויף מיר... (שטעלט זיך אויף, דרעהט זיך אוים, אויסצוווישען די טרעהרען).

מאיר: (שלאָגט זיך אַ ווײַלע מיט דער דעת, נעהמט ענדליך פון בוזעם־טאַש אַרוים אַ פאָטאָגראַפיע, דערלאַנגט איהר) איך טאָר נישט, מרים!

מרים: נעהמט די פאָטאָגראַפיע מיט ציטערדיגע הענד — בע־טראַכט — פאַלט צוריק אויפ'ן בענקעל — די פאָטאָגראַפיע פאַלט איהר פון האַנד אַרוים אויפ'ן טיש, הייזעריג) אַה? דאָס איז נידערטרעכטיג... האָסט ליעב אַנ'אַנדערע און האָסט פערשוויגען — — —

מאיר: (שטרענג) עס איז קיין אַנדערע, מרים... מיין מאַמע איז עס... מיין מאַמע, מיידעל־וויוז — (פויזע)

מרים: (קומט לאַנגזאַם צו זיך — מיט טרעהרען פאַר פרייד) דיין מוטער... ווי געטליך שעהן —

מאיר: געווען! — מיין מאַמע איז אויך אַ שעהנער גע־ווען... אויך אַ שניידער־גזעל, נאָר — אַנדערע צייטען, בטחון געהאַט... גאָט פערלאָזט נישט... ווער עס שפּייזט אַ ווערעמעל... און אַ חופה געשטעלט... צוויי מתים...

מרים: און נישט גליקליך געלעבט — — —

מאיר: דלות לאָזט נישט לעבען — — פון זיעבען בין איך איינער געבליעבען — — פון די וויעגען אַוועקגעטראָגען — איינס פון וואַסער אַרויסגעצויגען! (ווייזענדיג צו דער מוטערס בעט) און דאָס איז געבליבען פון דער געטליבער שעהנקייט... (פויזע) אַ לעבעדיגער מת!

מרים: (פערשטעלט זיך דאָס פנים און וויינט).

מאיר: (זעהר גערירט) מען טאָר נישט, מרים! עס איז אַ זינד... מיין טאַטע פלעגט אויף דער עלטער צו רייבע אַרומגעהן נאָך הילף... אויף קהל'ס חשבון קינדלעך און בע־גראָבען — האָבען זיי געזאָגט, — איז אַ זינד"!... (פויזע)

מרים: מאיר... גאָט קאָן העלפען... האָף צו גאָט!

מאיר (מאַכט אַוועק מיט דער האַנד).

מרים: און אפשר... אפשר...

מ א י ר: וואָס אפשר? מרים!...

מ ר י ם: אפשר וועט גאָט העלפען, עס וועט נישט זיין... קיין... קיין קינדער!

(אונטערן וועגטעל פאלען אראָב טעלער און גלעזער פון טישעל. (פערוואונדערטע פויזע).

מ א י ר — אראָבגעפאלען, צי זי האָט געהערט און אראָבגעוואָרפען! (געהט צו צו איהר מיט אויסגעשפרייטע הענד)

ש ב נ ה: (קומט אריין) (פאָרהאַנג). מזל טוב!

צוויטעס בילד.

(צעהן־צוועלף יאָהר ארום).

דאָס זעלבע צימער, בעל בתישער איינגעריכטעט; רעכטס צווישען בעטען — לינקס א קאַנטאָרקע; אין מיט — א קליין גאַרניטור בילוג מעבעל. די טהיר אין צווייטען צימער אריין איז אָפען, עס זעהען זיך שניידער־געזעלען ביי דער ארבייט, דאָס גערויש פון סוס־מאַשינען.

מ א י ר: (זיצט ביי דער קאָנטאָרקע איבער רעכען־ביכער; דענערווירט, בעזע בעוועגונגען) —

מ ר י ם: (זיצט אויף א בעט, דאָס געזיכט אין די הענד)

איינשטימיג געזאַנג פון צווייטען צימער: —

מיר שווערען ביי דער ליכטיגער זון — ליכט מוז זיין פאר אלע!

מיר שווערען ביי'ם פרייען פעלד — — ברויט מוז זיין פאר אלע!

(דער רעפרען ווערט אויפגעהאַפט פון עטליכע שטימען).

מ א י ר: (רופט אין דער צווייטער שטוב אריין) שטיל זאל זיין! נישט פאַר זינגען צאָהל איך מיין בלוט! (עס ווערט שטיל)

מ ר י ם: (ויפצט).

מ א י ר: און דו, קווענקע נישט! — נישט מעגליך אַ רע־בענונג צו מאַכען!

(פון יענער זייט ווערט מיט איין אימפּעט צו־געוואָרפען די טהיר צום שלאָס).

מ א י ר: קלאַפּען זאָל עס אייך אין די קעפּ!

מ ר י ם: אַח, גאָט, גאָט — וואָס פון אַ מענש ווערט!

מ א י ר: שווייג!

(פּויזע. דאָס געזאַנג פון צווייטען צימער הערט זיך אָהן ווער־מער).

אַ ש נ י י ד ע ר־ג ע ז ע ל: (קוממט אַריין).

מ א י ר: וואָס אַזוי שפּעט?

שנ י י ד ע ר־ג ע ז ע ל: אַ קינד איז מיר אַוועקגעפאַלען.

מ א י ר, וועל איך רעכענען ¼ טאָג! —

ש נ י י ד ע ר־ג ע ז ע ל: (איבערגעהענדיג צום צווייטען צימער) עקספּלואַטאַטאָר! (וואַרפט הינטער זיך צו די טהיר).

מ ר י ם: (שטילער אַלס פריהער). וואָס פון אַ מענש קען ווערען.

מ א י ר: (פערטיעפט זיך אין רעכענען).

מ ר י ם: (נאָך אַ פּויזע זעהר טרויעריג און לאַנגזאַם). אַרויסגע־זאָגט אין אַ ש ל ע כ ט ע ר שעה... אין אַ בעזער שעה... ג אָ ט ס א ו י ע ר הערט... אַליין זיך פערשאָלטען... אַ מענש טהוט זיך נאָר אַליין...

מ א י ר: וועסט שווייגען אַמאָל?

מ ר י ם: ווי אַזוי רעדסט דו צו מיר, מאיר? נישט אַזוי פלעגסט דו רעדען אַמאָל.

מ א י ר: האָסט מיך געקענט... נישט געדאַרפט צו־רעדען... (פּויזע)

מ ר י ם: היינט איז דער חופּה־טאָג געווען...

מ א י ר: אַ יאָהרצייט!... אַזוי פיעל יאָהרען בעגראָ־בען...

מ ר י ם: בעגראָבען... גאָר בעגראָבען? קיין גליק איז

גאר נישט געווען? האסט מיר גאר נישט קיין גוטס צו פער־דאנקען... מאיר!

מאיר: (גערירט). פאלג מיך, מרים — רעד נישט דערפון... אזוי קען נישט זיין... עס קען אזוי נישט בלייבען... און וואס? מיר זענען דאך נישט צוגעשמידט מיט אייזערנע קייטען... לא'מיר זיך נישט שווער מאכען דעם לעצטען טאג... נעהם בעסער דעם שאל, געה אראב, קויף עפיס איין...

מרים: (וויל עפיס זאגען).

מאיר: רעד מיך נישט איבער... עס מוז אמאל קומען די צייט... און וואס שפעטער איז ערגער — פאר דיר... דיין טובה מיין איך... געה, מרים, געה. לא'מיר נאך היינט צוזאמען מיטאג עסען...

מרים: (רעזיגנירט). גוט... איך געה. (הויבט זיך אויף, נעהמט דעם שאל, געהט, וואקלדיג, איבערן צימער צו דער טהיר).

מאיר: (מאכט זיך גלייך ער איז צוריק פערטיעפט אין חשבונות).

מרים: (אין טהיר). צו ווידערזעהן!

מאיר: (ענטפערט נישט, גלייך ער הערט נישט)

מרים: (ווארפט זוף איהם א געבעט־בליק).

מאיר: (דערפיהלט דעם בליק און לאזט נידעריגער דעם קאפ איבערן בוך אראב).

מרים: (וויל זיך צוויינען. געהט געשווינד ארויס).

מאיר: (עטעמט אב). אה! (שטעהט אויף, געהט האסטיג איבער דער שטוב). אוים אייזען מוז מען זיין — — — און וואס? ד'וועל זי דאך פערזארגען — — — עס מוז זיין א סוף —

אשניידערגעזעל: (קומט פון צווייטען צימער). בעל־הבית, איך מוז היינט אהיים געהן פריהער —

מאיר: (האסטיג). געה!

שניידער־געזעל: (קוקט פערוואונדערט. נאך א ווײלע) גיט מיר א רובל אוואנס!...

מאיר: (האסטיגער). מארגען, מארגען — געה... געה!

שניידער־געזעל: (ציהט די אקסעל, געהט ארויס.

(דורך דער אפענער טהיר הערט זיך א שטיל־געצויגען געזאנג:

עס יאגען ס'ציהען שווערע וואלקען,
עס בלאזט און פייפט דער ווינד!
פון סיבירען שיקט דיין טאטע — —

מאיר: (מיט קנאה). מענשען זינגען. (געהט צו, פערמאכט לאנגזאם די טהיר).

(עס הערט זיך די מעלאדיע אהן ווערטער.

(מאיר געהט אויף און אב־געריהרט).

שכנה: (קומט אריין). גוט מארגען!.. (בלייבט שטעהן אין טהיר).

מאיר: (ווייער). גוט יאהר... איהר זוכט מיין ווייב? ארויסגעגאנגען...

שכנה: ד'ווייס... איך האב זי אראבגעפיהרט פון די טרעפ, זי איז אזוי שוואך... (פויזע) אונטען האט זי זיך צו־וויינט. (פויזע)

מאיר: (פערציהט א הארט פנים). נו, איז וואס?

שכנה: ווארט א רגע. (לויפט איבער דער שטוב, עפענט דאס צימער צו די שניידער־געזעלען).

מאיר: (צולאכט זיך). הא־הא־הא! מורא געהאט פאר יחוד.

שכנה: (צוריק געהענדיג). איך ווייס, איהר ווערט אויף מיר קיין בעל'ן נישט זיין... נאר, אז די הייליגע תורה זאגט: ניין! איז — ניין!

מאיר: הכלל —

שכנה: הכלל עס איז א רחמנות!

מאיר: א ביליגע זאך — רחמנות! — און אויף מיר איז קיין רחמנות נישט? (ארויספלאצענד) און פאר וועמען הארעוועט מען? פאר וועמען רייסט מען איין די וועלט? שינדט מען — —

א געזעל: (פון צווייטען צימער). ביי'ם ארבייטער די הויט!

מאיר: (ווייזט א פויסט צו דער צווייטער שטוב).

שכנה: אוי ר' מאיר, ר' מאיר — איהר רעדט אלץ פון עולם הזה, וואלט איהר חאטש געדערט וועגען א קדיש — — איבער הונדערט און צוואנציג יאהר פאר ד״ר נשמה וועגען!...

מאיר: זאל זיין דאס —

שכנה: אויף איהר איז אבער מעהר רחמנות — אזא גוטע נשמה — —

מאיר: (פערענדערט דאס קול, איינשמייכעלדיג) ועצט אייך.

שכנה (ועצען זיך צום טיש) — אדרבה — איהר האט רחמנות, איך האב אויך רחמנות — „א גוטע נשמה", זאגט איהר, איך זאג נאר: א כשר'ע נשמה... אבער עס מוז דאך א סוף זיין — —

שכנה: אוודאי איז שלעכט...

מאיר: א קינין צו זאגען „שלעכט"!... אז מען אי אבער א שכנה, און מען האט רחמנות, מאכט מען שלום...

שכנה: (פערוואונדערט). איהר קריגט אייך דען?

מאיר: ד'מיין — —

שכנה: ניין, ר' מאיר... שלום מאכען טאר א ני..ט... קעגען דער תורה הקדושה... א שפאס די ערשט מצוה!

מאיר: (אונגעדולדיג). נישט דאס מיין איך... ש ום צום גט!...

שכנה: חם ושלום, חס ושלום! א פינגער און שם פון טהיר לעג איך נישט...

מאיר: (בעז, שטעהט אויף). נו, גערט מיר געזונטער הייד.

שכנה: (שטעהט אויף, געהט. דרעהט זיך אום שוין אין טהיר). פון דעסטוועגען פאלגט מיך, ר' מאיר — ..רעגט א שאלה... אפשר ועט מען מתיר זיין — וואס תלמידי חכמים קענען...

א שטיבע פון הויז — געהסט איז שטיב אריין? ס'קינד רייסט יך! —

שכנה: איך גנה, איך גנה. (זעב)

מאיר: (נעהמט זיך מיט געוואלד צום חשבון, רעכענט הויך) 7 און 5 איז 12 און 9 איז 32 (שטילער. דערנאך) 67 און 68 — (בעז) א שוואַרץ יאָהר — עס דרעהט אין קאָפּ... סאַמע טעותים — בדיל הדל וועל איך ווערען — אַיין עק מוז עס האָבען!

מרים: (קומט צוריק, נישט אײַנגעקויפט, וואַקעלט זיך צו צום בעט וויל זיך לעגען). ד'האָב נישט אַיינגעקויפט.

מאיר: (שטרענג). ד'האָב דיר שוין נישט איינמאָל געזאָגט, ביי טאָג לעגט מען זיך נישט... ס'קען אַ סוחר קומען —

מרים: פאַר וואָס מאַטערסט דו מיך נאָך, מאיר?

מאיר: ווער מאַטערט דיך? ווייסט, מענשען קענען קומען, עס מוז אויסזעהן לייטיש..., אַ'נישט גיט מען קיין קרעדיט! געשעפט איז געשעפט! — — און דו ווייסט, ווען נישט דאָס, וואָס דו ווייסט, וואָלט איך אַ ניי שפּאַניש ווענטעל געקויפט... דער מאַמעס, עליה השלום, איז צוריסען, אַ חרפה. — —

מרים: (וויינענדיג). וועסט קויפען, וועסט קויפען! פאַר איין אַנדערע...

מאיר: (שטעהט אויף) אַ מענש דאַרף זיין אַ מענש! און וואָס? וואָס פאַר אַיין אונגליק? (געהט נעהנטער צו) ד'לעבען, גאָר נישט! וואָס איז? חס ושלום, אַזוי אַלט ביזט דו? (נעמט אַ בענקעל, זעצט זיך רייטענדיג, פאָהרט צו אויפ'ן בענקעל נעהנטער צום בעט) גלויב, מיר, מרים, די וועלט איז אַ וועלט... די זון איז דיר נישט אונטערגעגאַנגען, חס ושלום! אַ שעהן ווייבעל, ברוך השם, ביסט דו דאָך —— זאָלסט דיך גאָר נישט אַזוי אָבלאָזען!... אויגען האָסט דו... נאָך וואָס פאַר אויגען!... זאָלסט זיי נאָר נישט אַזוי אויסוויינען — אַ שאָד אַזוינע אויגען ——

מרים: (וויינט שטיל). וואָס דו רעדסט, מאיר!

מאיר: און אַ פּאָר הונדערטער וועסט'ו בעקומען...

פאַר קליין און גרויס.

מרים: (שפּרינגט אויף) . שלאַנג!

בית־דין־שמש: (קומט אַריין) . גוט מאָרגען — דער רב שיקט רופען —

מאיר: (אַרויסשרייענדיג) . אַזוי פריה?

(פאָרהאַנג) .

דאָס קראַנקע יונגעל.

(מאָנאָלאָג).

מאַמישי, איך וויל דיר אויסזאָגען אַ סוד; דער עיקר — דער טאַטע זאָל נישט ווייסען!

פרעגסט פאַר וואָס? ווייל דער טאַטע האָט מיך וועניגער ליעב...

ניין, מאַמישי, איך זינדיג מיט די רייד; וועניגער ליעב האָט ער מיך נ י ש ט; ער האָט מיך נאָר אַ נ ד ע ר ש ליעב!

ער איז דאָך אַ טאַטע, איז ער שטרענגער...

דער טאַטע האָט אַ לאַנגע באָרד; אַ טאַטענס פּנים איז נישט אַזוי צים גלעטען, ווי דער מאַמעס אַטלאַסען פּנים... און אויגען האָט ער גאָר אַנדערע, גאָר איין אַנדערן בליק; דו, אַז דו קוקסט אויף מיר, האָסט דו עפּיס אַזוינע לאַבענדיגע, דערביי פייכטע — האָסט דו עפּיס אַזוינע גוטע, און דערביי האַרציג־רחמנות'דיגע אויגען... דו ביזט אַ מאַמע מיט אַ חבר צוזאַמען... פאַר דיר קען איך קיין סוד נישט האָבען... מיט די אויגען שעפּסט דו מיר איהם פון האַרץ אַרויס...

דער טאַטע קוקט גאָר אַנדערש, שטענדיג ערנסט, כּבלומר'ש קאַלט...

ניין, מאַמישי, עס זענען גאָר אַנדערע, אַנדערע אויגען!

קינדווייז, מאַמישי, פלעג איך וועניגער פאָרכט האָבען פאַר'ן טאַטען. איך געדענק, ווי איך פלעג איהם אַרויפשפּרינגען

אויף די קניען, צושויבערן דעם גאַנצען קאָפּ, צעבערשטן און פערפלעכטען די באָרד, איבערבויגען די ליפּען, און אַז ער האָט געוואָלט אָבשטעלען אַ בעזעריגען בליק, האָב איך איהם נאָר אַראָבגעדריקט די ברעמען און די אויגען פערמאַכט... היינט קען איך נישט...

איינמאָל, הערסט, מאַמישי, קראַנקערהייט, האָב איך מיך אַמאָל אויפגעחאַפּט, און איהר ביידע זענט געשטאַנען ביי מיר ביים בעט... דו האָסט אַזוי שטיל, אַזוי האַרציג־שטיל געוויינט... און דער טאַטע... מאַמישי! דעם טאַטענס פּנים איז אַזוי שרעקליך געוועזען... איך האָב געזעהן אַז ער איז בעזדעמאָלט אויף גאָט! פאַר שרעק האָב איך צוריק די אויגען פערמאַכט — — —

פון דעמאָלט אָן קען איך נישט צוטרעטען צום טאַטען ווי אַמאָל... עפּיס האַלט מיך איין; אָפט וויל מיר דאָס האַרץ איהם אַקעגען שפּרינגען, אַקעגען לויפען, נאָר איך קען נישט!

מיינסט, איך האָב דעם טאַטען וועניגער ליעב... זאָל גאָט היטען... איך האָב דעם טאַטען זעהר ליעב. איך קריעג איהם מיט יעדען טאָג, מיט יעדער מינוט ליעבער... אַז ער געהט צו מיר צו, קלאַפּט מיר דאָס האַרץ פאַר פרייד; ציטערט אין מיר די נשמה פאַר האָפנונג: אָט וועט ער מיך אָנגעמען ביי דער האַנד, אָט וועט ער מיך צודריקען צום האַרץ...

ביי דיר ציטער איך נישט... דו האָסט מיך שטענדיג און גלייך ליעב... האָסט שטענדיג צו מיר צייט, דו האַלזט מיך און קושט מיך יעדע מינוט... דו ביסט שטענדיג, שטענדיג מיין... דער טאַטע האָט אַזוי פיעל געשעפטען...

איך וויים, ער וויל איך זאָל זיין רייך!

ווילסט שוין, מאַמישי, וויסען דעם סוד?

איך שעם מיך!

פאַר אַ מאַמען, — זאָגסט דו — דאַרף מען זיך נישט שעמען? אמת... דאָך... ווייסט דו וואָס, מאַמישי! אָט

זעץ דיך דאָ אויף דעם שטוהל, געגענאיבער דעם פענסטער..
גוט אַזוי!

אַח, ווי שעהן די זון געהט אונטער, ווי שעהן לעגען זיך איהרע לעצטע רויטליך-געפעלדיגע שטראַהלען אויף דיין ערעל, בלאַס פנים...

אַח, מאַמישי, ווי שעהן, ווי ערעל שעהן, דו ביזט!

וואַרט... אַצונד וועל איך מיך זעצען דיר צופוסענס...
דו זאָלסט מיר ביים דערצעהלען אין פנים אַריין נישט קוקען...
אויפ'ן פוסען-בענקעלע וועל איך זיצען און אַרויסקוקען פון פענסטער...

ניין... נישט גוט אַזוי! איך וועל מיך שעמען פאַר דער זון... זעהסט, אין מיטן טאָג ברענט זי, פאַר נאַכט געזעגענט זי זיך מיט אונז אַזוי טרויעריג, אַז איך שעם מיך פאַר איהר צו רעדען פון זיך...

איך וועל אָנשפּאַרען מיין קאָפּ אויף דיין שוים... איך וועל די אויגען פאַרמאַכען, און דו — דו לעג נאָך אַרויף דיין האַנד מיר אויפ'ן שטערן...

איז דיר נישט שווער, מאַמישי, מיך צו האַלטען אויף דיין שוים? ניין?

זעבצעהן יאָהר איז אַלט דיין קינד און האָט אַזאַ קליין, אַזאַ לייכט קעפּעלע... און איך אין גאַנצען — — —

קרעכץ נישט, מאַמישי! גאָט האָט מיך נישט פערטהיילט..
ער האָט מיר וועניג פלייש, דערפאַר פיעל אַנדער גוטס געגעבען... דיך, דעם טאַטען... טעג און נעכט מיט וואונדערליבע חלומות... און היינט — אַ סוד...

אַצונד זעה איך נישט... מיט געשלאָסענע אויגען וועל איך אפשר קענען דערצעהלען... איך וועל פּרובען...
עס איז אַזוי שווער...

דאַכט זיך — גאָר נישט, אַ נעץ פון עטליכע וואונדערליבע שטראַהלען — אין דאָך ליעגט עס מיר אויפ'ן האַרץ ווי אַ שטיין... נישט ווי אַ קיזעל-שטיין... עס איז נישט קיין שטיין פון גאַס, צי פון פעלד...

עס איז אַ ט ה י י ע ר ע ר שטיין... עס שטראַהלט... עס לייכט...

עס ליעגט ביי מיר טיעף אין האַרץ און ווייעט אַרום און צַרום אין אַלע גליעדער אַריין אַזוי פיעל ליכט, אַזוי פיעל הימליבע, וואַרעמע, לעבענדיגע ליכט...

עס זאָל נאָר נישט אויסלעשען, מאַמישי!

עס לעשט זיך אַזוי פיעל אוים!...

הערסט, מאַמישי!

ניין, וואַרט! אַזוי פראָסט צוגעהן צו דער זאַך קען איך נישט...

נאָר הער! געדענקסט, מאַמישי, נעכטען האָסט דו מיר קליין-געלד געגעבען? געדענקסט?

איך האָב נאָך גאָר נישט אויסגעגעבען און עס פעהלט מיר שוין...

עס פעהלט מיר אַ צעהנער'ל!

צי איך האָב עס פערלוירען? ניין... דו גיבסט דאָך מיר פאַר אָרעמע לייט, פאַר אָרעמע קינדער, וואָס איך טרעף אויפ'ן שפּאַציער... אָרעם-געלד וועל איך נישט פערלירען.

צי איך האָב עס אַוועקגעגעבען? געוויס... צו איין אָרעמאַן? איך ווייס נישט... אפשר יאָ און אפשר ניין... הער, וועסט דו אפשר וויסען!

נעכטען איז אויך שעהן אונטערגעגאַנגען די זון... אפשר שעהנער...

דו האָסט מיך אויסגעלערנט קוקען, און איך קוק און זעה, וואָס אַנדערע פון מיינס גלייכען זעהט נישט... דעריבער שפּאַציער איך געוועהנליך אַליין... און שפּאַציערט האָב איך הינטער דער שטאָדט, דאָרט, וואו מען זעהט זי אין גאַנצען אַרוים ביים טייך, ווי דו ווייסט... די הייזער הויבען זיך אַלץ העכער און העכער, איינס איבערן צווייטען, איינס איבערן צווייטען... די, וואָס שטעהען ווייטער, ווילען אַריבערקוקען.

נאַט׳ס וועלט זעהן, און הייבען זיך, וואָס ווייטער אַלץ העכער און העכער, און די זון, אונטערגעהענדיג, קוקט אויף זיי, שפּרייט אויף זיי אוים די לעצטע שטראַהלען... געזעגענט זיך... קושט זיי...

און איך זעה, ווי די שאָטען יאָגען אונטער די שטראַהלען און לעגען זיך אַלץ דיקער און דיקער, אין פלּיסען, און זאַפּען זיך איין וואו נאָר זיי קענען; זיי פערפילען אַלע לעבער צווישען די הייזער, אַלע פרייע ערטער צווישען די מויערן, און הויבען און טרייבען דאָס רויטליכע לעצטע ליכט אַרויף, אַרויף, צוריק אין הימעל אַריין... „אין אייער רוה אַריין, שטראַהלען, אַצונד איז אונזער צייט!... אַ גוטע נאַכט!"...

און פּאַמעלעך ווערט אַלץ טונקלער אין טונקלער, און דער הימעל ווערט טיעפער און טיעפער... באַלד וועלען זיך איינס נאָכ׳ן צווייטען אָנצינדען די שטערען... אַזוי קוקענדיג, בין איך געקומען צו דער סטאָליאַר-גאַס, צו דער הינטער-גאַס וואָס לאָזט זיך אַלץ טיעפער און טיעפער אַראָב... ביז צום טייך, נישט ווייט פון דער גרויסער שוהל...

איך בין צוגעגאַנגען נעהנטער צו דער שוהל.

ביי טאָג זעהט זי שרעקליך אוים... אָרעם, אָבגעריסען, פערשוואַרצט... די אייזנעהאַקטע שויבען ווילען די שפּינען פאַר רחמנות פערוועבען און פערשטעלען... און — געגענאיבער, אויפ׳ן באַרג, אין אַנהויב גאַס, שטעהט דער הויכער, שפּיציגער קלויסטער און לאַכט...

פאַר נאַכט האָט די שוהל גאָר אַנדערש אויסגעזעהן...

דאָס ערשטע מאָל האָב איך זי אַזוי געזעהן... אַ לייכטער, ליעבליכער, טונקעל-בלאָהער נעפּיל האָט זי אַרומגענומען... די אייזנעהאַקטע פענסטער זענען נישט בלינד געוועזען... זיי האָבען ערנסט און טיעף געקוקט אין דער וועלט אַריין... אין דער הויף די נעזימסען האָבען געלעבט, כמעט געריהרט זיך... עטליכע לייבען פון נעזימס האָבען זיך געוואָלט אַברייסען פון דער וואַנד... אָט, אָט, הויבען זיי אָן ברילען!

מיינסט, אַז דאָס איז דער סוד? אָ, ניין, מאַמישי! דאָס, אייגענטליך, האָב איך ערשט אַצונד געזעהן, ערשט אַצינד מיט די נעכטיגע אויגען.

אָח, מאַמישי, ווען איך זאָל זיין רייך!...

וואָס איך וואָלט געטהון?

איך וואָלט אויפגעריכט די שוהל!

איך וויל, זי זאָל אויך זיין הויך, זי זאָל אויך שפּאַרען אין הימעל אַריין; און זי מוז זיין העכער, ווייל זי שטעהט נידריגער! און אַ גאָלדענעם דאַך זאָל זי האָבען, און קריי-סטאָלענע פענסטער!

הערסט, מאַמישי, איך קלער מיר אַזוי: אָהן אַ שוהל קען מען זיך בעגעהן, גאָט איז דאָך אומעטום... וואו עס פאַלט אַ טרעהר, זעהט ער! וואו עמיץ הויבט די אויגען אויף צו איהם, זעהט ער! וואו עס קרעכצט אַ טרויעריג האַרץ הערט ער!... נאָר האָט מען אַ שוהל, מוז זי זיין הויך, שעהן און שטראַהלענדיג ערנסט.

אַזוי האָב איך נעכטען אויך געטראַכט. און מיטען — דערהער איך אַ געוויין! אַ שטיל טרויעריג געוויין... זיס און טרויעריג, עפּיס אַזוי האַרציג...

דו, אַז דו שפּיעלסט ציהסט דו אַמאָל פון פּיאַנאָ אַרויס אַזאַ געוויין...

און איך האָב געמיינט, מאַמישי, — דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך געוואָלט מיינען, איך האָב מיך אַמישנע נישט אומגע-קוקט, איך זאָל קענען וואָס לענגער מיינען, — אַז דאָס וויינט און ברומט פון דער שוהל אַרויס... אַז דאָרט אינוועניג זיצט, אין אַ לייכט-בלאָהען נעפּעל איינגעהילט, די נשמה פון דער אָרעמער שוהל און וויינט, און ברומט...

און זי קלאָגט זיך, וואָס די זון פערטהיילט זי... וואָס זי שיט גאַנצע בונטען גאָלדען ליכט אויפ'ן קלויסטער-דאַך און איהר קאַרגט זי אַ שטראַהל... וואַרפט איהר אין מיטען שעהנעם, העלען טאָג, ווי אַ נדבה, קיים אַ בלאַסען שטראַהל... און די

גליטשט זיך איבער איהר און גנב'עט זיך באַלד אַוועק ווי פער־שעמט!...

און דאָך איז עס נישט געווען די שוהל...

עס איז אַ קליין מיידעלע געוועזען... זי איז געלעגען אויפ'ן זאַמד, האָט עפּיס געזוכט און געוויינט...

אַז איך האָב מיך אומגעקיקט, האָב איך נאָר איהר אַלט־אָבגעריבען קליידעל, ווי אַ טונקעל־גראָהען פלעק אויפ'ן געלען זאַמד געזעהן... אַ פּאָר אויסגעקרימטע שיך!..

נאָך עפּיס האָב איך געזעהן...

מאַמישי... איך שעם מיך... עס ווערט מיר עפּיס אַזוי וואַרעם... שטעל דיר פאָר אַ פּאַליע רויטע, רויט־פלאַמענדיגע האָר... עס האָט פונקען געשלאָגען...

„וואָס וויינסט דו, מיידעלע, וואָס זוכסט דו אין זאַמד?..."

הערסט, די מוטע' האָט איהר אַ צעהנער'ל געגעבען, עפּיס קויפען געשיקט; האָט איהר עמי'ך, דורכגעהענדיג, אונ־טערגעשלאָגען די האַנד, דאָס צעהנער'ל איז אין זאַמד אַריין... דעריבער וויינט זי...

איך זאָל איך־ווייס־וואָס פערלירען, וואָלט איך נישט גע־דאַרפט וויינען...

איך פרעג זי: אַ גרויסען צעהנער צי אַ ווייס צעהנער'ל?

— אַ ווייס! — זאָגט זי און קוקט זיך אַפילו נישט אום.

— איך וועל דיר העלפען זוכען, — זאָג איך.

איך בויג מיך אַראָב, מאַך מיך זוכענדיג, און געפין איהר אַ ווייס צעהנער'ל.

„נאַ!"

זי איז אויפגעשפרונגען פאַר פרייד. מיט אַ ריהר מיט'ן קאָפּ האָט זי צוריק אַרונטערגעוואָרפען די רויטע פּאַליע האָר... ווי פון אונטער אַ וואָלקען איז אַרויס אַ קליין, אַלבאַסטער־ווייס פּנים... מיט אויגען — מאַמישי — מיט אויגען...

ניין, מאַמישי, די אויגען קען איך דיר נישט אויסמאָלען...

עס האָט אין זיי געבליצט אַזוי פיעל פרייד — — — ...

פאַר קליין און גרויס.

אַ גאַנצע נאַכט האָבען זיך מיר די אויגען געחלומ'ט...
אַ גאַנצע נאַכט...

אָט, דאָס איז, מאַמישי, מיין גאַנצער סוד.
דו שמייכעלסט?
לאַך נישט, מאַמישי, די אויגען וועל איך קיינמאָל נישט
פערגעסען...

מאַמישי — — —
מעג איך שפּאַציערען אויף דער סטאָליאַר־גאַס, קוקען —
— — אויף דער אַלטער שוהל?
— — — — — — — — — —

די ווילדע בריאה.

ערצעהלונג.

דאס ערשטע מאל אטהעמט זי אב פריי; דאס ערשטע לאזט מען זי ארויס אין גאס אריין... און זי טאנצט ארום אין שניי!

וואס זומער איז געווען, געדענקט זי נישט. אונטער'ן קורצען שטערן, מיט דער גרינליכער הויט בעדעקט, איז דא וועניג פלאץ אויף א גוטען זכרון. די ליכטיגסטע איינדריקע ווערען באלד טונקעל און פערלאשען. זי אליין ווייס אפילו נישט, ווי אלט זי איז. און קוקענדיג אויף איהר איז אינמעגליך איהרע יאהרען צו שאצען, זי זעהט אויס דיק — דאס איז אבער נאר דאס בייבעל אויפגעלאפען. — די ברוסט איז איינגעפאלען, דאס קעפעל קליין, די הויט אויפ'ן פנים קנייטשט זיך, נאר זי איז אין גאנצען צו דין און קליין, מען זאל זי רעכענען עלטער ווי 9—10 יאהר. דאס אויסזעהן טוישט זיך ביי איהר אלע מינוט: נאך א קינדיש-ליכטיגען שמייכעל, לעגט זיך אויפ'ן אלטען פנים איין איינגעשפארטער באסט; טהייל מאל פערקרימען זיך איהר די ליפען און די אויגען ברענען אונהיימליך אונטער צוזאמענגעצויגענע, חאטש וועניג בעוואקסענע ברעמען. איהרע געדאנקען בינדען זיך נישט איינער אן צווייטען, נאר ווארפען זיך דורך און טוישען זיך אהן א שום צוזאמענהאנג...

און זי איז נישט אזוי געבוירען... די באבע, וואס האט האט זי אבגענומען, האט געזאגט: „א שעהן קינד!” די ערשטע פאר יאהר האט זי גוט געוואקסען. זי האט פריהער די ברוסט,

דערנאָך די מוטער, דערנאָך דעם פאָטער און שפּעטער אַ״ך אין שטוב דערקאָנט; די שוואַרצע אויגעלעך זענען איהר אַלע טאָג העלער און ריהרעוודיגער געוואָרען. נאָר דאָס האָט נישט לאַנג געדויערט. אין אַ צייט אַרום הויבט זי אָן געהן צוריק.. דער שכל׳דיגער פונק וועקט זיך איהר אין די אויגען אַלע מאָל וועלטענער.. וועניגער געדענקט זי די זאַך. דער פאָטער איז שוין אַוועק אַ יאָהר פינף, דאָך געדענקט זי גאַנץ גוט ווי ער פלעגט זי האַלטען איוף דער שויס און קושען און די מוטער האָט זי איהם אויסגעריסען פון דער האנד, ער זאָל איהר נישט אויסקושען די נשמה. טהייל מאָל געדענקט זי, איז זי ביי דער מוטער געזעסען און דער פאָטער איז געשטאַנען ביי דער מוטער אונטער די פלייצעס און האָט זיך בעוויזען אַלע מאָל אין אַנ׳אַנדער זייט: קוקו! קוקו! — די שטוב, די פּנים׳ער זענען אַזוי ליכטיג אין וואַרעם געוועזען...

דערנאָך האט דאָס אָבער אויפגעהערט. עס איז עפּיס געוואָרען שטיל און טרויעריג און טונקעל. די שטוב איז עפּיס לעדיג געוואָרען, דער פאָטער פלעגט אַ סך מאָל שרייען, די מוטער וויינען; טהייל מאָל האָט מען אַזוי הויך געשריגען, אַז זי פלעגט אַנטלייפען אין אַ ווינקעלע און בעהאַלטען זיך פאַר שרעק. אין אַ צייט אַרום האָט מען זי אָנגעהויבען שלאָגען, דערביי אַלע מאָל וועניגער צו געבען עסען... דערנאָך איז דער פאָטער געשטאַנען אין שטוב פערפינסטערט מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען, די מוטער האָט בעהאַלטען דאָס פּנים אין די הענד און האָט זיך געוואָרפען מיט׳ן גאַנצען קערפּער... דער פאָטער האָט שטיל געזאָגט: „איך וועל שיקען געלד״! און האָט זיך איבערגעדרעהט און אַרויסגעגאַנגען... ער איז באַלד נאָך אַמאָל אריינגעקומען, נאָר זי האָט איהם שוין קוים דערקענט, אַזוי בלאַס, אַזוי איינגעבויגען איז ער געוועזען... ער האָט געקוקט אַ פּאָר מינוט אויףביידען און איז נאָך אַמאָל שוין אויף שטענדיג אַרויס פון שטוב...

פון דאַמאָלס אָן, איז די צייט פאַר איהר אַ שטיק וועגס אין אַ פינסטערער נאַכט, אַ מין שלעפּען זיך אין אַ וויסטעניש, אָהן

אַ בוימעל, אָהן אַ בלימעל... הונגער און קעלט אָדער אַ הייסע קאַרטאָפלע און קוים דערוואַרעמט זיך אין בעט...

נאָר אַצונדערט שמייכעלט זי... דאָס ערשטע מאָל (דאַכט זיך איהר), האָט מען זי אַרויסגעלאָזט פון די תפיסה.

אַ גאַנץ ווינטער האָט זי די מוטער נישט אַרויסגעלאָזט פון שטוב. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט איז די שטוב געווען לעדיג. די שויבען פערקאָוועט, די טהיר פערשלאָסען, נאָר ביים בעט, אויף אַ שטיקעל ליינוואַנד איז געווען גרייט פאַר איהר עפּים צו עסען: אַ שטיקעל ברויט, טהייל מאָל אַ בייגעל, אַ נעכטיגע געבראָטענע קאַרטאָפלע... דאָס אַלץ איז געווען קאַלט און זי פלעגט עס צו דערוואַרעמען אין בעט און דערנאָך עסען... אַזוי פלעגט זי אָבליעגען אַ גאַנצען טאָג. ביי נאַכט ערשט איז געקימען די מוטער, געמאַכט אַ ביסעל פייער און אָבגעקאָכט אָדער געבראָטען פרישע קאַרטאָפלעס. טהייל מאָל פלעגט די מוטער אַ היים קומען גאָר שפּעט. וואַרטענדיג אויף איהר פלעגט זי טהייל מאל וואַרפען זיך און שרייען פאַר הונגער, אַרויסשפּרינגען פון בעט און באָרוועס ארום-לויפען אין שטוב און רייסען זיך די האָר, נאָר פאַר דאָס פלעגט איהר דאַמאָלס די מוטער ברענגען עפּים גוטע, זיסע אָדער פעטע זאַכען. אַם בעסטען איז געווען ביי נאַכט. די מוטער האָט זיך צו איהר געלעגט, פריהער איז געוואָרען שרעקליך קאַלט, נאָר עס איז אַלע מאָל וואַרעמער געוואָרען און זי פלעגט זיך צודריקען צו דער מוטער אַלץ פעסטער און פעסטער. מיט דער צייט האָט זי זיך צוגעוואָהנט צו שלאָפען ביי טאָג און צו וואַכען ביי נאַכט. אין אָנהויב נאַכט איז נישט גוט געווען; פאַר'ן איינשלאָפען האָט די מאַמע שטאַרק געוויינט, נאָר דערנאָך איז געוואָרען וואַרעם און שטיל און זי איז געלעגען און געלעקט די פינגער און געקוקט אין פענסטער אַריין... אויפ'ן פענסטער זעהט זי אַלערליי בוימער. דורך זיי רייסט זיך אָפּט אַריין אַ ליכטיגער שטראַהל און איהר דאַכט זיך, אַז דער פאָטער שטעהט אונטער'ן פענסטער און שמייכעלט.

טהייל מאָל איז זי בעז געוואָרען אויף דער מוטער, וואָס לויפט ארום אַ גאַנצען טאָג אין גאַס און האַלט זי אין תפיסה; דאַמאָלס האָט זי נישט געוואָלט עסען, נישט אַריינגעלאָזט די מיטער אין בעט און טהייל מאָל געוואָלט זי נאָך דראַפּען און בייסען... נאָר איהר איינעגער הונגער און די מוטערס טרערען האָבען זי איבער־געדבר'ט... זי עסט וואָס די מוטער האָט איהר געברענגט און פרעגט נאָך אַליין אין כעס: — וואָס לויפסטו — האַ? (זי רעדט שלעכט און שווער). אומזיסט וויל איהר די מוטער געבען צו פערשטעהן אַז דאָס לויפען איז נישט פאַר נחת, אַז זי לויפט ארום צו „פערדיענען", עס זאָל זיין וואָס צו עסען. די קליינע פערשטעהט נישט וואָס מען מיינט „פערדיענען", נאָר זי האַלט זיך נישט לאַנג ביי איין זאַך און פערגעסט אָן אַלעס. טהייל מאָל וועקט זי דאָך אויף די מוטער אין מיטען דער נאַכט: „וואָס פערדיענען?" עס געדויערט לאַנג, איידער די מיטער רייכט אויף די אויגען, דערנאָך בעט זי זיך ערשט: טאָכטער לאָז מיר שלאָפען. נאָר אָבזאָגען טאָר מען איהר נישט, זי איז איינגעשפּארט און וועט באַלד אָנהויבען צו בריקען. די מיטער מוז איהר דערצעהלען, אַז זי געהט אַרום פון הויז צו הויז, און זוכט אייב עס איז נישטאָ עפּיס אַיין אַרבייט: פּאָמיעס אַרויסצוגיסען, ביי דער קיך העלפען, אַ גאַנג געהן... זי הערט נישט אויס אין גאַנצען און האַקט פּלוצלונג איבער מיט אַ נייער שאלה:

— קרעפּלעך — אָדער האָניג בעסער? די מוטער האָט זיך שרעקליך צוויינט. „ווען האָט זי קרעפּלעך, ווען האָניג געגעסען?" זי האָט דאָך אַמאָל געמוזטביידע זאַכען עסען און דאָס זענען צוויי מאכ־לים, וואָס זענען איהר ראַפּטום אַרויסגעשוואומען אין זכרון. די מיטער וואַרפט זיך אין בעט אַזוי ווי דאַמאָלס, ווען דער פאָטער איז אַרויסגעגאַנגען...

באַלד פערגעסט זי אין גאַנצען. די מוטער בערוהיגט זיך און ג..ה..ט זי אַרום אין קושט זי און האַלזט, נאָר אין דער פריה איז זי ביי דער מיטער'ס אַוועקגעהן נישט געשלאָפען און

געזאָגט: מאַמע — קרעפּלעך — האָניג — ברענג, די מוטער איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

איינמאָל האָט מען זי אויפגעוועקט ביי טאָג. פרעמדע מענטשן האָבן געעפנט די טהיר, אַריינגעברענגט די מוטער, אויסגעטהון זי און אַריינגעלעגט צו איהר אין בעט. זי האָט זיך דערשראָקען — נאָר עס איז איהר באלד גוט געוואָרען: דער מוטער'ס לייב האָט געברענט ווי אַ פייער! עס איז איהר נאָך קיין מאָל אַזוי וואַרעם, אַזוי טרוקען נישט געוועזן!

ביים לעגען אין בעט אַריין האָבען די פרעמדע געוואָלט עפּיס אַרויסנעמען ביי דער מוטער פון דער האַנד, נאָר זי האָט נישט געלאָזט... מן הסתם אַ קרעפּעל! זי לאָזט זיך אַרונטער אונטער דער קאָלדרע און געפינט די האַנד, זי עפענט זיך לייכט און זי שווימט אַרוים פון אונטער דער דעקע מיט עפּיס ווייסעס, דינס אין הארטס. זי חאַפּט עס אין מויל אַריין; — עס עסט זיך נישט... זי נעמט עס אַרוים פון מויל, בעקוקט און דערזעהט עפּיס אַ פּאָרטרעטעל, אַ קליינס אין עק פּונ'ם ווייסען...

— וואָס — איז — דאָס — מאַמע? וועקט זי די מוטער, נאָר זי ענטפערט נישט.

עס קומען אַריין צוויי ווייבער, איינע דערלאַנגט איהר עפּיס צו עסען — אַ לעקעכעל — און נעמט ביי איהר אַרוים דאָס ווייסע מיט דעם פּאָרטרעטעל אויס דער האַנד. עס איז אַ בריעף, נאָר ביידע ווייבער קענען נישט לייענען.

דערווייל קומט אָן איין מאַנספערשוין דעקט אויף די מוטער, בעקוקט זי, נעמט ביי איהר די האַנד...

זי הייבט אָן שרייען, זי האָט מורא מען זאָל איהר די מוטער נישט צונעהמען, און עס ווערט איהר אייך קאַלט. נאָר מען דערלאַנגט איהר עפּיס אין מויל און זי שווייגט.

— ר' מרדכי! — מאַכט איינע פון די ווייבער, לייענט נאָר דעם בריעף.

דער פרעמדער טהוט עס און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— דער מאַן — זאָגט ער — שרייבט, אַז ער איז קראַנק געוואָרען פון דער שווערער אַרבייט. אַ שניידער איז ער, אַרבייט איבער 18 שעה אַ טאָג... ער בעט זי, זי זאָל איהם שיקען געלד צוריק־ציקומען...

— נאָך! זיס! האַקט די קליינע איהם איבער און שטרעקט אויס די הענד.

די ווייבער הערען זי נישט.

— אייך שעהנע צרות געקומען — זאָגט איינע.

אין בעט איז געוועזען היים, דערנאָך האָט מען נאָך איינגעהייצט אין אויווען.

וואָס פאַר אַ גאָלדענע נאַכט עס איז געוועזען. די מוטער וואַרעמט... ביים בעט זיצט אַ פרעמדע און דרעמעלט און ווען זי האפט זיך אויף, דערלאַנגט זי עפּיס די מוטער אין מויל אריין. זי וויל איך דאָס אייגענע. זי וויל שוין אָנהויבען שרייען, נאָר די פרעמדע האָט מורא פאַר איהר קול און דערלאַנגט איהר עפּיס זיסעס, זי רופט עס לעקעכעל און זעצט זיך צוריק און דרעמעלט ווייטער. און דאָס לאָך פון אויווען איז אָפען, עס ברענט... וועה, וועה, אַזוי רויט, אַזוי שעהן. עס דרעהט זיך, עס טאַנצט ציק־ציק־ציק! ערשט שוואַרץ, אַצונד רויט, אוי ווי שעהן־רויט...

איין מאָל ביי נאַכט האָט מען זי איינגעוויקעלט און אַ וואַרעמען שאַל און געטראָגען פריהער ערגיץ ווייט, דערנאָך הויך אויף טרעפּ און מען האָט זי אַריינגעברענגט אין איין פרעמדע, קאַלטע שטוב אַריין. אין מיטען שטוב איז געזעסען אַ קליינע אַלטע ציטעריגע יודענע און האָט געפּליקט פעדערן, און די זייטען אויף שעניקעס אויף דער פאָדלאָגע זענען קינדער געשלאָפען...

די פעדער־פּליקערין האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, נאָר געפרעגט מיט אַ פּישטשענדיג אַבגעריסען קול:

— ווער וועט צאָהלען?

— מען וועט שוין צאָהלען! האָבען געענטפערט די יודענעס וואָס האָבען זי געברענגט.

— מאַמע! האָט די קליינע אַרויסגעלאָזט אַ געוויין, פאַר שרעק און קעלט צוזאַמען.

נאָר קיינער קוקט זיך אויף איהר נישט אום.

— אַ יתומה? פרעגט ווייטער די פערפעדערטע אַלטע.

— נאָך נישט...

— מאַמע!

— שריי נישט בהמה, ענטפערט איהר איינע פון די יודענעס, די מאַמע איז אַוועק־געפאָהרען.

פלוצלונג איז איהר פרעהליך געוואָרען און אַ שכל'דיגער פונק האָט זיך איהר בעוויזען אין די אויגען.

צום... צום... טאַטען? — נאָר מען ענטפערט איהר ניטט.

— וואו וועט זי שלאָפען?

— היינט מיט מיר.

די יודענעס לעגען זי אין אַ קאַלט בעט אַריין, דעם שאַל נעמט מען צו און זי הויבט אָן ציטערן.

— מאַמע! צולאָזט זי זיך אויף אַ קול.

— נעמט זי איין, פריידעל, זאָגען די יודענעס.

— געהט נאָר, געהט! ענטפערט די פערפעדערטע, דאָס איז שוין מיין זאַך.

די וואָס האָבען זי געברענגט געהען אַוועק און די יודענע פון די פעדערן הויבט זיך אויף און געהט צו איהר צו.

— שווייג! — מאַכט זי האַרט און טרוקען, און זי דערשרעקט זיך און בלייבט שטיל.

זי קריגט אין דער פריה, גלייך מיט נאָך 4 קינדער, אַ שטיקעל ברויט מיט טהיי — טהיי האָט זי שוין לאַנג נישט

געטרונקען. ד האָט עס גאָר פערגעסען. ביי טאָג קריגט זי־אַביסעל קאַרטאָפּלעס אָדער קאַשע, ביי נאַכט וויטער טהיי מיט ברויט... זי איז כּמעט זאַט, נאָר עס איז איהר נישט גוט. זי האָט פיינד דיא קינדער און מורא פאַר פריידלען און בענקט...

— מאַמע!

נאָר פריידעל גיט אַ קיק אויף איהר און זי שווייגט. פריידלען האָט זי שרעקליך פיינד.

איין מאָל ביי נאַכט (זי האָט נאָך אַלץ נישט איהר שעניק און שלאָפט נאָך אַלץ נישט ביי נאַכט נאָר ביי טאָג) קריגט זי חשק זיך איבערצודרעהען צו דער אַלטער און צו בייסען אין דראָפּען די שלעכטע, די מרשעת... נאָר פריידעל שלאָפט מיט האַלב אָפענע אויגען און זי דרעהט זיך צוריק איבער דערשראָקען.

— ווערסט איינליגען אַמאָל? פישצעט פריידעל׳ס קול און דערלאַנגט מיט דער ביינינער פויסט אין די פלייצעס.

מיט דער צייט האָט זי די מוטער פערגעסען! דאָך בענקט זי און שרייט אַלץ אין איינעם: אַרויס! אַרויס!

זי האָט איהר שעניק בעקומען און פון דעמאָלס אָן האָט זי־פאַר פריידלען ווייניגער מורא: זי אַנטלויפט פאַר איהר, און אין לויפען קעהרט זי אום און שלאָגט די קינדער, צויאָגט די פערדען, צוברעכט דעם טאָפּ פון זיי... פריידעל חאַפּט אַ בעזים, נאָר זי־פערלירט דעם אָטהעם נאָכיאָגענדיג די „ווילדע בריאה" פאַר דאָס איז זי זיך אָן איהר שפעטער נוקם. זי מאַכט זיך רוהיג און שטיל, פאַר דאָס אַז די „ווילדע בריאה" שלאָפט שפּעטער אויף דעם שעניק, וואַרפט זי זיך אויף איהר אַרויף און צוהאַקט איהר דאָס לייב מיט די נעגעל. זי ווייגט נישט, נאָר פערבלוטיגט בייסט זי די ליפען. די רעשט גרינע קינדער בעהאַלטען זיך אין די ווינקעלעך און אָטהעמען פאַר שרעק...

נאָר היינט האָט דאָס אַלץ אויפגעהערט. אַ יודענע איז געקימען צו פריידלען און געזאָגט, אַז מעהר ווערט מען שוין פאַר דער ווילדער נישט צאָהלען: „נישטאָ פון וואַנען".

פרײדעל האָט זיך אױפגעשטעלט, און די אױגען האָט איהר אױפגעבליצט דאָס רשעות. זי האָט אָנגעכאַפּט די „װילדע בריאה" און אַרױסגעשטופּט פון שטוב.

די װילדע בריאה איז אַראָבגעקראָכען אױף אַלע פיער פון די טרעפּ (געהן אױף טרעפּ האָט זי נישט געקענט) און אַצונד, האַ, האַ! זי זעהט די גאַס! אַזױ װײס, אַזױ שעהן! אַ גלײבער, װײסער, בלישטשענדיגער שנײ! הו האַ!

און זי לױפט איבער'ן שנײ באָרװעס און לאַכט...

די לְבָנָה דֶערְצֶעהלט.

— מיעד פון קוקען אויף ווייסען מאַרמאָר און אויערס ווייסע גאַז-בעלייכטונג, האָב איך מיך אוועקגעדרעהט און געוואָרפען אַ בליק אויף איין אונטערגאַס.

פון איין איבערגעבויגען הייזעל געהט אַרויס אַ באָרוועס יונגעל, שלעבט געקליידט (די שמאַטעס האַלטען זיך אויפ'ן קוים) און גענענאיבער, פון אַ צווייט הויז, כמעט אַ מפולת, קומט אויך אַרויס אַזאַ יונגעל.

קוים זענען זיי איינער צום צווייטען צוגעקומען, האָב איך שוין נישט געוואוסט, וועלכער עס איז אַרויס פון וועלכען הויז. ביידע אויסגעדאַרט, מיט ברענענדיגע אויגען, ביידע ציטערן פאַר קעלט, אפשר פאַר הונגער אויך.

איך הער ווי זיי שמועסען.

— פאַרטיג?

— און דו?

— אויך!

— האָסט געגעסען?

— ניין... דער טאַטע האָט נישט געבּרענגט.

— מיינער — קראַנק; די מאַמע וויינט...

— געהען מיר?

— בעסער לויפען... ס'איז קאַלט...

— נו!

זיי לויפען פייל פון בויגען אין שטאָדט אַריין.

איך קוק זיי נאָך.
ביי איינעם פון די שענסטע הייזער שטעלען זיי זיך אָב.
— זעהסט! מיין פעטערס הויז! מאַכט איינער שטאָלץ.
דער צווייטער ווייזט אויף אַ הויז געגענאיבער!
— דאָס איז מיין פעטערס!
— מיין פעטער האָט מען אָבער געברענגט איין אַראַביש פערד'ל פאַר 16 טויזענד!
— מיינער האָט אַ קאַרעטע מיט 4 פערד ווי די לייבען!
— מיינער האָט אפשר טויזענד דערפער!
— מיינער — אפשר הונדערט שטעדט!
— שוטה! ביי מיין פעטער זענען די מעבעל פון גאָלד!
— בהמה! ביי מיין פעטער — סאַמע בריליאַנטען!
— אָבער מיין מוהמע מיט איהרע פערפומען! די נאָז רייסט עס אויף!
אָ וואַ! מיין מוהמע געהט אַלע טאָג אין טעאַטר אַריין...
— און אַז מיין פעטער שפּיעלט יעדע נאַכט אין קאָרטען — האַ?
זיי האָבען זיך לאַנג געשפּאַרט און שיער נישט געפאַלען זיך אין די האָר אַריין...
איינער איז דאָך פריהער אָבגעשטאַנען.
— קאַלט, מאַכט ער מיט אַ ציטער.
דער צווייטער שטעהט אויך אָב:
— איך בין זעהר הונגעריג, זאָגט ער, עס נאָגט מיך! קלינג אָן ביי דיין פעטער...
— ניין — ענטפערט יענער דערשראָקען — ער האָט אָנגע־זאָגט דעם שווייצער, ער זאָל מיר הענד און פיס צערברעכען!
— מיין פעטער — דאָס זעלבע! — ענטפערט דער צווייטער.
זיי לאָזען ביידע טרויעריג אַראָב די קעפּ.
— געהען מיר?

— בעסער לויפען..

און אויפ'ן וועג:

— מאָרגען ביי נאַכט נאָך אַמאָל...

— יאָ... איבערלויפען... איך וועל געבען אַ סימן...

איך וועל אַ קריי טהון ווי אַ האָהן...

—... איך וועל דיר ענטפערן מיט אַ מיאָוק פון אַ קאַץ.

— גוט...

[illegible] זענען מיר פערשוואונדען געוואָרען.

קינדער שפּיעל.

פאר די צערקווע.

א גאָלדענער טאָג...

די זון אויבען אין בלויען הימעל, די קאָפּולע פון דער צערקווע אונטען אין דער בלויער לופט — פלאַקערן... שפּריצען פייער.

די אַלעע אין סקווער אַרום צערקווע איז איבערפול, דאָס אויסגעשפּרייטע זאַמד בליצט גאָלדיג, דאָס ליכט רייסט זיך אַריין צווישען די געוויקסען, בעזוכט די פערוואָקסענסטע ווינקעלעך און בעשיינט אַ חבורה קינדער וואָס ליעגט אַרום קלאָמב פון אויסגעמישטע פלאַמענדיג־רויטע רויזען און אָבגעמאַטערטע, האַלב־געבויגענע ווייסע ליליען.

— סקוצ׳נאָ! 1) רופט זיך אָן אַ יונגעל פון אַ יאָהר פונפצעהן אין אַ נענעראַלסקי מונדיר מיט אַ רויטען אונטערשלאַג, רויטע קלאַפּען און זילבערנע טראָלבען. ער שפּרינגט אויף.

עטליכע „מאַטראָסען״ טהוען דאָס זעלבע, גענעצענדיג, און ווישענדיג זיך דעם שוויים. —

די רעשט קינדער שטעהט אויך אויף, — אָרעמערע קינדער, אין איבערגעמאַכטע זאַכען, אָן וועלכע מען דערקענט די פאָטערס: אַ פּאָליציי־מאַן, אַ צערקווע־דיענער, איין אָרעמער טשינאָווניק...

די האַלטען זיך אַביסעל פון וויטען, מיט אויסגעשפּיצטע אויערן, גרייט צו ערפילען יעדען בעפעהל.

---

1) לאַנגווייליג.

— קומט ווייטער שפּיעלען! זאָגט דער גענעראַל מיט אַ שטימע, אין וועלכער עס קלינגט שוין אַ קאָמאַנדאָ־טאָן.

— אין וואָס? פרעגט אַ מאַטראָס.

— אין איין אָביסק! 1) רופט זיך נישט דרייסט אָן איינער פון אָרעמען עולם.

— בילאָ! 2) גענעצט דער „גענעראַל!"—

— וו וויענציאַניע! 3) פּראָפּאָנירט אַ מאַטראָס.

— די בארישנים 4) קענען נאָך נישט אַרוים פון פּרייוט 5).

— זיי וועלען אָנקומען.

— אָבער דערווייל? — סקוצנאָ! גענעצט דער גענעראַל. אַ קליינע פּויזע.

— וו סוד! 6) הערט זיך אַ שטילער פאָרשלאָג, ווייטער פון אָרעמען עולם אַרוים.

— חאָראָשאָ! 7) שמייכעלט דער גענעראַל—

— נאָ, קאַיאָ סודיט טאָ 8)? פרעגט אַ מאַטראָס.

— וויאַטאָצניקאָ! 9)

— ניע סטאָיט! 10)

— ראזדענסטוויענקאווא!

— עטאָ גערויַ! צאַר יעוואָ זשאַלויעט 11)

— שמיטאַ! מאַשענניקאָ 12) שמיטאַ! ראַזבאָיניקאָ 13)...

— חאָראָשאָ... רופט מען אַרום.

— ווער וועט זיין שמיט? פרעגט דער גענעראַל.

אַלע ציהען מיט די אַקסעל; קיינער וויל נישט... אַלע קוקען מיט רחמנות פּנים'לעך אין האַלב מיט שרעק צום גענעראַל, ער זאָל, חס ושלום, נישט הייסען...

— וואַניא בודיעט! 14) רופט אוים דער גענעראַל.

וואַניאַ, דער יונגסטער, לויט די קליידער אויך דער אָרעמ־

1) אונטערזוכונג. 2) שוין געוועזן. 3) חופּה, קדושין. 4) פריילינס. 5) אזיל. 6) געריכט. 7) גוט. 8) נאָר וועמען משפּט'ן? 9) לאַפּאָוניק, שוחד נעהמער. 10) נישט כדאי 11) דער קייזער האָט'ן ליעב. 12) שווינדלער. 13) מערדער. 14) וואַניאַ וועט זיין.

סטער, אַ געלבלעך בלאַסער, מיט אַ גרויס קעפּעל, אויפגע־שוואָלען בייכל און פיילענבויגענדיגע פיסלעך, בעקומט טרערען אין די אויסגעזעצטע אויגען.

— יאַ ניע חאָטשיע! 1) שטאַמעלט ער, וויינענדיג. דער גענעראַל טופּעט מיטן פוס.

— דו מוסט...

— ניין, ניין! דאָס יונגעל וואַרפט זיך אויף דער ערד.

— איך הייס!

— ניין און ניין! און דאָס יונגעל גראָבט אַריין די הענד־לעך און די פיסלעך אין זאַמד... חאָטש טויט מיך.

— חברה הייסט! אמת?

— יאָ! יאָ! רופען זיך אָן אַלע אַרום...

— אַ'נישט, טרייבט מען דיך אַרויס פון חברה!

— טרייבט! שרייט וואַניאַ מיט פערצווייפלונג.

— וואַניאַ, — רופט זיך אָן דער גענעראַל ווייבער — וואַניאַ — און געהט צו צום ליעגענדיגען — הער וואַניאַ — ער בעמיהט זיך וואָס מעהר ליעבשאַפט איינצופליסען אין דער שטימע — בעקוססט, ווייסט וואָס?

— וואָס? העשעט וואַניאַ, און הויבט דאָס קעפּעל אויף העכער אַ ביסעל און קוקט צום גענעראַל אַרויף מיט אַ הונגער־בליק.

דער גענעראַל קלערט אַ ווײלע און פּלאַצט אַרויס, — שאָקאָלאַד!

וואַניאַ'ס הונגער־אויגען בליטצען אויף.

— אַ גאַנץ טעוועלע?

— אַ האַלבס! דינגט זיך דער גענעראַל.

— אַ גאַנץ! שפּאַרט זיך איין וואַניאַ.

— אַ גאַנץ! גיט דער גענעראַל נאָך, נישט אָהן פערדרוס. נאָר וואַניאַ'ס אויגען לעשען זיך צוריק אויס.

— גענאַרסט מיך?

— ניין... מיין גענעראַלסקע וואָרט!

— גיב פאָראויס!

---

1) איך וויל נישט.

— נאַ! און דער גענעראַל נעהמט אַרויס, נישט אָהן חרטה, אַ טעווועלע שאָקאָלאַד און דערלאַנגט וואַניאַ'ן.

וואַניאַ גראַבט אויס דאָס רעכטע הענטעל פון זאַמד און האַפּט אָן דאָס טעוועלע פון דער אויסגעצויגענער זייט.

דער גענעראַל פערהאַלט די צווייטע זייט, ווערענדיג אָב־ברעכען חאָטש אַ שטיקעל.

וואַניאַ בעמערקט דעם מאַנעווער, רייסט געשווינד אויס דאָס גאַנצע טעוועלע.

— פרעסער! זידעלט דער גענעראַל, און איבערדרעהענ־דיג זיך צו חברה:

— אַצונד קלויבט אויס אַ וואַיעני סוד 1)

— דו — פרעדסידאַטעל! 2) רופט מען צום גענעראַל.

נאָר וואַניאַ, וואָס האָט זיך שון געהאַט אויפגעזעצט, מיט ציטעריגע הענטלעך אָבגעשיילט דאָס טעוועלע פון בליצענדיגען בלייערנעם העמדעל און געחאַפּט צום מויל, נעמט עס נאָך'ן ערשטען אָבלעקען צוריק אַרויס פון מויל און צעוויינט זיך.

— וואָס ווייטער? דרעהט זיך אויס דער „גענעראַל" צו־קאָבט.

— איהר וועט מיך שלאָגען!

אַ שטילע רחמנות'דיגע פּויזע.

— נו — רופט זיך אָהן אַ מאַטראָס — אַ ביסעל שלאָגען מוז מען דאָך!

— אָבער נישט קאָפּען מיט די פיס! בעט זיך וואַניאַ...

— גוט! — געבען אַלע נאָך.

— נישט רייסען ביי די האָר..

— נאָר אַביסעל!

— ניין, גאָר נישט, עס טוהט וועה! צוהעשעט זיך וואַניאַ, — און נישט שטעכען מיט שפּילקעס! גיט ער צו.

דאַמאָלס געהט צו איהם נעהנטער צו דער גענעראַל, און טוהט אַ טופ מיט'ן פוס און אַ געשריי:

1) קריעגס־געריכט. 2) פאָרזיצענדער.

— פרעס!

וואַניאַ ווערט פערציטערט, חאפט די שאָקאָלאד אין מויל אַריין און לעקט.

— פרעס! זאָג איך.

וואַניאַ הויבט אָן קייען פאַר שרעק.

— געשווינדער!

וואַניאַ פאָלגט; אַ רגע, און דאָס גאַנצע טעווע פערשווינדט.

— אצונד מוסט דו! שרייט דער גענעראַל און אויסדרעהענדיג זיך צו די חברה:

— קלויבט וואַסיעראַטעליעס

IV.

הומארעסקען און סאטירען.

אינהאלט:

חוזק. 103

די רויז. 106

די טויטע שטאדט 116

באנציע שוויג. 130

דאס שטריימעל 142

הורמוז אונ אהרימון 158

דער ובוח 164

שמאי ראטמאן 172

וועגען געשיכטע 181

ביי די פרעש צו גאסט 190

דער פרוש מיטן בער. 202

די אכטע אבטהיילונג אין גיהנם 208

חוזק.

(אַ שמועס).

— איהר קענט חוזק'ן?

— אודאי!

— וואו געפינט מען איהם?

— וואו נישט? אין גאַס, אין הייזער, אין שוהל, אין בית־המדרש, אָפט זיצט ער תפום!

— אַ שעהנער פערשוין!

— ער וועט דען שטאַרבען אויף זיין בעט?

— ווי זעהט ער אויס?

— ווי חוזק! הויט און ביין; אַ הויט פון פאַרמעט מיט לאַבענדיג=ווייענדיגע וואָרצעל, האַפטען און שראַמען. אויגען האָט ער אויך משונה'נע; זיינם אַ בליק קען קיין בעל־בתי'שער מענש נישט אויסהאַלטען. ליפען האָט ער פערברענטע, דינע, צוזאַמען=געפרעסטע. עס דאכט זיך, ער עפענט זיי נישט און דאָך שיטען זיך איהם נאָדלען פון מויל, אַז עס שטעכט יעדען אין אַלע אברים.

— ווי אַזוי קליידט ער זיך?

— קריעה־בליעה: וואָס קלעהרט איהר! אַ טוץ בגדים, נאָר סאַמע לעכער און חוזק שטאַרט פון אומעטום אַרויס...

— פון וואַנען לעבט ער?

— פון צרות, בויך= צייהן= לעבער= און האַרץ=וועהטאָג! פון

וואַנען זאָל ער לעבען? אַז אַ מענש איז אַ לא יוצלח! ער איז אפילו בקי אין די קליינע אותיות נאָר טייגען — טויג ער צו גאָר נישט. איידער מען האָט איהם דערקענט, האָט מען אויף איהם רחמנות געהאַט, טאַקי, אַ תלמיד חכם, פאַר וואָס נישט! האָט מען איהם געמאַכט פאַר אַ מגיד. העלפט גאָט — שטאַרבט אַ ראש־הקהל, אַ ייד אַ גביר, אַ רערעל־פיהרער, מאַכט ער אַזאַ הספד, אַז דער גאַנצער עולם איז שיער נישט צוקנאַקט געוואָרען פאַר געלעכטער; די ווייבערישע שוהל האָט געלאַכט, איהר פערשטעהט? ! אַז אַזוי, אויס מגידות! מען מאַכט איהם פאַר אַ בדחן; מאַכט זיך ווייטער אַ גבירישע התונה, שי״ן אלף רו״ב גדן... איז ער אַזוי משמח חתן כלה, אַז מען ווערט צוגאָסען פאַר געוויין! און דער הספד איז דוקא וויינענדיג, דאָס בדחנות לאַכענדיג, נאָר דאָס פנים, די גרימאַסען ברענגען אַרויס פון די כלים. אַז מען שמועסט אַ לא יוצלח! אַ פערשאָלטענער מענש!

— פערשאָלטען?

— אמת פערשאָלטען, וואו ער ווייזט זיך, קומט אַריין די קללה! ווין אין קעלער ווערט זויער, מילך אין שטוב — גערונען, שעהנע מיידלעך און חנ׳ודיגע ווייבלעך ווערען נמאס ומאוס; פון בעלי־צדקות — שווינדלער, נישטען — פון די גרעסטע בעלי־בתים! פון גבאי׳טעם — ר״ל, וואָס עס ווערט! למשל — מען מאַכט אַ חשבון פון צרקה געלד, מתן בסתר, מאיר בעל־נס, אַזוי אַ חברה, עס דאַרף זיין עודף! די פישקע האָט אַ שלאָס, די גבאים קען מען פאַר פיינע לייט, היצאות זענען קליינע, הכנסות — די והותר. חווק קימט אַריין — פעהלט שוין ¾ געלד! עס ווערט אונטער די הענד פערשוואונדען! וויל ער, ווייזט ער נאָך זיינע שוואַרצע קונצען און געפינט דאָס געלד ביים רב אָדער ביים גבאי אין שטיועל! אַז ער איז דאָ, געהט אפילו אומגעצעהלט געלד לאבוד! וואו ער שטעקט אַריין די נאָז, איז אויס אמונה, אויס בטחון, אויס קרעדיט!

— ווי לאָזט מען אַזוינס אַ־יין אין אַ יודיש הויז?

— מען לאָזט טאַקי נישט, ער גנב׳עט זיך דאָך אימעטום

אַריין... וואָס קלעהרט איהר, מען היט זיך פאַר איהם ווי פאַר פייער. דער רב ענטלויפט כמטחוי קשת, דַיָנִים חלש'ן, בעלי בתים'ס בייכער טרייסלען זיך ווי אין אַ פיעבער, די גרעסטע משכּילים פערגעסען די צונג אין מויל, בעלי צדקה לאָזען די אייגען אַראָב ווי די גרעסטע גנבים, און נשים — רחמנא־ליצלן — זענען מפּיל פאַר שרעק! אַפילו בתולות...

— פון וואַנען קומט איהר צו דער סחורה?

— ווייסט איין בורא עולם! וואו מען זייעט איהם נישט קומט ער אַרויס! דאָ פון אונטער דער ערד, דאָ פאַלט ער אַראָב פון הימעל, דאָ יאָגט איהם אָן דער טייוועל ערגיץ פון אַ זייט... ער אַליין ווייסט נישט, פון וואַנען ער נעהמט זיך.

— און איינער אַליין?

— עלענד ווי אַ שטיין! קיין קרוב, קיין גואל... און עס איז קיין וואונדער נישט: קיינער וויל זיך צו'ן איהם נישט דערקענען, און ער אַליין וואָלט זיין אייגענעם טאַטען נישט דערקענט...

— אַ כשוף?

— אַ כשוף!

די רויז.

(אַ זומער ערצעהלונג).

עס נעהט צו פסח, עס איז פריהלינג, און אין זאַקסישען גאָרטען וועלען זיך באַלד די רויזען בעווייזען.

איהר האָט עפּיס ליעב רויזען? אין אַייער שמייבעל אַרום די ליפּען דערקען איך, אַז יאָ! אַיי, וואָס פאַר אַ ליכטלעך עס האָבען זיך אין אַייערע אויגען אָנגעצונדען! לאָזט נישט אַראָב די ברעמען! בהן צדקי — איך וועל קיינעם נישט אויסזאָגען! נאָר, אַז איהר האָט ליעב, וועל איך אַייך טאַקי דערצעהלען אַ מעשה פון אַ רויז...

אַמאָל איז געוועזען אַ רויז.

געוואַקסען האָט זי אין אַיין עפּענטליכען (אפשר אין זאַקסישען) גאָרטען, אויפ'ן טראַוניק, נאָהנט צו דער אַלעע, אויף אַ שטעכענדיגען שטרויס.

בשעת ווען איהרע שוועסטער האָבען שוין לאַנג אינ'ם בליהען פערגעסען, איז זי נאָך יונג און גרין געוועזען. זי האָט נאָך דעמאָלט אויף אַנעמיע געליטען: ווייניג, אָרעם בלוט געהאַט, און האָט זיך געשעמט פאַר דער וועלט צו ווייזען. זי האָט זיך בעהאַלטען ווי אַם־טיעפּסטען צווישען די שטעך־נאָדלען.

נאָר אין שטילע נעכט האָט זי זיך אַמאָל אַרויסגערוקט, אין אויג געוואָרפען אויף איהרע שוועסטער, אויף אַלע ראָמאַנטיש גליקליכע בלומען, און פון זיי אויפגעהויבען דעם טרויעריגען

בליק צו'ם בלאָהען, קלאָרען הימעל מיט אַ שטילע, נאָר אַ וויינענדיגע פּרעטענסיע צו גאָט, פאַר וואָס ער האָט אין איהר איינער פּערגעסען, זי איינע פּערטהיילט, איהר איינער אַזאַ טרויעריגע, איינזאַמע, עלענדע יוגענד געגעבען...

דאָס פלעגט אָבער נישט לאַנג דויערן. זי פלעגט זיך גיך און באַלד פאַר עפּיס דערשרעקען, און, פערציטערט, זיך צוריק בעהאַלטען אין שטרויס. מיט אַמאָל דאַכט זיך איהר — מען שיסט; דאָס האָבען ערגיץ, למזל טוב, עטליכע קנאָספּען געפּלאַצט. אָט הערט זי זיפצען — דאָס גוססט נאָר ערגיץ אין זאַמד אַ צוטרעטענע בלום.. עס הערען זיך עטליכע האַלז און נאָז-טענער — אַ פערשפּעטיגטער קאָרטען-שפּילער געהט זינגענדיג אַהיים, און לאָזט זיך הערען אין גאַס.

דאָך איז זי נישט זיכער, צי זי זעהט עס און הערט עס וואַכענדיג אָדער נאָר אין חלום. טהייל מאָל דאַכט זיך איהר, אַז איהר גאַנץ לעבען איז אַ חלום... אַז זי איז נאָר אַ געוועהנליכער דאָרן, און אַ רויז נאָר אויפ'ן עולם-הדמיון! אַז זי וועט זיך גיך און באַלד אויפחאַפּען שפּיציג און פערקרימט און פול מיט ברענענדיגע, גיפטיגע זאַפט!

* *
*

מיט דער צייט איז דער רויז בעסער געוואָרען. איהר דאָקטאָר איז געוועזען די וואַרעמע זון און עטליכע טראָפּען זומער-רעגען... זי איז אַלע מאָל געזונדטער און פולער געוואָרען. דאָס עדעלסטע רויזען-בלוט האָט איהר אָנגעהויבען צו קרייזלען אין די אָדערן, זי ווערט רויט און רויטער, מיט יעדער מינוט שעהן און שעהנער. דערביי ווערט זי אויך מוטהיגער און שטאַרקער ביי זיך!

און וואָס רויטער און געזונדטער זי ווערט, הויבט זי זיך אַלין העכער און העכער, און קוקט אַלע מאָל זיכערער און לעבענדיגער אַרויס אויף דער פרייער וועלט. דערנאָך איז געקו-

מען די העכסטע צייט, זי איז שוין אין גאנצען צייטיג, פול מיט זאפט און שארלאך-רויט! אצונד הויבט זי זיך אויף אין גאנצען, שטרעקט ארויס דאס גאנצע קעפעל הויך איבערן שטרויס, אום אלעס מיט אפענע אויגען צו בעטראכטען, און פון אלעס בע-טראכט צו ווערען!

* *
*

זי קוקט זיך אום און פערוואונדערט זיך! אלע איהרע שוועס-טער זענען שוין פערשוואונדען געווארען; זי איז געבליבען איין רויז אין גארטען, איינע אליין. עס פרעהט און שרעקט זי צוזאמען!... האטש זי האט אלעס נאר ווי אין חלום געהערט און געזעהן, ווייסט זי דאך, וואס דאס פערשווינדען בעטייט! זי ווייסט, אז איהרע שוועסטער זענען פון די שטרויסען אראב אין דער וועלט אריין זוכען גליק. וואס דאס „גליק" אליין איז, דאס ווייסט זי נישט, נאר עפיס טרוימט איהר, אז עס איז א גליק פערהאנען, אז דאס גליק וואקסט נישט אויפ'ן שטרויס, אז צוליעב איהם מוז מען ארויס פון דער שטעכעדיגער ארעמער היים אין דער פרייער וועלט אריין, צוגעזעצט צו עמיצענס א ברוסט!

זי שרעקט דאס געחלומטע גליק און דאך ציהט עס זי ווי א מאגנעט... זי דערמאהנט זיך, אז איינמאל האט זי געהערט אזוי זיס מיזיקאליש רעדען פון גליקליך זיין און גליקליך מאכען... מענשען האט זי נישט איינמאל געזעהן און געהערט בעהאלטען אין שטרויס... טהייל עלענדע, טרויעריגע, פערקרימטע מענ-שען... נאר טהייל פרעהליכע, גליקליכע מיט רויזען אויפ'ן הארץ! אין די האבען געשמייכעלט, און דאס פנים האט זיי געשטראהלט מיט גליק! זי וויל אויך אויסגלייכען, בלאנק מאכען א זויער-טרויעריג פנים, זי וויל אויך ליכט אנצינדען אין האלב פערלאשענע אויגען...

זי וויל זיך אליין אברייסען פון שטרויס און צו-קאלערן זיך צו דער אלטע, וואו מענשען וועלען באלד אנהויבען שפאצירען... עס „פאסט" דאך נישט; זי ווייסט שוין, אז דער סדר עולם איז

נישט, רוויזן זאָלען זיך אָבריַיסען אַליין... מען מיז וואַרטען... אויך אונטען וועט מען זי נישט בעמערקען! עס קען דורכגעהן אַ פּערטראָגענער סוחר, אַ פּראָצענטניק, וואָס לויפט נאָך זיין אַפּפּער אָדער וואָס ענטלויפט פאַר׳ן געזעץ... אַ טרעגער מיט אַ שווערע לאַסט אויף די פּלייצעס, וואָס וועט אויף איהר גאָר קיין מבין נישט זיין און נישט אָבטרעטען פון וועג... און אינטער אַזוינע פים וויל זי אודאי נישט שטאַרבען. זי מוז בלייבען אויפ׳ן שטרויס, חאָטש אַזוי איינזאַם און טרויעריג!

— מען וועט דאָך באַלד קומען! טרייסט זי זיך! מיינע שוועסטער זענען דאָך אויך נישט זיצען געבליבען!

* *
*

עס איז אַ קלאָרער, העלער פריהמאָרגען; זיי וועלען זיך באַלד בעווייזען! דער הימעל איז אַזוי העל-בלאָה, אַזוי צוואָגענ-דיג, אַזוי שמייכעלדיג, אַזוי גוט! אין אַזאַ שעהנעם העלען טאָג מוז איהר גליק געבאָרען ווערען, און — ווי אַ זילבערנע שטראַהל פון הימעל, ווי אַ ברכה פון גאָט, אַראָבפאַלען אויף איהר! זיי וועלען זיכער קומען און איינער פון זיי... איינעם פון זיי וועט זי בעגליקען!

זי הויבט זיך נאָך העכער איבערן שטרויס. זי גלייכט אויס און צולעגט איהרע רויטע קליידלעך, מיט חנ׳ודיגע טהוי-בריל-יאַנטען בעשיט. זי לעגט דאָס קעפּעל אַ ביסעל אין אַ זייט; אַזוי פיהלט זי זיך שעהנער און נעהנטער צו דער שמאָליער אַלע׳ן.

* *
*

עמיץ געהט!

עס הויבט אָן ציטערן דאָס קליינע רויזען-הערצעל. זי וויל זיך שוין צוריק בעהאַלטען, זי האָט חרטה... נאָר דער, וואָס קומט אָן, חאָטש ער זעהט זי נאָך נישט, ציהט זי שוין צו ווי אַ מאַגנעט.

אַ רויז איז פון נאַטור צו ערעל, עס זאָל איהר אזוינס געפעלען!

*   *
*

מיט אַ גראָהעם פּאַראַסאָל אין דער האַנד, מיט גרויסע קאַלאָשען אויף די פיס, מיט אַ דיקען פּאַלטאָט, פערמאַכט אויף אַלע קנעפּ, מיט אַ ווייס טוך פערבונדען די צייהן, מיט אַ הויכען צילינדער אין דער לינקער און אין דער רעכטער האַנד אַ דיקען וויין-שטאָק, איבער וועלכען דער גאַנצער קערפּער בויגט זיך אינ'ם גאַנג; מיט אַ גאָלען קאָפּ און דאָפּעלטע ברילען אויף דער דאַרער, געגאָרבעט, שפּיציג-ביינערנער נאָז, קומט אָן — שלעפּענדיג אַ פוס נאָך אַ פוס — איין אַלטער „דייטש"!

די רויז האָט זיין שטילען גאַנג נישט דערהערט, און קיין צייט נישט געהאַט זיך פאַר איהם צו בעהאַלטען.

ער שטעלט זיך פאַר איהם אָב, שלעפּט צו איין פוס צו'ם צווייטען! מאַכט צורעכט די דאָפּעלטע ברילען און בעטראַכט די פרישע בריאה...

ער רונצעלט דאָך די נאָז; זי איז איהם נ י ש ט געפעלען.

— פּהי! — בלאָזט ער אַרויס פון צווישען די בלאָהע ליפּען, און דערפון ווערט אַ ויח און אַ געגרויש, גלייך אַ פויל בלאַט וואָלט געפלויגען אין דער לופט.

— פּהי! שוין נישט פאַר מיר! צו פיעל ענטוויקעלט... צו אַלט! איך דאַרף יונגער, פרישער; נאָך גרינלעך, עפּיס אזוינס — — —

ער לעגט צו צוויי פינגער צו די ליפּען, וויל ענדיגען מיט אַ וואָהל-יונגערישען פייף, נאָר עס קומט אַרויס קוים אַ צישען פון אַ שלאַנג — — און געהט ווייטער.

— ברעך די פיס! קען זיך די רויז נישט איינהאַלטען.

*   *
*

אָט, עס קומט אָן אַ מענש אין די מיטעלערע יאָהרען.

עס געהט אַ יונגער מאַן מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען...

— אַח! ער וועט מיך נישט דערזעהן! טרייסט זי זיך און שרעקט זיך צוזאַמען!

דער יונגער מאַן קומט נעהנטער. זי האָט נאָך אַזאַ טרויע־ריג פּנים נישט געזעהן! אַ דינער ביטערער שמייכעל בלאָנדזיעט אַרום אַ פּאָר קליינע בלאַסע ליפּען... דער יונגער שטערן איז געֿרונצעלט, אויף די בלאַסע באַקען איז שוין לאַנג, אַ פּנים, קיין פרעהליכער שטראַהל נישט געפאַלען... זיינע אויגען זעהט זי נישט, נאָר זי פיהלט, אַז זיי מוזען זיין בלאָה און שעהן ווי דער הימעל, נאָר טרויעריג — ווי עס קאָן נאָר זיין אַ הימעל אָהן זון!

— און קיין איינציגע פון מיינע שוועסטער — וואונדערט זי זיך — האָט זיך פאַר אַזוינעם נישט געאָפּפערט?

דער יונגער מאַן הויבט פּלוצלינג אויף די אויגען; זי האָט געטראָפען! דאָרט קאָן זיין אַ הימעל, נאָר דערווייל איז אַ ים פון לייד! ער דערזעהט זי אויך; רייבט זי מיט דער האַנד דעם שטערן, ווי איינער וואָס דערמאַהנט זיך עפּיס; זיין פּנים ווערט בלאַסער, און דער דינער ביטערער שמייכעל ווערט ברייטער און ברייטער און פערשפּרייט זיך אַלץ העכער און העכער ביז די אויגען צו... נאָר באַלד פאַלט דערויף אַ געדיכטער שאָטען פון וועהמוּטה! ער פערברעכט די הענד:

— אַ רויז — ציטערן זיינע ליפּען — אַ רויז! — ווען יענע האָט מיר „יאָ” געזאָגט, האָט זי אַ רויז געטראָגען... נאָר דאָס אייגענע ציערונג האָט זי געהאַט אויף דער ברוסט, ווען זי האָט מיך אָבגענאַרט... די אייגענע רויז!

— אַח, דאָס נאַרישע האַרץ! בייזערט ער זיך אויף זיך אַליין — ער קאָן נאָך אין איהר און אין ר ו י ז ע ן נישט פערגעסען!

— מאַרש! קאָמאַנדירט ער זיך, און רייסט זיך אַוועק מיט געוואַלד, און פערשווינדט אין איין אַנדערע אַלעע.

— אַח, גאָט, גאָט, קלאָגט זי די רויז — וואָס מיינע שוועסטער קענען!

אָה! זי וועט עס נישט טהין... ביז'ן לעצטען אָטהעם, ביז'ן לעצטען הויך! אָה ניין! אינם טרייעם אָפּפערן זיך איז דאָס העכסטע גליק פון אַ רויז!

*　*
*

עס קומען אָן צוויי עלטערע דאַמען; געהענדיג, בעטראַכ־טען זיי אַלע שטרויסען; אַלע זענען לעער!

— זיי מיזען דערוואַקסענע זיהן האָבען! טראַכט זיך די רויז.

— נאָר פּאַר וואָס קומען זיי נישט אַליין — זעהט עס איהר וואונדערליך אויס.

— מיר האָבען זיך פערשפּעטיגט — מאַכט איין דאַמע צו דער אַנדערער.

— איך זעה שוין — ענטפערט די צווייטע — עס וועט שוין דאָס יאָהר קיין רויזען נישט זיין!

די רויז וויל דאָך. מען זאָל זי בעמערקען, אַבוואָהל דאָס רחמנות אויף יענעם קלינגט איהר נאָך אין הערצעל. זי בע־וועגט זיך און עס געראָטה איהר!

— אָט, אַ רויז! מאַכט איינע.

— איך זעה שוין — זאָגט די צווייטע — „קיין מעשה נישט" פון אַ רויז, נאָר איינע איז קיינע! פּאַר מיינע געסט דאַרף איך ווענינגסטענס — אַ טאָפּ איינגעמאַכטס... נאַכט אויף נאַכט ווייז און קאָרטען! דאַרף דאָס אויך נישט פעהלען.

— איך — ווענינגסטענס איין עמער זאַפט...

די אָרעמע רויז דאַנקט גאָט, אַז די דאַמען זענען פערביי־געגאַנגען. זי שטוינט זיך אפילו נישט, ווי אַזוי מען דריקט אַרויס דעם זאַפט פון רויזען, ביי וואָס פּאַר אַ פייער עס פּרעגלען זיך קאָנפיטורען... נאָר די דאַמען אַליין זענען איהר נישט גע־פעלען; אַזוינע דיקע, שמאַלציגע פּנימער..!

עלעגאַנט געקליידט, דער אָבערציהער מיט דער העלער אונטערלאַג אויפ'ן אַקסעל, מאָדישע זעק אַלס ביינקליידער. איין אָפּענער זיאַקעט, פון וועלכען עס קוקט אַרויס אַ גאָלדען (אָדער אַ געגילדעט) קייטעל, און ענדיגט זיך נאַכלעסיג, אַראָבפּאַלענדיג מיט אַ גרויסען פערדס-קאָפּ אין אַ ראַם פון אַ קליינער פערדס-פּאָדקאָווע; איבער דער ברוסט טאַנצט אין דער לופט אַ גאָלדענע פּאַנסנעע אויף אַ דין-זילבערנע האָר; אַ יעגער-הוט, און — אַ פּנים, צו וועלכען מען האָט זיך געמוזט גוט און שאַרף צוקוקען, מען זאָל דערזעהן, אַז דאָס לעבען האָט שוין לאַנג דעם פרישען הויך דערפון אַראָבגעבלאָזען... נאָר די אויגען זענען רויטליך-מיעד, אין אַרום-געפּאַסט מיט בלאָהע רענדער.

די רויז בעמערקט ער באַלד, נאָר ער בלייבט אפילו נישט שטעהן אַ רגע.

— פאַר איין אַנדערער — טראַכט ער — איז אַ רויז גענוג. איך וואָלט געשיקט אַ רויז מיט דער פרישער טהוי, אַ שמעקענדיגען בילעט מיט פלאַמענדיגע ריימען אונטער אַ דורכגעשטאָכען האַרץ... זי וויל אָבער בריליאַנטען!

* * *

עס קומט אָן אַ בלאַסער יונגער מאַן, לאַנגע, נאָכגעלאָזטע, פּאָעטיש פאַנטאַסטיש צושויבערטע האָר. די אויגען פערזענקט אין הימעל, גלייך ביידע בלאָהע פאַרבען ווילען זיך צוזאַמענגיסען! אין מויל מיט גוט געריימטע ליפּען — אַ זיס זומער-ליעדעל אָהן ווערטער, און אויפ'ן בלאַסליכען, מיט גאָלדענע זונשטראַהלען לייכט גערויטעלטען פּנים איז אויסגעגאָסען אַ פאַרביג-פּאָעטישער חלום.

די רויז דערפיהלט אַ שטאָך אין האַרץ, גלייך עס האָט זי אַ פייל געטראָפען.

עס טהוט איהר וועה, נאָר די וועהטאָג איז אַזוי זיס, אַזוי עדעל-זיס! איהר ציטערט דאָס קליינע רויזען-האַרץ, און

צאַפּעלט ווי אַ יונג פויגעלע אין שטייג, עס ווילט זיך אויס־רייסען!

— אָט — דאָס איז דער — צאַפּעלט עס אין רייסט זיך — וואָס עס האָט זיך מיר אַזוי לאַנג געחלום׳ט! וואָס גאָט האָט מיר געוויס בּעשערט! גליק איז אויף זיין ברוסט! אַה! ער זאָל מיך נאָר זעהן! ער זאָל מיך נאָר זעהן!

און איהר היים געבעט איז ווייטער געהערט געוואָרען; ער האָט זי דערזעהן!

ער בּלייבּט שטעהן ענטציקט! די בּלאָהע אויגען ווערען איהם גרעסער און די שטראַהלען אין זיי — ליכטיגער און וואַרעמער!

ער געהט צו און בּעריהרט זי זאַכט מיט די ציטערדיגע פינגער, ער לעגט צו זיינע ליפּען צו איהרע ערדעלע בּלעטלעך... זיי טרינקען פון איהר טהוי... ער קושט זי...

— אָה, דו שעהנע! זיסע, הימלישע רויז! זינגט פון איהם אַרויס — דו גאָטעס זיסער שמייכעל! דו בעסטער שטראַהל פון זיין אויג! ווי ליעב האָב איך דיך! ווי דו ציהסט מיך צו דיר!

ער קושט זי נאָך אַ מאָל... און זיינע ליפּען דערפיהלען, אַז די רויז וויל זיך אָנקלעבען אין זיי... אַז זי אין גאַנצען ציטערט און וויל זיך אָבּרייסען פון שטרויס...

און ער ציטערט אויך! נאָר אַ טרויעריגער וואָלקען ציהט זיך פּלוצלונג איבּער זיין פּנים. ער רוקט זיך אָב.

— ניין — ציטערן זיינע ליפּען, בּשעת ווען ער חאַפּט די הענד צו זיך, גלייך ער וויל זיי נישט געטרויען —

—דאָס נישט! איך וועל דיר פאַר דיין גוטס מיט קיין שלעכטס נישט צאָהלען...

„צו געשווינד וואָלסט דו פערוועלקט אין מיין נאָסער שטוב... דענערוויירט — וואָלט איך דיך נאָך בּעליידיגט, און דערנאָך — מיר אין קאָפּ אַ קויל אַריין־געיאָגט..."

„אָ, ניין! בליה ווייטער, בליה! דו וועסט בלייבען די קעניגין פון אַלע מיינע חלומות... וואו איך וועל זיין, וועל איך אַלץ שיקען מיינע זיפצען און מיין געבעט צו דיר... נאָר בליהען זאָלסט דו ווייטער..."

„בליה" !

און ער געהט אַוועק...

* *

*

בעטויבט, בלייבט די רויז אויפ'ן שטרויס און בעמערקט נישט, אַז מיט דער אַלעע קומט אָן אַ שכור.

ער וואַקעלט זיך אַהין און אַהער, זינגט עפּיס אונטער דער נאָז און פאַלט גלייך אויפ'ן שטרויס אַרויף.

אַז די פּאָליציי האָט'ן שפּעטער-צו אויפגעהויבען, האָט זיך דער שטרויס צוריק אויסגעגלייכט, נאָר די רויז איז שוין אויף איהם נישט געוועזען. —

דִי טוֹיטֶע שְׁטָאדט.

אַרומפאָהרענדיג אויף דער פּראָווינץ וועגען דער יודישער סטאַטיסטיק, האָב איך אונטערוועגנס געטראָפען אמאָל א יוד וואָס האָט זיך געשלעפּט טריט ביי טריט אין שווערען זאַמד. דער יוד זעהט אויס קראַנק, קוים וואָס ער געהט. קוים וואָס ער שלעפּט די פיס. איך קריעג אויפ'ן רחמנות און נעהם אידם אויף, אויף דער פוהר. ער זיצט אויף, שטעקט מיר אָב „שלום עליכם"! פרעגט מיך אוים וועגען אַלערליי נייעס. איך ענטפער און פרעג צום סוף:

— און איהר פון וואַנען זייט, ר' קרוב?

— פון דער טויטער שטאָדט! — ענטפערט ער געלאַסען. איך מיין ער שפּאַסט.

— וואו איז עס, פרעג איך — הינטער די הרי חשך?

— אי! — שמייכעלט ער, — דוקא אין פוילען...

— אין אונזער מדינה, אַזאַ שטאָדט?

— פערהאַן! — זאָגט ער — פערהאַן! הגם די אומות העולם, ווייסען נישט פון איהר, און האָבען איהר קיין גוישען נאָמען ביז היינט נישט געגעבען... עס איז אַ יודישע, אַיין עכט יודישע שטאָדט!

— וואָס רעדט איהר?

— וואָס איהר הערט! איהר קענט אַוודאי געאָגראַפיע און מיינט, אַז אַלץ איז דאָרט פערשריבען; אַז אָסור! מיר יודען לעבען אָהן געאָגראַפיע!.. נישט פערשריבען און פון נאָהנט און וויים קומט מען צו אונז און מען פאָהרט פון אונז. נאָך וואָס געאָגראַפיע?... יעדער בעל־עגלה ווייסט דעם וועג...

— איהר גלויבט נישט? פרעגט ער ווייטער.

איך שווייג.

— אין דאָך איז אַזוי! אונזער מרא דאהרא שרייבט זיך דורך מיט אַלע גאונים פון דער וועלט! עס געהען שאלות ותשובות וועגען אַלע די וויכטיגסטע זאַכען... און אַלץ ווערט פערזאָרגט... איז נאָך דער צייט! נישט לאַנג, למשל: האָט מען מתיר געמאַכט איין עגונה, וואָס האָט שוין לאַנג אויסגעלעבט איהרע יאָהרען; נו, וואָס איז? דער עיקר איז דער שכר פון פלפול, נישט די עגונה!

ער מאַכט ווייטער:

— אַלע „אייניקלעך" ווייסען שוין לאַנג פון אונזער שטעטיל... קומען, ברוך השם, גאַנץ אָפט... פאָהרען, ברוך־השם, נישט לעדיג אַרויס.

— דאָס ערשטע מאָל הער איך פון אַ טויטער שטאָדט!

— איז ווירקליך אַ וואונדער! מוזט איהר זיך אַ ביסעל האַלטען פון ווייטענס... עס איז דאָך איין עכט יודישע שטאָדט, איין אמת'ע עיר ואם בישראל; זי האָט אַלץ וואָס אַ שטאָדט ברויך; משוגעים אפילו, צוויי, אָדער דריי! אין מסחר האָט זי אייך אַ שם!

— פיהרט עפּיס אַרויס צי אַריין?

— וואָס? וואָס זאָגט איהר? פרעגט דער יוד, נישט דעכט פערשטעהענדיג. — סחורה, מיינט איהר, אַרויס און אַריין־פיהרען?

איך שאָקעל מיט'ן קאָפּ אויף יאָ.

— געוויס! — ענטפערט ער — מען פיהרט אַרויס תפילין און רצועות, מען ברענגט אַריין אתרוגים פון קורפו און ערד פון ארץ ישראל! אָבער נישט דאָס איז דער עיקר: דער עיקר איז דער האַנדעל אויפ'ן אָרט, אין שטאָדט גופא, שענקען, אורחים־שטיבלעך, אַלטוואַרג... כנהוג בישראל, ווי דער שטייגער איז...

— איין אָרעמע שטאָדט?

— וואָס הייסט רייך און וואָס הייסט אָרעם? ס'איז דאָ פּרנסה! גאָר אָרעמע לייט, געהען אַרום אין די הייזער, אין דער־היים אָדער אין סביבות... דאָס מעהרסטע — אויפ'ן אָרט! ווער עס שטעקט אויס אַ האַנד, דעם גיט מען. אַנדערע זוכען זיך לייכטע מלאכות, אַ שטייגער: אַ מעקלערייַ, זוכען אין די גאַסען און געפינען אַ כשר'ע מציאה... דער רבונו של עולם פערלאָזט נישט!... יתומים עסען טעג ביי בעלי בתים און לערנען אין תלמוד תורה; פון יתימות ווערען דיענסט־מיידלעך, קעכין, פאַהרען אָב און זענען זיך אויך מפרנס... אלמנות, גרושות און עגונות (אין די לעצטע צייט איז פערהאַן אַ סך עגונות) זיטצען פערשלאָפען איבער פייער־טעפּ! און פערדרייכט, חלומט זיי, אז עס וואַקסען שוין גרייטע זעמעל אויף די בוימער... אַנדערע לעבען גאַנץ בכבוד!

— פון וואָס?

— פון וואָס? ווי דער סדר עולם איז! איין אָרעמאַן האָט בפּחון, אַ סוחר שלינגט לופט, און דעם ערד־אַרבייטער, דעם קברן מיין איך, דעם פעהלט אודאי נישט...

צי מאַכט ער חוזק, דאָס אויסגעדאַרטע יודעל, "דער גל־עצמות", מיט'ן מאָדנע פייער'ל, וואָס בליצט איהם אין די טיעף איינגעפאַלענע אויגען? אויפ'ן שאַרף־ביינינגען פּנים, וואָס איז אַרומגעצויגען ווי מיט אַ געל שטיק פּאַרמעט, בעוויזט זיך דאָך קיין מינדסטען שמייכעל... נאָר דאָס קול זיינס... עפּיס קלינגט עס מאָדנע!

— וואָס איז עס פאָרט — פרעג איך — פאַר אַ מין שטאָדט?

— וואָס הייסט? אַ שטאָדט ווי אַלע שטעדט! פערהאַן אַ שוהל; אויף די ווענד, דערצעהלט מען, איז געווען אמאָל אויסגעמאָלט אַלערליי חיות, בהמות און עופות, פון פּרק שירה אַרוים... אויפ'ן בעליק ווייטער — אַלערליי כלי זמר, פון דוד־

המלך, עליו השלום ... איך האָב עס שוין נישט געזעהן, נאָר אַלטע יודען זאָגען!

— און היינט?

— היינט? שטויב און שפינגעוועבס... נאָר אַ הילצערנע קייט, פון איין שטיק אויסגעשניצט, הענגט נאָך אַראָב פון בעליק, פאַלט זיך אַזוי בנעימות אַראָב, און אַ זייט פון ארון קודש, רעבטם פון פרוכת, וואָס איז ווייטער אַ מתנה פון פרומע נשים... ווער עס האָט געמאַכט די קייט, געדענקט מען נישט, נאָר אַ מייסטער איז עס געוועזען! אַזאַ קייט!

— אין שיהל — דערצעהלט ווייטער דער יוד — דאַוונען, ווי דער שטייגער איז, סאַמע פראָסטאַקעס — בעלי מלאכות; אויסגענומען שניידער, וואָס האָבען אַ בעזונדערן מנין, און קצבים מיט בעלי־עגלות, וואָס האָבען זיך האַיאָהר געדונגען אַ בעזונדער שטיבעל צו דאַוונען... די שיהל קען קיים עברי! שעהנע בעלי בתים, בני תורה דאַוונען אין בית המדרש, אַ גרויס בית המדרש... אַ סך ספרים! חסידים ווידער דאַוונען אין שטיבלעך!

— און מחלוקת פערהאַן?

— כל זמן מען לעבט! אויפ'ן קברות פאַר דאָס, איז שלום... איין בית עלמין פאַר אַלע... דאָס מרחץ מיט דער מקוה זענען אויך בשותפות פאַר אַלע..

— וואָס נאָך פערמאָגט איהר?

— וואָס דאַרף מען נאָך? געוועזען הכנסת אורחים, אונטער־געגאַנגען... אורחים קענען שלאָפען אין בית המדרש... לעדיג ביי נאַכט... אַ הקדש האָבען מיר!

— אַ שפיטאָל, מיינט איהר?

— נישט קיין שפיטאָל, נאָר אַ הקדש. צוויי שטובען, פריהער איז עס געוועזען דעם בעדערס דירה, דערנאָך האָט מען געמאַכט, דער בעדער זאָל יוצא זיין מיט איין שטוב און די צווייטע זאָל זיין אַ הקדש... בסך הכל ליעגען דאָרט, דאַכט זיך, דריי קראַנקע ווייבער. איינע, נעביך, איין אַלטע, אָבגענומענע פיס, און ליעגט איבער־אַנאַנד; אַ צווייטע — הענד און פיס

אָבגעגומען, אין נאָך אַ משוגענע עגונה, דריי ווינקלען פּער־נעמען די בעטען, אין פיערטען שטעהען קוימען־אויווען! אין מיטען האָב׳מיר נאָך אַ טויטען־שטיבעל, טאָמער טרעפט זיך!

— איהר לאַכט פון מיר, ר׳ קרוב, — פּאַל איך איהם אין די רייד — עס איז דאָך ציאַחנאָציקע! ציאַחנאָציקע מיט איהר מסחר, צדקות און מעשים טובים! פאַר וואָס זאָגט איהר: די טויטע שטאָדט?

— ווייל איך מיין טאַקי די טויטע שטאָדט! איך רעד פון אַ שטאָדט, וואָס באַלד אין דער התחלה, ווען זי האָט זיך געבויעט, איז זי געהאָנגען אויף אַ האָר, און היינט, אַז די האָר האָט זיך איבערגעריסען, הענגט זי אין דער לופט. אויף גאָר־נישט האַלט זי זיך. און ווייל זי האַלט זיך אויף גאָר־נישט און שוועבט אַרום אין לופט, איז זי געוואָרען אַ טויטע שטאָדט... ווילט איהר, וועל איך אייך דערצעהלען, פאַר וואָס און ווי אַזוי.

— אדרבא... זעהר אינטערעסאַנט.

עס פאַלט דערווייל צו די נאַכט... דער הימעל ווערט אין אַ זייט בלוטיג, פייערדיג; דאָרט געהט אונטער די זון. פון דער צווייטער זייט דאַגעגען, פון אַ קלאָרען, לייכטען נעפּיל שווימט אַרויס די לבנה, ווי אַ כלה׳ס פּנים פון אינטער אַ ווייסען שלייער. די בלאַסע שטראַהלען, וואָס זי זייעט אויף איבער דער ערד, ציטערן און מישען זיך אוים מיט די ציטערדיגע שאָטען פון דער פרויערינ שטילער נאַכט...

עס ווערט אונהיימליך.

מיר פאָהרען אַריין אין אַ וועלדעל. דער לבנה׳ס שטראַהלען גנב׳נען זיך צו אונז דורך די ציטעריגע בלעטער...

אונטען, צווישען אַראָבגעפאַלענע בלעטער און צווייגען, טאַנצען אַרום קליינע ליכט־רעדלעך, ווי זילבערנע מטבעות, עפּים אַ כשוף שטעקט אין דער בעלייכטונג, אין שטיל־רוישענדיגען וואַלד...

איך וואַרף אַ בליק אויפ'ן אורח, ער האָט שוין, דאַכט זיך, גאָר איין אַנדער פּנים... עס איז אַזוי טרויעריג און ערנסט; דער בליק, דאַכט זיך, איז אַזוי עהרליך און פּראָסט...
זאָל דאָס אַלץ אמת זיין?
הא... איך וועל הערען!

— פון דער ערשטער רגע אָן — דערצעהלט דער יוד, — האָט די שטאָדט געהאָנגען אויף אַ האָר, ווייל מען האָט זי באַלד געשטעלט אויף איין אָרט, וואו עס טאָר, על פּי דין, קיין יודישע שטאָדט נישט זיין! ערשט, אַז עס האָט זיך צונויפגעזאַמעלט דאָס ערשטע מנין, האָט מען געמאַכט איין אסיפה... עס איז געבליבען, מען זאָל זיך צורעכענען צו איינער פון די שטעדט אין דער סביבה, אויף דעם סמך האָט מען דערווייל געבויעט אַ מקוה, אַ שוהל, דערנאָך — אַ מרחץ, געקויפט נאָך אַ שטיקעל ערד אויף אַ היילִיג אָרט...

אין, אַז מען האָט שוין אַלץ אָבגעטהון, האָט מען געשיקט שתדלנים, וואו אַהין מען דאַרף, מען זאָל דאָס אַלץ בעשטעטיגען...

— מיט'ן קאָפּ אַראָב?

— וואָס געהט ביי אינז נישט אַזוי? עס קען דען אַנדערש זיין?...

— ווייס איך...

— סיי ווי סיי — אַ מעשה שהיה! און עס איז גאָר-נישט אַזוי קרום געוועזען ווי איהר מיינט...

געוועזען איז אַ יוד איין עושר, אַ גביר! דער גביר איז געווען, פערשטעהט איהר, ווי דער סדר עולם איז, אַ שטיקעל, און אפשר אַ שטיק קרוב למלכות... אַ תקיף... האָט מען אַלץ געמאַכט אויף זיין נאָמען: זיין שוהל, זיין מרחץ, זיין מקוה, — אפילו זיין היילִיג אָרט... פּאָליציע האָט געשוויגען; איך זאָג דאָך אייך — אַ תקיף!

אַז עס וועט קומען דאָס פּאַפּיער פון העכערן אָרט, וועט ער איבערשרייבען אויף קהל, וועט אויפהערען דאָס לאַ-יתחרץ געלד.

— און דערנאָך האָט דער גביר געזאָגט: עלי כתיב?

— ניין, מיין ליעבער הארר, דעמאָלט זענען נאָך אַזוינע גבירים אין דער מאָדע נישט געוועזען... מען האָט בכלל פון „עלי כתיב" נאָך נישט געוואוסט. נאָר הערט וואָס עס קען זיך פּאַסירען, וואָס עס מאַכט זיך אַמאָל אויף דער וועלט!

נישט דער גביר, נאָר דער שתדלן האָט אָנגעמאַכט די גרויסע צרה... אויפ'ן וועג, האָט ער זיך מישב געוועזען, און איז ענטלאָפען! מיט'ן געלד, מיט די פּאַפּיערען... און איבער־געלאָזט דעם פריש געבאַקענעם קהל, איין עגונה מיט לעבענדיגע יתומים...

— האָט מען געשיקט אַ צווייטען?

— אַזוי געשווינד? איידער מען איז געוואָהר געוואָרען, אַז ער איז ענטלאָפען, איידער וואָס, איידער ווען, איז דערווייל דער גביר געשטאָרבען און איבערגעלאָזט, צווישען אַנדערע, אַ יורש אַ יתום קטן... פאַר 21 יאָהר טאָר ער דאָך נישט אָבשרייבען!

— איילט מען זיך נישט?

— געווים... אַז ער וועט אַלט ווערען איינאונצוואַנציג יאָהר, וועט מען שיקען אַ נייעם שתדלן און אפשר צוויי...

— און מען האָט עס פערשריבען לזכרון אין פּנקס?...

— אָט! אָט!... האָט טאַקי דער פּנקס געדענקט און דער עולם פערגעסען!

מהייל זאָגען, אַז דער פּנקס איז פערברענט געוואָרען: דער גבאי האָט געהאַלטען דעם פּנקס און הבדלה געמאַכט, אונ־טערגעצונדען אַ ביסעל בראָנפען און ואיננו...

קהל דערווייל, קיין עין הרע, וואַקסט; יודעלעך, ברוך השם, מעהרען זיך. עס קומען צו פון אַנדערע קהלות אויך: דער ברענגט איין איידעם, דער אַ שנור, מיט איין וואָרט עס צעוואַקסט זיך. און, ווי להכעים, דעם גביר'ס יורשים פאַלען! די אלמנה האָט חתונה און פאָהרט אָב, איין זוהן נאָכ'ן צווייטען זוכען פּרנסה אין דער פרעמד... אויף שבעה ימים זיך צו־לאָפען. געבליבען איז נאָר דער יתום קטן... קהל מאַכט איהם

איין אַפּוטרופּס, מאַכט איהם חתונה, גיט איהם צו אַ געניטען שותף —

— דער מאַכט איהם אוים איין אויער!

— כדת משה וישראל!

און צרות האָט ער פון שותף, גרעסערע פון ווייב; אַ פאַלשע וועקסעלע האָט ער אויך אונטערגעשריעבען, מאַכט ער אויך פּליטה... אַ גרויסער באַנקראָט... היימישע, פרעמדע, עס ווערט אַ געוואַלד, אַ געררויש, עס שפּאַרט אָן אין סאָנד, עס קומט אַ קאָמאָרניק... געלד איז נישט געווען, מטלטלין האָט דאָס ווייב בעהאַלטען, — נעמט זיך דער קאָמאָרניק צו דער שוהל מיט'ן בית עלמין!

אַ דונער האָט אַריינגעשלאָגען אין שטעדטיל! אַ דונער פון ריינעם הימעל אָהן אַ פּיצעל וואָלקען, דען, פערשטעהט איהר, דאָס אַלץ איז געווען ביז דער לעצטער רגע בסוד סודות...

פּלוצים, גאָר פּלוצים, אויף אַמאָל איז מען געוואָהר געוואָרען, אַז קהל הענגט, ווי איך האָב אייך געזאָגט, אויף אַ האָר!

וואָס בלייבט צו טהון? פאָהרט מען צו אַדוואָקאַטען... וואָס קענען זיי ראַטהען אין אַזאַ פאַל? מען זאָל צולאָזען אַ ליציטאַציע, דער קאָמאָרניק זאָל אַלץ פערקויפען, און קהל זאָל אָבקויפען! וועט קאָסטען, וועט קאָסטען! קהל איז דאָך אָבער דערווייל נאָך קיין קהל נישט, מען האָט דאָך די פּאַפּיערען פערלוירען אויפ'ן וועג? זאָל מען אויפשטעלען איין אַנדערן גביר, אין אויף זיין נאָמען קויפען. דער עיקר — מען זאָל נישט וואַרטען, ביז דער גביר וועט, חס ושלום, אָבקומען אָדער אַוועקקומען, רחמנא ליצלן.

אין פּלוג, דאַכט זיך, נישט קיין שלעכטע עצה... היזק האָבען געלד איז קהל געוועהנט... איז אָבער שוין דעמאָלט געוועזען נישט איין גביר, נאָר עטליכע! שתדלנים — גאָר אַ מאַסע! אויף וועמען זאָל מען פערשרייבען? וועמען נעמט מען פאַר אַ שתדלן? אַלע ווילען, אַלע קענען זיך בעליידיגען... — מאַכט מען איין אַסיפה און מען קלעהרט... און קלערען קלערט

מען אַזוי לאַנג, ביז עס ווערט אַ מחלוקת. און ביי אונז, אז עס מאַכט זיך אַ מחלוקת, הערט עס אַזוי געשווינד נישט אויף... אַמאָל דאַכט זיך — אַט, שוין שלום, דאָס פייער זינקט איין, נאַ דיר! קומט אַ שלום-מאַכער און גיסט צו בוימעל, פלאַקערט ווייטער אויף, און — עד היום הזה!

דער יוד ווישט זיך אָב דעם בלאַסען שטערן און דער־צעהלט ווייטער:

— דערווייל איז געשעהן אַ מעשה, טאַקי — מויל און אויערן אויפצושטעלען! כמעט נישט צו גלויבען...

— נאַר, — גיט ער צו מיט אַ שמייכעל — עס איז דאָך נאַכט און די חיה וואָס שפּאַצירט ביי נאַכט אין הימעל (ער ווייזט אויף דער לבנה) הייסט „אמונה"... ביי נאַכט, בפרט אין אַזאַ שטילע נאַכט, לאָזט זיך אַלץ גלויבען...

— געוויס, בין איך איהם נישט ווילענדיג מודה.

— און די מעשה איז טאַקי אַ שרעקליכע.

דער קאַמאַרניק האָט אַרויפגעשטעלט אַ פוס אויפ'ן הייליגען אָרט... די מתים דערהערען, ווערען, אַ פנים, ביי... עס רוקען זיך אָב מצבות פון קברים... די מתים קומען אַרויס... איהר גלויבט?

— איך בין, חס ושלום, — זאָג איך, — קיין אפיקורס נישט; אין השארת הנפש גלויב איך... נאָר...

— וואָס „נאָר", רב קרוב, וואָס „נאָר"?

— איך האָב געמיינט, אַז נאָר די נשמה בלייבט... די נשמה, וואָס פליהט אין הימעל אַריין; אָבער דער גוף, וואָס געהט אין קבר אַריין, דער גולם, דער פוילט... סיי ווי סיי, אָהן דער נשמה, ריהרט ער זיך נישט... קען נישט אויפשטעהן...

— גוט געזאָגט, — לויבט מיך דער יוד — אויף מיר אַזאַ יאָהר!

איך האָב, — זאָגט ער ווייטער, — הנאה, אַז איהר זענט אַ יודע ספר... דאָך, פערגעסען האָט איהר, ר' קרוב, אָן עולם הדמיון פערגעסען! די נשמה, זאָגט איהר, געהט אין הימעל אַריין... גוט... נאָר וואו אַהין געהט זי? איינע אין גן עדן, די צווייטע אין גיהנם אריין... (אין גן עדן אַריין געהט די נשמה פון צדיק, אין גיהנם אַריין די נשמה פון רשע! דעם קומט פאַר זיין גוטס —

לויתן, שור הבר, יין המשומר... און יענעם, פאַר זיין רשעות — הייסע סמאָלע... עס רעדט זיך נאָר אַזוי! נאָר דאָס הייסט: שכר ועונש. פאַר וואָס קומט שכר ועונש? ווייל אַ מענש, כל זמן ער לעבט, האָט אַ ברירה. ווייל ער — טהוט ער גוטס, ווייל ער — טהוט ער שלעכטס, און, אַזוי ווי ער בעט זיך אויס, אַזוי, האַ? שלאָפט ער.)

ווי איז אָבער דער דין, אַז אַ מענש איז קיין מענש נישט, זיין לעבען איז קיין לעבען נישט, און טהוט נישט, נישט קיין גוטס, נישט קיין שלעכטס, ווייל ער קען נישט טהון, ער האָט קיין ברירה נישט צו טהון און פערשלאָפט אַ לעבען, און קומט עס איבער ווי אין אין עולם הדמיון? וואָס קומט אַזאַ נשמה? גיהנם? פאַר וואָס? זי האָט קיין פליעג אויף דער וואַנד נישט געטויט... גן עדן? פאַר וועלכער דרשה, זי האָט קיין האַנד אין קאַלט וואַסער אַריין נישט געטהון...

— וואָס ווערט טאַקי פון אַזאַ נשמה?

— גאָר נישט! זי לעבט ווייטער אין עולם הדמיון... זי שיידט זיך נישט אָב פון גוף... נאָר פריהער האָט זיך דעם בעל דבר געחלומט, אַז ער לעבט, אויף דער ערד, און היינט חלומט זיך איהם, אַז ער לעבט, אין דער ערד!

אין אונזער שטעדטיל איז כמעט קיינער קיינמאָל נישט רעכט געשטאָרבען, ווייל עס האָט קיינער נישט רעכט געלעבט! נישט קיין גוטע, נישט קיין שלעכטע; קיין רשעים, קיין צדיקים... פשוטע שלאָף-מיצלעך אין עולם הדמיון... לעגט זיך אַזאַ שלאָף-מיצעל אין קבר אַריין, בלייבט עס שלאָף-מיצעל נאָר אין איין אַנדערע דירה, — ווייטער נישט...

דריבער איז דאָס גאַנצע שטאַרבען ביי אונז אַ ריינע קאָמעדיע: דען, אַפילו ביים לעבען, לעגט עמיצען אַ פעדער אונטער דער נאָז, וועט ער זי אַוועקיאָגען? און אַ איינגעגעסענע פליעג טרייבט ער אַוועק? גלאַט, מען ווערט פטור פון אַ פיערטער ציצה, מען איז יוצא מיט דריי, צי מיט פיער פסול'ע, ווי ערגיץ אַ מנהג איז: אויך ווערט מען לויז פון דאגת פרנסה... אָבער ווייטער?

דער זעלבער חלום, דער אייגענער עולם הדמיון... אין אַ סך שטערט איז אַזוי... און, עס טרעפט ערגיץ, ווי ביי אונז האָט געטראָפען, אַז אַ מת קריכט אַרויס פון אַ קבר, הויבט ער גאָר נישט אָן צו געדענקען, אַז ער האָט אַמאָל ודוי געזאָגט, געגוססט און איז געשטאָרבען... קוים פאַלען איהם, ביים אויפהויבען, די שערבעלעך אַראָב פון די אויגען, געהט ער גלייך אין בית המדרש, אין מרחץ אַריין, צי אַהיים עסען קוגלישע... ער ווייסט פון גאָרנישט!

איך ווייס נישט צי די לבנה איז שולדיג צי איך אַליין בין עפּיס געוועזען נישט ווי אַלע מאָל, — איך הער, גלויב, און פרעג נאָך:

— נו, זענען אַ ל ע, אַלע מתים אויפגעשטאַנען...

— ווער ווייסט? מען פיהרט עפּיס ביכער? אפשר זענען געווען שטילע אַפּיקורסים וואָס האָבען געקלערט, אַז עס איז תחית המתים, און זענען, להכעיס, געבליבען ליעגען... נאָר אַ קהל מתים, איין עדה איז אויפגעשטאַנען! אויפגעשטאַנען און ענטלאָפען פאַר'ן קאָמאָרניק אין נאָהנטען וואַלד אַריין.

— פאַר וואָס אין וואַלד אַריין?

— אין שטאָדט אַריין האָבען זיי נישט געקאָנט... עס איז דאָך געווען ביי טאָג, און על פּי דין, טאָר מען זיך נישט ווייזען ביי טאָג אין תכריכים... אַ שטאָדט מיט מעוברת'ע ווייבער... זיי קענען זיך נאָך, חס ושלום, פערקיקען און געווינען גרייטע מתים...

— רעכט... און דער קאָמאָרניק...

— איהר פרעגט אויף איין ערל... ער האָט נישט געזעהן אַ וואָרט... אפשר שכור געוועזען... גאָרנישט... ער האָט זיינם געטהון, פערשריבען...

— און פערקויפט?

— נאָך נישט... דערווייל איז נאָך קיין קונה נישט דאָ...

— און די מתים?

— אָט... די מתים!

ער רוהט זיך אָב אַ רגע און דערצעהלט ווייטער:

— קוים איז צוגעפאַלען די נאַכט, זענען די מתים צוריק אין שטאָדט אַריין... יעדערער געהט צו זיך אַ היים, גנב'עט זיך אַריין דורך אַ טהיר, אַ פענסטער, צי דורך אַ קוימען... חאַפּט זיך צו צו דעם אַלמער... אַרויסגענומען מלבושים, אָנגעטהון זיך, אָבגעגענעצט, און געלעגט זיך וואו עס איז שלאָפען...

צומאָרגענס איז שוין געוועזען אַ פולע שטאָדט מתים...

— און די לעבעדיגע האָבען געשוויגען?

— מען האָט עס נישט בעמערקט!... פערנומען געוועזען מיט מחלוקת... יעדען איז דער קאָפּ פערדרעהט, אַלע פער־יאַחמערט! און צוריק געשמועסט, ווי אַזוי דערזעהט מען עס אַ חלוק צווישען אַ לעבענדיגען מיט אַ בר מנן אהן תכריכים? עס איז נישט אַזוי לייכט!

אַז אַ זוהן האָט דעם פאָטער דערזעהן, האָט ער דריי מאָל אויסגעשפיגען: פו, פו, פו, „און מיר האָט זיך געחלומט, אַז איך האָב קדיש געזאָגט, ירושה גענומען... אַלע בייזע חלומות צו מיינע שונאים'ס קעפּ!"

איין אַלמנה דערזעהט איהר מאַן, וואַרפט זי איהם אַריין אַ מתנת־יד, גענאַרט האָט ער זי, דער עכברש... חוזק מאַכט ער! און זי, אַ נאַרישע יודענע, האָט איהם נאָך נייע תכריכים געמאַכט!

— און אַז זי האָט דערווייל חתונה געהאַט?

— ווער חתונה געהאַט? אין מחלוקת האָט מען אונטער־געצונדען און פערברענט די שוהל, מיט'ן בית המדרש מיט דער חופה... הכל כאשר לכל... דערביי זענען כמעט אַלע געוועזען „פּאָדסוד"...

— און וואָס ווייטער?

— גאָר נישט... די מתים זענען לעבענדיג געוואָרען, די לעבענדיגע האָבען אָנגעהויבען אויסצושטאַרבען, פון ענגעניש, פון דער לופט... דער עיקר, פאַר הונגער...

— אַ הונגער איז געווען"

— ווי ערגייץ! ביי אונז יאָ... די מתים האָבען זיך גע־זעצט אויף זייערע ערטער אין מנינים און אויף זייערע ערטער אין דערהיים ביי דער שיסעל אויך... מען האָט נישט גע־וואוסט, נאָר עס האָבען פלוצים לעפעל פערפעהלט, — פון איין שיסעל עסט מען, האָט פערפעהלט לעפעל... אַ בעל־הבית'טע ווייסט, אַז זי האָט אַזוי פיעל לעפעל ווי מענשען... קלערט זי, אַ גנבה! פרומע זאָגען: אַ כשוף... נאָר, אַז מען ווערט געוואָהר, אַז אומעטום פעהלט און אַז דאָס עסען געניגט נישט, — האָט מען שוין געזאָגט: אַ הונגער־יאָהר און מען האָט געהונ־גערט, און מען הונגערט נאָך...

און אין אַ קורצע צייט האָבען די מתים גובר געוועזען די לעבענדיגע... זיי זענען היינט קהל און פיהרען קהל! זיי זענען נישט פרה וברה, דאָס נישט, נאָר אַז עמיץ שטאַרבט, גנב'נען זיי איהם אַראָב פון דער מטה, נעמען אַרויס פון קבר און עס געהט נאָך אַ מת אַרום אין שטאָדט...

און וואָס פעהלט זיי? זאָרגען, זאָרגען זיי נישט, פאַר'ן טויט — קיין פחד נישט... עסען עסט מען אַבי אַ ברכה צו מאַכען, בענטשען צו קענען... אָבער מען דאַרף עס נישט, מען בענקט נישט דערצו, הוא הדין — טרינקען... הוא הדין וואָהנען; הונדערט מתים קענען וואָהנען אין איין שטוב, — מען דאַרף קיין לופט נישט!

און מען האָט קיין צער נישט! דען פון וואַנען האָט אַ מענש צער, פון וויסען — יוסף דעת יוסף מכאוב, אַבר מנן — זיין דאגה! ער וויל נישט וויסען און דאַרף נישט וויסען... שלעפט זיך אַרום אין עולם הדמיון...

זיי האַלטען זיך דעריבער טאַקי פון דערווייטענס פון אַלע לעבענדיגע זאַכען... זיי האָבען קיין שאלות, קיין ספקות, קיין האַרץ־וועהטאָג, עס פוילט קיינעם קיין לעבער נישט!

— ווער מיינט איהר איז ביי אונז רב? אַ מאָל איז גע־ווזען אַ לעבענדיגער מענש, אַ טהוער; היינט אַ בר מנן! געהט אַרום אויפ'ן עולם הדמיון און זאָגט נאָך דעם חיי אדם ווי פון אַ חלום אַרויס...

ווער זענען די דיינים זיינע? זיינס גלייכען... האַלב פערפוילטע מתים...

און די לייט פּסקנען שאלות פאַר לעבענדיגע ווי פאַר טויטע; אַ"ך ווייסען זיי, אַלץ טהוען זיי... זיי מאַכען ברכה, זיי געהען מיט מציצה, זיי בענשען חתן־כלה...

ווער שטעלט זיך פאַר'ן עמוד? אַ מת! (אַ זקן ורגיל אַ מת!) ער האָט אַ פּנים פון אַ מת, אַ קול פון אַ מת; עס טרעפט, אַ האָהן ניט פלוצים אַ קריי — ענטלויפט ער אַוועק פון עמוד!

און די גבירים, די בעלי טובות, רעדעל־פיהרער, קהל־פערוואַרגער, דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג וואָס איז? טויטע, לאַנג געשטאַרבענע, לאַנג בעגראָבענע!

און דעריבער איז אַזאַ עפּוש אין שוהל, אין באָד, אין גאַס... סאַמע מתים...

— און איהר, רב קרוב, איהר וואָס זענט?

— איך? איך בין האַלב טויט, ענטפערט דער יוד. —

ער שפּרינגט אַראָב פון וואָגען און ווערט נעלם צווישען די ביימער...

באָנציע שווייג.

דאָ! אויף דער וועלט, האָט באָנציע שווייג'ס טויט גאָר קיין איינדרוק נישט געמאַכט! פרעגט עמיצען בחרם: ווער באָנציע איז געוועזען, ווי אַזוי ער האָט געלעבט, אויף וואָס ער איז געשטאָרבען! צי האָט אינ'ם דאָס האַרץ געפּלאַצט, צי די כחות זענען איהם אויסגעגאַנגען, צי דער מאַרך־ביין האָט זיך איבערגעבראָכען אונטער אַ שווערער לאַסט... ווער ווייסט? אפשר איז ער גאָר פאַר הונגער געשטאָרבען!

אַ פערד אין טראַמוויי זאָל פאַלען, וואָלט מען זיך מעהר אינטערעסירט. עס וואָלטען צייטונגען געשריבען, הונדערטער מענשען וואָלטען פון אַלע גאַסען געלאָפען און די נבלה בע־קוקט; בעטראַכט אפילו דעם אָרט, וואו די מפלה איז געוועזען...

נאָר דאָס פערד אין טראַמוויי וואָלט אויך די זכיה נישט געהאַט, עס זאָל זיין אַזוי פיעל פערד ווי מענשען — טויזענד מיליאָן!

באָנציע האָט שטיל געלעבט און איז שטיל געשטאָרבען; ווי אַ שאָטען איז ער דורך — דורך אונזער וועלט!

אויף באָנציעס ברית האָט מען קיין וויין נישט געטרונקען, עס האָבען קיין כוסות געקלונגען! צו בר־מצוה האָט ער קיין קלינגענדיגע דרשה נישט געזאָגט... געלעבט האָט ער ווי אַ גראָה קליין קערנדעל זאַמד ביי'ם ברעג פון ים. צווישען מיליאָנען זיינס־גלייכען; און, אַז דער ווינד האָט'ן אויפגעהויבען און אויף דער אַנדערער זייט ים אַריבערגעיאָגט, האָט עס קיינער נישט בעמערקט!

ביים לעבען האָט די נאַסע בלאָטע קיין צייכען פון זיין פוס נישט בעהאַלטען? נאָכ'ן טויט — האָט דער ווינד דאָס קליינע ברעטעל פון זיין קבר אומגעוואָרפען; דעם קברן'ס ווייב האָט עס געפונען ווייט פון קבר און דערביי אַ טעפּעל קאַרטאָ-פעל אָבגעקאָכט... עס איז דריי טעג נאָך באָנציעס טויט, פרעגט דעם קברן בחרם, וואו ער האָט'ן געלעגט!

וואָלט באָנציע אַ מצבה געהאַט, וואָלט אפשר איבער הונדערט יאָהר איין אַלטערטהומס-פאָרשער זי געפונען, און דער נאָמען „באָנציע שוויג" וואָלט נאָך אַמאָל איבערגעקלונגען אין אונזער לופט.

אַ שאָטען! זיין פאָטאָגראַפיע איז נישט געבליבען ביי קיינעם אין מח, ביי קיינעם אין האַרץ; עס איז פון איהם קיין זכר געבליבען!

„קיין קינד, קיין רינד"; עלענד געלעבט — עלענד גע-שטאָרבען!

ווען נישט דאָס מענשליכע גערודער, וואָלט אפשר עמיצער אַמאָל דערהערט ווי באָנציעס מאַרך-ביין האָט אונטער דער לאַסט געקנאַקט; וואָלט די וועלט מעהר צייט געהאַט, וואָלט עמיצער אפשר אַמאָל בעמערקט, אַז באָנציע (אויך אַ מענש) האָט לעבענ-דיגערהייט צוויי אויסגעלאָשענע אויגען און שרעקליך איינגעפאַלע-נע באַקען; אַז אפילו ווען ער האָט גאָר שוין קיין לאַסט נישט אויף די פּלייצעס, איז איהם אויך דער קאָפּ צו דער ערד גע-בויגען, גלייך ער וואָלט לעבענדיגערהייט זיין קבר געזוכט! וואָל-טען אַזוי וועניג מענשען ווי פערד אין טראַמוויי געוועזען, וואָלט אפשר אַמאָל עמיצער געפרעגט: וואו איז באָנציע אַהין-געקומען?!

ווען מען האָט באָנציען אין שפּיטאָל אריין-געפיהרט, איז זיין ווינקעל אין סוטערינע נישט לעדיג געבליבען — עס האָבען דערויף צעהן זיינס-גלייכען געוואַרט, און צווישען זיך דעם ווינ-קעל „אין-פלוס" ליציטירט; ווען מען האָט'ן פון שפּיטאָל-בעט אין טויטען-שטיבעל אריין-געטראָגען האָבען אויפ'ן בעט צוואַנציג אָרעמע קראַנקע געוואַרט... ווען ער איז אַרויס פון טויטען-שטיבעל

— האָט מען צוואַנציג הרוגים פון אונטער איין איינגעפאַלען הויז געברענגט — — — ווער ווייסט ווי לאַנג ער וועט רוהיג וואהנען אין קבר? ווער ווייסט וויפיעל עס וואַרטען שוין אויף דעם שטי-קעל פּלאַץ...

שטיל געבוירען, שטיל געלעבט, שטיל געשטאָרבען און נאָך שטילער בעגראָבען.

. . . .

נאָר נישט אַזוי איז געוועזען אויף י ע נ ע ר וועלט! ד אָ ר-ט ע ן האָט באָנציעס טויט אַ גרויסען איינדרוק געמאַכט!

דער גרויסער שופר פון משיח'ס צייטען האָט געקלונגען אין אַלע זיעבען הימלען: באָנציע שווייג איז נ פ ט ר געוואָרען! די גרעסטע מלאכים מיט די ברייטסטע פליגעל זענען געפלויגען און איינער האָט דעם אַנדערן איבערגעגעבען: באָנציע איז „נתבקש געוואָרען בישיבה של מעלה"! אין גן עדן איז אַ רעש, אַ שמחה, אַ גערודער: „באָנציע שווייג! אַ שפּאַס באָנציע שווייג!!!"

יונגע מלאכים'לעך מיט בריליאַנטענע אייגעלעך, גאָלדענע דראָט-אַרבייטענע פליגעלעך און זילבערנע פאַנטאָפעלעך זענען באָנציען אַקעגען געלאָפען מיט שמחה! דער גערויש פון די פליגעל, דאָס קלאַפּען פון די פאַנטאָפעלעך און דאָס פרעהליכע לאַכען פון די יונגע, פרישע, רויזיגע מוילעכלעך האָט פער-פולט אַלע הימלען און איז צוגעקומען ביז צו'ם כסא הכבוד, אין נאָט אַליין האָט אויך שוין געוואוסט, אַז באָנציע שווייג קומט!

אברהם אבינו האָט זיך אין טויער פון הימעל געשטעלט, די רעכטע האַנד אויסגעשטרעקט צום ברייטען „שלום עליכם" און אַ זיסער שמייכעל שיינט אַזוי העל אויף זיין אַלטען פּנים!

וואָס רעדעלט אַזוי אין הימעל?

דאָס האָבען צוויי מלאכים אין גן עדן אריין פאַר באָנציעס וועגען אַ גינגאָלדענע פאָטערשטוהל אויף רעדלעך געפיהרט!

וואָס האָט אַזוי העל געבליצט?

דאָס האָט מען דורכגעפיהרט אַ גאָלדענע קרוין מיט די טהייערסטע שטיינער געזעצט! אַלץ פאַר באָנציען!

— נאָך פאַר׳ן פסק פון בית דין של מעלה? פרעגען די צדיקים פערוואונדערט און נישט גאָר אָהן קנאה.

— אָה! ענטפערן די מלאכים, דאָס וועט זיין אַ פּראָסטע פּוסטע פּאָרמע! געגען באָנציע שוויג וועט אפילו דער קטיגור קיין וואָרט אין מויל נישט געפינען! די „דיעלע״ וועט דויערן פינף מינוט!

— איהר שפּיעלט זיך מיט באָנציע שוויג? —

אַז די מלאכים׳לעך האָבען באָנציען געחאַפּט אין דער לופט און אָבגעשפּיעלט איהם אַ זמר; אַז אברהם אבינו האָט איהם ווי איין אַלטען קאַמעראַד די האַנד געשאָקעלט; אַז ער האָט געהערט, אַז זיין שטוהל איז גרייט אין גן־עדן; אַז אויף זיין קאָפּ וואַרט אַ קרוין; אַז אין בית־דין של מעלה וועט מען איבער איהם קיין וואָרט נישט רעדען — האָט באָנציע, גלייך ווי אויף יענער וועלט, געשוויגען פאַר שרעק! עס איז איהם דאָס האַרץ ענטגאַנגען! ער איז זיכער, אַז דאָס מוז זיין אַ חלום, אָדער אַ פּראָסטער טעות!

ער איז צו ביידע געוואוהנט! נישט איינמאָל האָט איהם אויף יענער וועלט גע׳חלומ׳ט, אַז ער קלויבט געלד אויף דער פּאָדלאָגע, גאַנצע אוצרות ליעגען... און אויפגעחאַפּט האָט ער זיך נאָך אַ גרעסערער קבצן ווי נעכטען... נישט איינמאָל האָט איהם עמיץ פער טעות צוגעשמייכעלט, אַ גוט וואָרט געזאָגט און איבערגעדרעהט זיך און אויסגעשפּיגען...

— מיין מזל — טראַכט ער — איז שוין אַזוי!

און ער האָט מורא די אויגען אויפצוהויבען, דער חלום זאָל נישט פערשווינדען; ער זאָל זיך נישט אויפכאַפּען ערגיץ אין אַ הייל צווישען שלאַנגען און עגדיסען! ער האָט מורא פון מויל אַ קלאַנג אַרויסצולאָזען, מיט אַ גליעד אַ ריהר צו טהון —

מען זאָל איהם נישט דערקענען און אוועקשליידערן אויף כף־הקל *)...

ער ציטערט און הערט נישט די מלאכים'ס קאָמפּלימענטען, זעהט נישט זייער טאַנצען אַרום איהם, ער ענטפערט נישט אברהם אבינו אויפ'ן הערצליכען „שלום עליכם", און — געפיהרט צו'ם בית־דין של מעלה — זאָגט ער איהם קיין „גוט־מאָרגען" נישט...

אויסער זיך איז ער פאַר שרעק!

און זיין שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרען, אַז ער האָט נישט ווילענדיג, דערזעהן די פּאָדלאָגע פון בית־דין של מעלה. סאַמע אַלאַבאַסטער מיט בּריליאַנטען! „אויף אַזא פּאָדלאָגע שטעהען מיינע פיס!" — ער ווערט אין גאַנצען פערשטאַרט! „ווער ווייסט וועלכען גביר, וועלכען רב, וועלכען צדיק מען מיינט... ער וועט קומען — וועט זיין מיין פינסטערער סוף!"

פאַר שרעק האָט ער אפילו נישט געהערט ווי דער פּרע־זעס האָט בפירוש אויסגערופען: „די דיעלע פון באָנציע שוויג!" און, דערלאַנגענדיג דעם מליץ יושר די אַקטען, געזאָגט: „לעז, נאָר בקצור!"

מיט באָנציען דרעהט זיך דער גאַנצער סאַלאָן. עס רוישט איהם אין די אויערן. אינ'ם גערוישׁ הערט ער דאָך אַלע מאָל שאַרפער און שאַרפער דעם מלאך־מליץ'ס זיס קול ווי אַ פידעל:

— זיין נאָמען — הערט ער — האָט איהם געפּאַסט ווי צו'ן אַ שלאַנק לייב אַ קלייד פון איין אַרטיסט אַ שניידערס האַנד.

— וואָס רעדט ער? — פרעגט זיך באָנציע, און ער הערט ווי איין אומגעדולד קול האַקט איהם איבער און זאָגט:

— נאָר אָהן משלים!

— ער האָט זיך קיינמאָל — הויבט וויטער אָן דער מליץ יושר — אויף קיינעם נישט געקלאָגט, נישט אויף גאָט, נישט

*) כף הקלע.

אויף לייט; און זיין אויג האָט קיינמאָל נישט אויפגעפלאַמט קיין פונק פון האַס, ער האָט עס קיינמאָל נישט אויפגעהויבען מיט א פרעטענזיע צום הימעל.

באַנציע פערשטעהט ווייטער נישט א וואָרט, און דאָס הארטע קול שלאָגט ווייטער איבער:

— אָהן רעטאָריק!

— איוב האָט נישט אויסגעהאַלטען, ער איז אומגליקליכער געוועזען — —

— פאַקטען, טרוקענע פאַקטען! רופט נאָך אומגעדולדיגער דער פרעזעס.

— צו אַכט טאָג האָט מען איהם מל געוועזען —

— נאָר אָהן רעאַליזם!

— א מוהל א פושער האָט דאָס בלוט נישט פערהאַלטען —

— ווייטער!

— ער האָט אַלץ געשוויגען (פיהרט ווייטער דער מליץ יושר) אפילו ווען די מוטער איז איהם געשטאָרבען און ער האָט צו דרייצעהן יאָהר א שטיפמאַמע בעקומען... א שטיפמאַמע א שלאַנג, א מרשעת...

— מיינט מען דאָך אפשר פאָרט מיך? טראַכט באַנציע —

— אָהן אינסוניאַציען *) אויף דריטע פערזאָנען, בייזערט זיך דער פרעזעס.

— זי פלעגט איהם קאַרגען דעם ביסען... אייער-נעכטיג פערשימעלט ברויט... האָר-פלאַקס פאַר פלייש... און זי האָט קאַווע מיט שמעטענע געטרונקען—

— צו דער זאַך! שרייט דער פרעזעס.

— זי האָט איהם פאַר דאָס קיין נעגעל נישט געקאַרגט און זיין ברוין-און-בלאה לייב פלעגט אַרויסקוקען דורך אַלע לעפער פון זיינע פערשימעלט-צוריסענע קליידער... ווינטער אין די גרעסטע פרעסט האָט ער איהר בּאָרוועס אויפ'ן הויף האָלץ געהאַקט, און די הענד זענען צו יונג און צו שוואַך געוועזען, די

*) מלשינות.

קלעצלעך צו דיק, די האק צו שטומפיג... נישט איינמאל האט ער זיך די האנד פון די געלענקען אייסגעריסען, נישט איינמאל האט ער זיך די פיס אבגעפרוירען, נאר געשוויגען האט ער, אפילו זיך פאר'ן פאטער —

— פאר'ן שכור! לאכט אריין דער קטיגור, און באנציען ווערט קאלט אין אלע אברים —

— נישט געקלאגט, ענדיגט דער מליץ יושר דעם זאץ.

— און שטענדיג עלענד — פיהרט ער ווייטער — קיין חבר, קיין תלמוד תורה, קיין חדר... קיין גאנץ בגד... קיין פרייע מינוט —

— פאקטען — רופט ווייטער דער פרעזעס.

— ער האט געשוויגען אפילו שפעטער, ווען דער פאטער האט'ן, שכור'ערהייט אמאל אנגעהאפט ביי די האר און אין מיטען א שנייענדיגער ווינטער-נאכט ארויסגעווארפען פון שטוב! ער האט זיך שטיל אויפגעהויבען פון שניי און איז אנטלאפען וואו די אויגען האבען איהם געטראגען...

אויפ'ן גאנצען וועג האט ער געשוויגען... ביי'ם גרעסטען הונגער האט ער נאר מיט די אויגען געבעטעלט!

ערשט אין א שווינדעלדיגע, נאסע פריהלינג-נאכט, איז ער אין א גרויסע שטאדט אריין-געקומען; ער איז אריין ווי א טראפען אין א ים און דאך האט ער די אייגענע נאכט אין ארעסט פערבראכט... ער האט געשוויגען, נישט געפרעגט פאר וואס, פאר ווען? ער איז ארויס אין די שווערסטע ארבייט געזוכט! נאר ער האט געשוויגען!

שווערער פאר דער ארבייט איז געוועזען זי צו געפינען — ער האט געשוויגען!

באדענדיג זיך אין קאלטען שווייס, צוזאמען-געדריקט אונ-טער דער שווערסטער לאסט, ביים גרעסטען קראמפף אין לעדיגען מאגען — האט ער געשוויגען!

בעשפריצט פון פרעמדער בלאטע, בעשפיגען פון פרעמדע מיילער, געיאגט פון טראטוארען מיט דער שווערסטער לאסט

אראב אין גאסען צווישען דראשקעס, קארעטען און טראמווייס, קוקענדיג יעדע מינוט דעם טויט אין די אויגען אריין—האט ער געשוויגען!

ער האט קיינמאל נישט איבערגערעכענט, וויפיעל פוד לאסט עס קומט אויס אויף א גראשען, וויפיעל מאל ער איז געפאלען ביי יעדען גאנג פאר א דרייער, וויפיעל מאל ער האט שיער גישט די נשמה אויסגעשפיגען, מאהנענדיג זיין פערדיענסט; ער האט נישט גערעכענט, נישט ז י י ן, נישט י ע נ ע מ ס מזל, נאר געשוויגען!

זיין אייגען פערדיענסט האט ער אויך נישט הויך געמאהנט! ווי א בעטלער האט ער זיך ביי דער טהיר געשטעלט, און אין די אויגען האט זיך א הינטישע בקשה געמאלט! „קום שפעטער“ און ער איז פערשוואונדען שטיל ווי א שאטען, כדי שפעטער נאך שטילער אויסצובעטלען זיין פערדיענסט!

ער האט אפילו געשוויגען, ווען מען פלעגט איהם אבריי־סען פון זיין פערדיענסט אדער אריינוואַרפען א פאלשע מטבע!..

ער האט אלץ געשוויגען...

— מיינט מען דאך טאקי מיך! טרייסט זיך באנציע.

— איינמאל — פיהרט ווייטער דער מליץ יושר נאך א טרונק־וואסער — איז אין זיין לעבען איין ענדערונג געשעהן... עס איז דורכגעפלויגען א קאטש אויף גומענע רעדער מיט צוּ־פלאשעטע פערד... דער שמייסער איז שוין לאנג פון ווייטענס געלעגען מיט א צושפאלטענעם קאפ אויפ׳ן ברוק... פון די דער־שראקענע פערדס מיילער שפריצט דער שוים, פון אונטער די פארדקאָוועס יאגען זיך פונקען, די אויגען בלישציען ווי ברענענדי־גע שטורקאצען אין א פינסטערער נאכט — און אין קאטש זיצט נישט טויט נישט לעבענדיג א מענש!

און באנציע האט די פערד פערהאלטען!

און דער גערעטעוועטער איז געוועזען א יוד א בעל צדקה און האט באנציען די טובה נישט פערגעסען!

ער האָט איהם דעם געהרג'טענס בייטש איבערגעגעבען; באַנציע איז אַ שמייסער געוואָרען! נאָך מעהר — ער האָט איהם חתונה געמאַכט, נאָך מעהר — — ער האָט איהם אַפילו מיט אַ קינד פערזאָרגט —

און באָנציע האָט אַלץ געשוויגען!

— מיך מיינט מען, מיך! בעפעסטיגט זיך באָנציע אין דער דעה, און האָט דאָך נישט די העזה איין אויג צו וואַרפען אויפ'ן „בית־דין של מעלה״ ...

ער הערט זיך ווייטער איין צו'ם מלאך מליץ:

— ער האָט געשוויגען אַפילו ווען זיין בעל טובה האָט אין קורצען באַנקראָטירט און איהם זיין לוין נישט בעצאָהלט...

ער האָט געשוויגען אַפילו ווען דאָס ווייב איז פון איהם ענטלאָפען און איבערגעלאָזט איהם אַ קינד פון דער ברוסט...

ער האָט געשוויגען אַפילו מיט פונפצעהן יאָהר שפּעטער, ווען דאָס קינד איז אויפגעוואַקסען און גענוג שטאַרק געוועזען — באָנציען אַרויסצוּוואַרפען פון שטוב...

— מיך מיינט מען, מיך! פרעהט זיך באָנציע.

— ער האָט אַפילו געשוויגען — הויבט אָן ווייכער און טרויעריגער דער מלאך מליץ — ווען דער איינענער בעל טובה האָט זיך מיט אַלע אויסגעגליכט, נאָר איהם קיין גראָשען שכירות נישט צוריקגעגעבען — און אַפילו דעמאָלט, ווען ער איז באָנציען (ווייטער פאָהרענדיג אויף אַ קאָטש מיט גומענע רעדער און פערד ווי לייבען) איבערגעפאָהרען...

ער האָט אַלץ געשוויגען! ער האָט אַפילו דער פּאָליציי נישט געזאָגט, ווער עס האָט איהם צורעכט געמאַכט...

ער האָט געשוויגען אַפילו אין שפּיטאָל, וואו מען מעג שוין שרייען!

ער האָט געשוויגען אַפילו ווען דער דאָקטאָר האָט אָהן

פונפצעהן קאָפּיקעס נישט געוואָלט צוגעהן צו זיין בעט, און דער וועכטער, אָהן פינף קאָפּ. — טוישען איהם די וועש!

ער האָט געשוויגען ביים גוססן — ער האָט געשוויגען ביי'ם שטאַרבען...

קיין וואָרט געגען גאָט, קיין וואָרט געגען לייט!

— דיקסי!

באָנציע הויבט אָן וויטער צו ציטערן אויפ'ן גאַנצען לייב. ער ווייסט אַז נאָכ'ן מליץ יושר געהט דער קטיגור! ווער ווייסט וואָס ד ע ר וועט זאָגען! באָנציע אַליין האָט זיין לעבען נישט געדענקט. נאָך איף יענער וועלט האָט ער יעדע מינוט די פריהערדיגע פערגעסען... דער מלאך־מליץ האָט איהם אַלץ דערמאָהנט... ווער ווייסט וואָס דער קטיגור וועט איהם דערמאָהנען!

— רבותי! הויבט אָן אַ שאַרף־שטעכענדיג־בריהענדיג קול —

נאָר ער האַקט אָב —

— רבותי, הויבט ער נאָך אַ מאָל אָן, נאָר ווייכער און האַקט וויטער אָב.

ענדליך הערט זיך, פון דעם אייגענעם האַלז אַרויס, כמעט אַ ווייך קול:

— רבותי! ע ר האָט געשוויגען! וועל איך אויך שווייגען!

עס ווערט שטיל — און פון פאָרנט הערט זיך אַ נייע ווייכע ציטערדיגע שטימע:

— באָנציע, מיין קינד באָנציע! רופט איהם ווי אַ האַרפּע... מיין האַרציג קינד באָנציע!

און באָנציען צו־וויינט זיך דאָס האַרץ... ער וואָלט שוין אַצונד די אויגען געעפענט, נאָר זיי זענען פערפינסטערט פון טרעהרען... עס איז איהם אַזוי זיס־וויינענדיג קיינמאָל נישט געוועזען... „מיין קינד", „מיין באָנציע" — זייט די מוטער איז

געשטאָרבען, האָט ער אַזאַ קול אין אַזוינע ווערטער נישט גע־הערט —

— מיין קינד! פיהרט ווייטער דער אב־בית־דין — דו האָסט אַלץ געליטען און געשוויגען! עס איז נישט דאָ קיין גאַנץ גליער, קיין גאַנץ ביינדעל אין דיין לייב אָהן אַ וואונד. אָהן אַ בלוטיג אָרט, עס איז נישט דאָ קיין איין בעהאַלטען אָרט אין דיין נשמה, וואו עס זאָל נישט בלוטען... און דו האָסט אַלץ געשוויגען...

דאָרט האָט מען זיך נישט פערשטאַנען דערויף! דו אַליין האָסט גאָר אפשר נישט געוואוסט, אַז דו קענסט שרייען און, אַז פון דיין געשריי קענען יריחו'ס מויערן ציטערן און איינ־פאַלען? דו אַליין האָסט פון דיין פערשלאָפענעם כח נישט גע־וואוסט...

אויף יענער וועלט האָט מען דיין שווייגען נישט בעלוינט, נאָר דאָרט איז דער עולם השקר, דאָ אויפ'ן עולם אמת וועסט דו דיין לוין בעקומען!

דיך וועט דאָס בית־דין של־מעלה נישט משפט'ן, דיר וועט עס נישט פסק'נען.

דיר וועט עס קיין חלק נישט אויס־און נישט אָבטהיילען: נעהם דיר וואָס דו ווילסט! אַלעס איז דיין!

באָנציע הויבט דאָס ערשטע מאָל די אויגען אויף! ער ווערט ווי פערבלענדעט פון דער ליכט פון אַלע זייטען! אַלעס בלאַנקט, אַלעס בלישצעט, פון אַלעם יאָגען שטראַהלען: פון די ווענד, פון די כלים, פון די מלאכים, פון די דיינים! סאַמע ענגלען!

ער לאָזט די מיעדע אויגען אַראָב!

— טאַקי? פרעגט ער מסופק און פערשעהמט.

— זיכער! ענטפערט פעסט דער אב־בית־דין! זיכער, זאָג איך דיר, אַז אַלעס איז דיין. אַלעס אין הימעל געהער צו דיר! קלויב און נעהם וואָס דו ווילסט, דו נעהמסט נאָר ביי דיר אַליין!

— טאַקי? פרעגט באָנציע נאָך אַמאָל, נאָר שוין מיט אַ זיכערן קול.

— טאַקי! טאַקי! טאַקי! ענטפערט מען איהם אויף זיכער פון אַלע זייטען.

— נו, אויב אַזוי — שמייכעלט באָנציע — וויל איך טאַקי אַלע טאָג אין דער פריה, אַ הייסע בולקע מיט פרישע פוטער!

דיינים און מלאכים האָבען אַראָבגעלאָזט די קעפּ פערשעהמט; דער קטיגור האָט זיך צולאַכט.

דאָס שטרײמעל.

זײן בין איך אַ קירזשנער, נאָר דער עיקר — אַ שטרײמעל־מאַכער. אמת איז, אַז דאָס רוב פּרנסה האָב איך פון פּויערשע סיערמיענגעס און טרעגער־פּעלצלעך.

עס פּאַלט אױך אַמאָל אַרײן לײב־מילנער מיט׳ן שאַפּען־פּעלץ...

אמת איז, אַז אַ שטרײמעל טרעפט זיך זעלטען, זעהר זעלטען; דען — װער טראָגט הײנט אַ שטרײמעל? אַ רב! און אַ שטרײמעל לעבט איהם שטענדיג איבער...

אױך איז אמת, אַז װען עס טרעפט זיך שױן אַ שטרײמעל, מאַך איך עס ערשט אומזיסט, אָדער האַלב אומזיסט. לכל הפּחות — לעג איך מײן אַרבײט צו. דאָס אַלעס בין איך מודה, און דאָך בין איך דער עיקר אַ שטרײמעל־מאַכער, װײל אַ שטרײ־מעל האָב איך ליעב צו מאַכען!

אַז עס קומט מיר אין די הענד אַרײן, איז „אחרי בלותי" — פיהל איך ערשט װאָס איך בין און װאָס איך קאָן!

פון װאָס דען — זאָגט אַלײן — זאָל איך הנאה האָבען?

איך פּלעג אַמאָל נחת האָבען פון פּויערשע סיער־מיענגעס...

ערשטענס: פאַר װאָס נישט?

צװײטענס: האָב איך מיר געטראַכט: „דאָס פּויערל גיט אונז ברױט, ער אַרבײט זומער אַזױ שװער און ביטער, און איך קען איהם נישט שיצען פאַר דער זון, װעל איך האָטש װינטער, װען ער רוהט, איהם אָבהיטען פון קעלט!"

און דריטענס האָב איך געהאַט אַ פײן ליעדעלע דערצו!

א יונגער מאַן בין איך געווען, אַ קול האָב איך געהאַט ווי אַ גלאָק, און איך פלעג געהען און זינגען:

„שטעך נאָדעל, שטעך,
„אַ לעדער ווי אַ ב־עך,
„אַ פוטער ווי אַ באַרשט!
„ס'מאַכט זיך אַ סיערמיענגע פיין
„ס'וועט דעם פויערל וואַרעם זיין...
„מרים־לעב, מיך דאַרשט!"

און אַזוי ווייטער! נאָך עטליכע טטראָפען... און דאָס גאַנצע ליעדעל, פערשטעהט זיך, איז נאָר געמאַכט געוואָרען פאַר'ן „מאמר המוסגר"ס" וועגען, עס זאָל אויסקומען דער — „מרים־לעב, מיך דאַרשט!"

ווייל, איהר מוזט וויסען, אַז די היינטיגע אשה־צנועה מרת מרים דבשה, איז דעמאָלט נאָך קיין גבאי'טע נישט געוועזען; זי האָט מיך נישט גערופען ווי היינט „בעריל קאָלבאַס", נאָר „בערעלע", און איך פלעג זי רופען „מרים־לעב!" און עס איז, בעונותינו הרבים, געוועזען אַ גרויס ליעבשאַפט צווישען אונז, און קוים האָט זי דערהערט דעם „מאמר המוסגר" — אַז מיך דאַרשט, האָט זי מיר באַלד דערלאַנגט אַ ביסעל ווינשעל־שנאַפּס! שנאַפּס האָט אַ גרויסע פעולה אויפ'ן כח הדם, און איך פלעג זי טאַקי תיך כדי דבור אָנחאַפּען ביי'ם קלייד, דערלאַנגען אַ ברענענדיגען קוש אין די רויטע קירשען אַריין... און דאָפּעלט דערפרישט, נעמען זיך צוריק צו דער סיערמיענגע!

היינט — אוים קירשען!
איך היים „בעריל קאָלבאַס", זי „מרים דבשה"...

אויך בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז ערד איז דאָ ווענעג, פויערן — אַ סך... מען זאָגט: צו־פיעל... אַז די „איבריגע" פויערן ליידען הונגער; אַז אפילו פון זעקס מאָרג ערד קען מען אויך נישט לעבען, אַז ווינטער, דעריבער, רוהט דאָס פויערל נישט.

עס געהט ערשט אַ „וואָזקע!"

אַ שעהנע רוה האָט ער עס ווינטער! גאַנצע טעג און נעכט פיהרט ער ווייץ אין לייבעל'ס מיהל אַריין!

וואָס קלערט איהר? איך קען אַ סך נחת האָבען, אַז מיין סיערמיעגגע, מיין פראַצע, ווערט אַ גאַנצען ווינטער אויסגע־ווייקט, נאָכקריכענדיג אַ פאָר פגירה'שע פערד, וואָס שלעפען לייבעל מילנערס תבואה פאַר 13 גראָשען פער זאַק, פאַר 5 מייל וועגס!

פיש! און וואָס האָב איך פאַר אַ נחת פון אַ טרעגער־פעלצעל?

אַ גאַנצען ווינטער טראָגט עס זעק מיט מעהל אין לייבעל מילנער'ס מיהל אַריין און אַ גאַנצען זומער ליעגט עס פערזועצט אין שענק פאַר ח"י גראָשען.

אלול־צייט, אַז מען ברענגט עס מיר אויפצוריכטען, ווער איך נאָך שכּור פון ריח פון שלעכטען בראָנפען!

און אַז לייבעל מילנערס שאָפען־פעלץ, בכבודו ובעצמו, פאַלט מיר אין די הענד אַריין, ווי מיינט איהר, האָב איך נחת דערפון?

עס איז טאַקי אַ שאָפען־פעלץ, עס איז טאַקי אַ כּבוד, מען האָט טאַקי דערפאַר דרך־ארץ אין שטעדטיל; נאָר מיר קומט דערפון קיין גוטס נישט אַרויס.

איך האָב אַ מיאוס'ע טבע געקריגען: איבער וואָס איך זעה, האָב איך ליעב צו קלערען: פון וואַנען עס קומט? פאַר וואָס עס איז אַזוי? צי קען נישט אַנדערש זיין? און אַזוי ווי איך קריעג לייבעל מילנער'ס פעלץ אין דער האַנד אַריין, הויב איך אָן צו קלערען:

רבונו של עולם! נאָך וואָס האָסט דו בעשאַפען אַזוי פיעל מינים פעלצען? פאַר וואָס האָט איינער אַ שאָפען־פעלץ, דער צווייטער אַ טרעגער־פעלצעל און דער דריטער אַ סיערמיעגגע און אַ פירטער גאָר נישט?

און קוים הויב איך אָן קלערען, פערטראַכט איך מיך, די נאָדעל בלייבט שטעהן, און האשה־צנועה מרת מרים תחית

וואַרפט מיר וואָס עס קומט איהר אונטער דער האַנד, אין קאָפּ אַריין...

זי וויל גלייך מיט אַלע, אַז „בעריל קאָלבאַס" זאָל וועניגער קלערען און מעהר אַרבייטען...

נאָר וואָס זאָל איך טהון, אַז איך מוז קלערען! אַז איך וויים פאָרט, אַז לייבעל מילנער לאָזט זיך נישט פריהער איבער־שטרייכען דעם שאָפּען־פעלץ, ביז ער רייסט נישט אָב אַ גראָשען פון זאַק דער סיערמיענגע, און דעם אייגענעם גראָשען פער פּוד דעם פעלצעל...

נו, זאָל איך פון דעם נחת האָבען?

אַה, איך האָב שיער נישט פערגעסען!

אַ וואָך פאַר סליחות האָט זיך מיר שיער נישט געמאַכט אַ נייע מאָדנע אַרבייט... וואָס ווייבער קענען! עס קומט אַריין פריידעל די גבאי'טע מיט שרעקליך גרויסע האַנדשוה אויף די הענד — איך קוק מיך צו, עס איז אַ פּאָר פּויערשע שטיוועל — איך האָב געמיינט, אַז איך פלאַטץ פאַר געלעכטער.

— גוט מאָרגען! מאַכט זי צו מיר, מיט איהר זיס־אָבגע־ריסען קיל'עכעל, גוט מאָרגען! בערעלע!

זי איז מיין ווייב'ס חברת'ע, און איז זיך נוהג, פונקט ווי די גאַנצע שטאָדט, און רופט מיך „בעריל קאָלבאַס"; היינט: בערעלע! און אַזוי זיס — איינגעמאַכטס דערפון צו פרעגלען! פער־שטעה איך שוין, אַז זי דאַרף עפּיס צו מיר...

איך קלער, אַז זי האָט די פּויערשע שטיוועל פון אַ וואָגען „אַראָבגעצויגען" (עס איז דאָך נישט ערגער פאַר קליין־געלד פון צדקה־פּושקע) און וויל ביי מיר די סחורה בעהאַלטען! — פרעג איך זי שטרענג:

— וואָס ווילט איהר?

— באַלד מיט'ן „ירגזון", ענטפערט זי נאָך זיסער, האָניג רינט איהר פון אַלטען מויל אַרויס, — באַלד „וואָס ווילט איהר?" און וואו איז דער „גוט יאָהר"!

— זאָל זיין „גוט יאָהר", נאָר איין עק —

וואָס איילסט דו דיך, בערעלע — שמייכעלט זי נאָך זיסער — אָט, בין איך געקימען דיך פרעגען, אויב דו האָסט נישט עטליכע שטיקלעך פוטער —

— און וואָס איז אַז כ'האָב ?

— וואָלט איך דיר אָנגעשלאָגען איין עסק — מאַכט זי .

— נו ? אַרויס דערמיט ! רעדט !

— דו זאָלסט זיין אַ גוטער „בערעלע", וואָלסט דו מיר אויסגעבעטן אָט די שטיוועל מיט שטיקלעך פוטער ! איך וואָלט געהאַט אין וואָס צו געהן צו סליחות, און דו וואָלסט דיר גאָר וואָלוועל אַ מצוה־געקייפט !

איהר פערשטעהט אַ מסחר ? אַ „וואָלוועלע מצוה !"

— איהר ווייסט דאָך — זאָג איך איהר — אַז בעריל קאַלבאַס איז נישט קיין בעל־עסקן אויף מצות ?

— נאָר וואָס ? פון איין אָרעמע יודענע וועסט דו געלד נעמען ?

— נו, נישט קיין געלד ! איך וועל אייך עס טהון פאַר גאָר אַ קליינינגקייט : איך וועל אייך אויסבעטען די שטיוועל, און איהר וועט נאָר מיר דערצעהלען אייערע חטאת נעורים ...

וויל זי נישט, האָב איך זי אָבגעשיקט צו איין איינבינדער!

בעט איך נישט קיין שטיוועל אוים ! עס איז מיר אַזוי אויך נמאס ומאוס פאַר'ן לעבען ! איהר לאַכט ? און דאָך, אַז איך האָב נישט קיין שטריימעל, איז מיר אַלעס נמאס ומאוס ! וואָר'ן וואָס ? אויף וואָס אַרבייט איך ? אַלץ דעם שטיק חומר אָנצולעגען ! און מיט וואָס ? מיט ברויט און מיט קאַרטאָפעל, ברויט אָהן קאַרטאָפעל און גאַנץ אָפט נאָך מיט קאַרטאָפעל אָהן ברויט, כדאי ?

גלויבט מיר, אַז אַ מענש אַרבייט פופציג יאָהר און עסט פופציג יאָהר מאָג־טעגליך קאַרטאָפעל, מוז איהם נמאס ומאוס ווערען דאָס לעבען ! מוז איהם דאָך אַמאָל איינפאַלען — זיך, אָדער לייבעל מילנער, אַ מעשה צו טהון ! און אויב איך עס ווי־

טער רוהיג מיינע קאַרטאָפעל, און אַרבייט ווייטער, האָב איך עס נאָר דעם שטריימעל צו פערדאַנקען!

אַז איך קריעג אַ שטריימעל אין דער האַנד אַריין, ווערט מיר אויפגעפרישט דאָס בלוט אין די אָדערן! ווייס איך נאָך וואָס איך לעב!

. . . .

מאַכענדיג דאָס שטריימעל, פיהל איך, אַז איך האַלט אַ פויגעל אין דער האַנד, און אָט וועל איך זי עפענען, וועט דער פייגעל אַרויף-פליהען הויך, הויך, קוים מיט'ן אויג צו דערזעהן!

און איך וועל שטעהן און קוקען און קוועלען: דאָס איז מיין פויגעל. איך האָב'ן געמאַכט, איך האָב'ן אַרויף-געשלאָגען אין דער הויך!

און שטאָרט, ברוך השם, האָב איך קיין דעה נישט, צו קיין אסיפה רופט מען מיך נישט, אַליין געהן, בין איך קיין שניידער נישט, איך קום נישט כמעט אַרויס אין גאַס אַריין! איך האָב קיין שטאָרט נישט, נישט אין שוהל, נישט אין בית המדרש, נישט ביי אַ מנין! איך האָב אויף גאָר נישט, אין ערגיץ נישט צו שאַפען... און דערהיים איז מרת מרים די רייטערקע! איידער איך פרוב עפענען דאָס מויל צו רעדען אַ וואָרט, בעהאָנעלט זי מיך שוין מיט קללות! זי ווייסט שוין וואָס איך וויל זאָגען, וואָס „בעריל קאָלבאַס" מיינט, און עס קאָכט!

נו, וואָס בין איך? אַ גאָר-נישט! און דאָך, לאָז איך אַמאָל אַרויס אַ שטריימעל אויף קהל — בויגט זיך קהל אין דרייען!

איך זיץ אין דערהיים און שוויג, און מיין שטריימעל שאָקעלט זיך אויבען אָן אויף אַ חתונה, אויף אַ ברית, אויף אַ סעודת מצוה... עס הוידעט זיך איבער'ן גאַנצען עולם ביי דער קלפי, ביי אַ דין תורה!

און אַז איך דערמאַהן מיך אין דער גדולה וואַקסט מיר טאַקי דאָס האַרץ...

* *
*

קעגען־איבער מיר וואהנט אַ שמוקלער... איך בין איהם אָסור נישט מקנא!

זאָל ויינער איין עפּאָלעט, אָדער אַ שליפּע, זאָגען אויף איין אָקס „טרפה!" און אויפ׳ן צוייטען „כשר!" אדרבא לאָמיר זעהן! און אַז מיין שטריימעל זאָגט אויף פיער אָקסען דורך איינאַנד: „טרפה!" ווערט דער קצב אויסגעריסען, די העקער־יונגען בעהאַלטען די צייהן אין בייטעל, דאָס גאַנצע שטעדטיל האָט נייע „ניין־טעג", אַ גאַנצע סאָטניע קאָזאַקען קריגט פּאַר זעקס גראָשען אַ פונט פלייש, און פערפאַלען! עס רעדט קיינער נישט אַ וואָרט!

אָט, דאָס הייסט אַ גבורה!

איך געדענק דען נישט?! פּאַר אַ יאָהרען איז געווען אַ פּגירה אויף שאָף.

עפּיס, זאָגט מען, מאַכען די שעפּעלעך אַזוינע מאָדנע הקפות, ביז זיי פערדרעהען די קעפּלעך און פאַלען אַנידער טוידט! איך בין נישט געוועזען דערביי; „הקפות" איז „הקפות", נאָר מן הסתם האָט שוין יענקעל קצב געהאַט וואָלוועל שאָפען־פלייש!

דער וועטערינאַר איז געקומען און געזאָגט: טרפה! מען הערט איהם ווי די קאַץ!

ער האָט אַראָבגעבראַכט פּיער־ערליי עפּאָלעטען, אַ פּאָר שליפּעס! מען האָט זיי אַלע אַוועקגע׳גנב׳עט דאָס פלייש פון אונטער די הענד, און נאָך אויפ׳ן דריטען טאָג האָט דאָס גאַנצע שטעדטיל געהאַט וואָלוועל כשר פלייש אויף וועטשערע!

ביי מיין שטריימעל גנב׳עט מען נישט! עס דאַרף קיין שליפּעס, קיין עפּאָל׳עטען נישט, ער אַליין ריהרט זיך אויך נישט פון אָרט! און כל זמן מיין שטריימעל זאָגט נישט: עס! עפּענט זיך אין שטעדטיל קיין מויל נישט אויף!

איהר מיינט אפשר, אז די גבורה שטעקט אין דעם, וואס איז אונטערן שטריימעל? אסור חזיר!

איהר ווייסט אפשר נישט, וואס דעראונטער איז?

איך, ב"ה ווייס!

די בריאה איז, ב"ה, פריהער אין נאך א קלענער שטער-טיל א מלמד געווען, און מיין טאטע עליו השלום, איידער ער האט געזעהן, אז עס וועט שוין פון מיר קיין לייט נישט זיין, האט ער מיך אהין געשיקט צו דער בריאה לערנען! עס איז געווען רחמנא ליצלן א שלים-מזל, וואס די וועלט פערמאגט עס נישט! א זעלטענער מלמד!

די בעלי הבתים האבען געזעהן, אז ער קען זיך נישט אויף קיין „צורת מטבע", האבען זיי איהם באלד אבגעריסען א העלפט שבירות, און די צווייטע העלפט געצאהלט מיט אבגעריבענע צוויי-ערס פאר דרייערס, אדער מיט בלעכענע פערציגערס; די רבי-צין האט געזעהן, אז זי וועט מיט איהם מיט גוטען נישט ארויס, פלעגט זי איהם טאג טעגליך דאס בערדיל אויסצופּען!

און איהר האט איהר נישט וואס פעראיבעל צו האבען!

ערשטענס האט געפעהלט פרנסה; צווייטענס האט א יודענע ליעב צו צופּען; דריטענס, האט ער שוין אזא בערדיל געהאט, וואס האט זיך געבעטען, כמעט געחלש'ט מען זאל עס צופּען! עס האט אזוי בעשיינפערליך געבעטען, אז מיר תלמידים האבען זיך אויך נישט געקענט איינהאלטען, און אלע מאל האט זיך איין אנדערער געמוזט אראבלאזען אונטער'ן טיש, צוכאפּען זיך צו'ם רבין'ס בערדיל און אויסרייסען א האר!

נו זאגט אליין! קען אין אזא בריאה שטעקען א גבורה?

אפשר מיינט איהר, ער איז מיט דער צייט אנדערש געווארען?

אסיר חזיר! עס איז אין איהם קיין שום ענדערונג נישט גע-שעהן! די אייגענע קליינע, פערלאשענע, מיט אייטער פערגאסע-נע, בטלנישע, שטענדיג דערשראקענע אויגען!...

אמת, פאר הזקית איז איהם דאס ערשטע ווייב געשטארבען,

נו וואָס איז? מאי נפקא מינה? צופּט איהם די צוויי טע דאָס בערדיל! ווי באַלד עס בעט זיך, עס חלש'ט, מען זאָל עס צופּען, אַז מען קען עס נישט אָבזאָגען! און איך אַליין, ווען איך זעה עס, קומט מיר אויך דאָס וואַסער אין מויל אַריין, אַ צופּ צו טהון!

נאָר, וואָס דען איז געשעהן? נישט מעהר נאָר וואָס איך האָב איהם אַ שטריימעל געמאַכט!...

איך בין מורה ומתודה, אַז נישט מיין עצה איז עס געווען! מיר וואָלט עס גאָר נישט איינגעפאַלען!

קהל האָט בעשטעלט און איך האָב געמאַכט; נאָר קוים איז דאָס איינגנע קהל געוואָהר געוואָרען, אַז דאָס שטריימעל, וואָס זיי האָבען ביי מיר בעשטעלט, וואָס איך אָרעמער „בעריל קאָלבאַס" האָט געמאַכט, קומט צו פאָהרען און איז שוין אַ וויאָרסט אונטער דער שטאָדט, איז עס אַרויסגעלאָפען מיט אַ שמחה, מיט אַ גדולה! קינד-און-קייט איז אַרויסגעלאָפען, קראַנקע זענען פון די בעטען אַרויס! מען האָט אויסגעשפּאַנט די פערד און גאַנץ קהל האָט זיך אויף איינמאָל געוואָלט איינשפּאַנען און שלעפען מיין שטריימעל; גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ מחלוקת עס וואָלט דערפון אַרויס! וואָס פאַר פעטש, וואָס פאַר אַ מסירות... ווען נישט וואָס אַ חכם האָט איין עצה געגעבען: מען זאָל מאַכען אַ ליציטאַציע!

און לייבעל מילנער האָט געגעבען ח"י מאָל ח"י זהובים, און ער איז געוועזען דאָס ערשטע פערד!

נו, שטעקט נישט אַ גבורה אין מיין שטריימעל?

* *
*

מיין אשה צנועה רופט מיך (אַ חוץ בעריל קאָלבאַס) נאָך בעל תאוה'ניק, עזות-מחוצף'ניק, נבול-פה'ניק, כל בו'ניק, און וואָס דאָס וואַסער ברענגט איהר אין מויל אַריין...

עס איז אמת, אַ מענש איז קיין חזיר נישט! איך האָב

הנאה פון אַ גלייך ווערטיל; איך האָב אַמאָל ליעב לייביל מילנער, אין די אויגען און אונטער די אויגען, אַריינצווזעצען אַ שפּילקע.

איך,—וואָס וועל איך דאָ לייקענען? — די דיענסט־מיידלעך וואָס נעמען וואַסער געגען־איבער אין הויף ביים פּלומפּ, זענען ח״ו קיין כּהנים און דוכענען נישט, האָב איך ליעב אַ קוק צו טהון...

נאָר, גלויבט מיר, אַז נישט דאָס דערהאַלט מיך ביי׳ם לעבען!

מיך דערהאַלט ביים לעבען איין זאַך: איך וויים, אַז איך לאָז איין מאָל אין אַ יובל אַרוים איין עבודה זרה׳לע אויף קהל, און דער גאַנצער עולם בוקט זיך צו איהר, צו מיין „מעשׂי ידי״!

איך וויים, אַז ווען מיין אשה צנועה וואַרפט מיר די שליסע־לעך איבער׳ן טיש, אַז דאָס האָט זי מיין שטריימעל אַזוי געהייסען! מיך הערט זי ווי די קאַטץ, אָבער מיין שטריימעל מוז זי פאָלגען!

ווען זי קומט אַהיים ערב שבת ויום טוב פון יאַטקע אָהן פליישׁ, און שילט דעם קצב — וויים איך, אַז דער קצב איז אַ מכה שולדיג, אַז מיין שטריימעל לאָזט זי היינט קיין קוגעל נישט מאַכען!

איך וויים, אַז ווען זי נעהמט נאָך גאָר אַ גוטען טאָפּ און וואַרפט איהם אַרויס אין גאַס אַריין, אַז דאָס האָט נישט זי, נאָר מיין שטריימעל דעם טאָפּ אַרויס־געוואָרפען! אַז ווען זי נעמט און קנייפּט אויס פון ראָשטשינע אַ שטיק טייג און וואַרפט עס אין פייער אַריין, און הויבט אויף די הענד און פערגלאָצט די אויגען צום באַלקען, וויים איך גאַנץ גוט, אַז דער באַלקען הויבט דער־פון גאָר נישט אָן צו וויסען, — אַז דאָס האָט גאָר מיין שטריימעל דאָס שטיקעל טייג פערברענט!

* *

*

און דערביי וויים איך, אַז מיין אשה צנועת איז נישט קיין

בת יחידה ביי קהל, און קהל איז נישט קיין בן יחיד ביי גאָט; אַז קהל האָט אַ סך אַזוינע נשים צדקניות, און גאָט ב"ה, האָט אַ סך, אַ סך אַזוינע קהל'ס, און אַז מיין שטריימעל האָט איבער אַלע מיליאָנען מיליאַסען נשים צדקניות צו שאַפען!

מיליאָנען שליסעל ווערען געוואָרפען, מיליאָנען ווייבער מאַבען נישט קיין קוגעל, מיליאָנען טעפ פלאַצען אויף די שטיינער אין גאַס, און פון דעם חלה־נעהמען וואָלט איך מיך אונטערגע־נומען מפרנס צו זיין אַ פאָלק אביונים!

און ווער טהוט דאָס אַלעס? אַלץ מעשי ידי! אַלץ מיין שטריימעל!

* * *

ווייטער דער שמוקלער! אָט זיצט ער געגען־איבער דעם פענסטער; זיין פנים גלאַנצט, גלייך מען וואָלט עס מיט שמאַלץ בעשמירט.

וואָס גלאַנצט עס? וואָס פינקלען איהם די לויפענדיגע אייגעלעך?

ער האָט אָנגעדרעהט אַ פאָר גאָלדענע שליפעס!

ערשטענס, ווייסען מיר וואָס גאָלד און וואָס מישוראַ איז! און צווייטענס, וויים איך, אַז אַ פאָר שליפעס מוזען צעהן מאָל מעהר זעלנער האָבען אונטער זיך אַלס לייבעל'ס שאָפענפעלץ — סיערמיענגעס און טרעגער־פעלצלעך! און היינט זאָל פּרובען די גרעסטע גאָלדענע שליפע אַרויסגעבען אַ פריקאַז: „צעהן אָקסען זאָלסט דו קוילען און אַ האַלבען קאָבען!"; „קרענק זאָלסט דו קייען, פיער־ערליי געפעס האָבען און די מילך עסען אויף דער לינ־קער זייט טעלער!"; „פון יעדען ביסען זאָלסט דו וואַרפען אַ שטיק אין פייער צי אין וואַסער אַריין!" אָדער: „יעדער חתן מוז מיר פריהער וויזען זיין כלה, און יעדע כלה איהר חתן!", „מיט מיר — אַלעס, אַפילו צוזעצטערהייט, אָהן מיר — נישט אַ לעק".

די גרעסטע גענעראַלסקע שליפּע וועט גאָר די פּאַנטאָוויע, די העזה דערציי נישט האָבען! און ווען יאָ, וואָלט זי געמוזט פּערזיי-ען מיט נייע זעלנער די גאַנצע מדינה: ביי יעדען בעט אַנידער-שטעלען חאַטש אַ פּאָר קאָזאַקען, איינער זאָל היטען דעם צווייטען, און ביידע — דאָס בעט!

און וויפיעל וואָלט דערביי נאָך גנבות געשעהן, וויפיעל קאָנטראַבאַנד! וויפיעל וואָלט מען אָבגענאַרט! רבונו של עולם, ווי פּערמאָגט מען דאָס!

אין מיין שטריימעל טהוט דאָס אַלעס, און שטיל און פיין, אָהן נאַהייקעס, אָהן קאָזאַקען!

איך זיטץ מיר גאַנץ שטיל אין שטוב און וויים, אַז אָהן מיין שטריימעלס ערלויבנים וועט זיך קיין משה'לע צו קיין חנה'לען נישט צוריהרען, קיין אויג נישט וואַרפען!

חס ושלום!

אין פערקעהרט, אַז מיין שטריימעל הענגט אַן אַזאַ משה'-לען אָדער אַ חנה'לען אַ לונג-און-לעבער אויף דער נאָז, איז — צום טויט! קענסט דו פון איהר נישט אַנדערש פּטור ווערען ביידען מיט'ן לעבען צוזאַמען! און ווילסט דו אַזוי לאַנג נישט וואַרטען, מוזט דו קומען בעטען, חלש'ן פאַר'ן אייגענעם שטריי-מעל: שטריימעלע ראַטעווע! שטריימעלע עפען מיר אויף די קייטען! לאָז מיך אַרויס פון תפיסה!

* *

*

אין עק גאַס איז דאָ אַ שענק.

זייט מיין אשה צנועה איז אַ גבאי'טע געוואָרען, און גיסט מיר אויף וויינשעל קיין שנאַפּס נישט אויף, חאַפּ איך מיך דאָרט אַמאָל אַריין, דאָס האַרץ צו דערחאַפּען! בפרט אין אַ תענית... על כל פנים בין איך דאָך נישט מחויב פאַסטען; עס איז דאָך פאָרט מיין אייגען שטריימעל.

דעם שענקער קען איך שוין פון לאנג... ער לעבט אויך נישט פון מצות און מעשים טובים... נאר נישט אין דעם בין איך אצונד אויסען...

צוויי טעכטער האט ער געהאט! צוויי שוועסטער פון איין טאטע-מאמע! וואס זאג איך, א צווילינג! ווי איך בין א יוד. —

עס איז דען מעגליך געוועזען איינע פון דער צווייטער צו אונטערשיידען? און א חן'עוודיגער צווילינג, א ברכה צו מאכען!

פנים'לעך — ווי שמחת-תורה-עפעלעך פון א פאהן אראב! בעשמעקט — ווי בשמים-שטעקעלעך; אויפגעוואקסען ווי לולב'ן, און צוויי פאר אויגען, זאל גאט שומר ומציל זיין! אז איינע ווארפט א בליק, דאכט זיך — א ברילאנט האט געבליצט. און ארענטליכע קינדער! אין שענק און דאך ווייט פון שענק!

אין ארון קודש אליין וואלט מען זיי נישט בעסער און עהרליכער ערצויגען!

* *
*

אין שענק געבווירען און דאס זענען מלכות געוועזען! עס האט קיין איינציגער שכיר פאר זיי קיין שלעכט ווארט נישט גערעדט... קיין סטראזשניק, קיין אקציזניק! עס זאל געוועזען דער גרעסטער מאן אריינקומען, וואלט ער אויך, דאכט זיך, די העזה נישט געהאט, איינער א קניפ צו געבען אין בעקיל נישט מיט די הענד, נישט מיט'ן אויג, נישט אפילו אין געדאנק! איך האב שיער, שיער נישט געזאגט: אז אין זיי שטעקט מעהר גבורה ווי אין מיין שטריימעל! און איך וואלט א גראבען טעות געהאט!

דאס שטריימעל, האט זיך אויסגעוויזען, איז שטארקער, טויזענד מאל שטארקער פאר זיי!

* *
*

א צווילינג! איינע אהן דער אנדערער האט זיך נישט גע-

ווייזען. אַז איינער האָט עפּיס ווער געטהון, האָט די צווייטע דעם איינענעם שמערץ געפיהלט... און דאָך — ווי געשווינד האָבען זיך זייערע וועגען צושיידט...

דאָס אייגענע געטהון, קוים עטוואָס אַנדערש, און דאָך!...

ביידע האָבען זיך פּלוצלונג פערענדערט: טהייל מאָל זענען זיי פרעהליכער, טהייל מאָל טרויעריגער און פערטראַכטער געוועזען ווי פריהער! — איך קען אייך נישט אויסמאָלען, וואָס מיט זיי איז געשעהן. די רעכטע ווערטער ליעגען מיר אויף דער צונג, נאָר איך קען זיי נישט אַראָבשאַרען... אַ מענש האָט נישט געלערנט... נאָר אין זיי איז עפּיס טיעפער, פעסטער און צוגלייך טרויעריגער און זיסער געוואָרען...

און מען האָט געוואוסט, ווער עס איז שולדיג דערינען: מען האָט געטייט מיט די פינגער אויף צוויי משה'לעך, וואָס האָבען ביידע חנה'לעך נאָך שענער, נאָך בעסער, נאָך חן'עוודיגער, נאָך עפּיס העכער געמאַכט!...

עט, עפּיס האָב איך איין אַנדער לשון בעקומען, עס פּאַסט גאָר נישט פאַר אַ קירזשנער! אַ טרעהר האָט זיך מיר אין די אויגען פערדרעהט: נישט פאַר מיינע יאָהרען.

מיין אשה צנועה וועט ווייטער זאָגען: בעל-תאוה'ניק...
איך וועל אייך שוין לאַנג נישט ברייען:

ביידע שוועסטער האָבען דאָס אייגענע געטהון, כּהויה דאָס אייגענע, נישט אומזיסט זענען זיי דאָך אַ צווילינג געוועזען!

ביידע האָבען משה'לעך בעקומען, און ביידע האָבען געמוזט אין אַ קורצע צייט אַרום, אַריינזעצען קלינעס אין די קליידעלעך!

שעמט אייך נישט, דער סדר עולם איז אַזוי; גאָטס ווילען איז עס, וואָס איז די בושה?
און דאָך ווי אַנדערש איז ביי יעד'ערער געשעהן!

איין שוועסטער האָט געטראָגען פראַנק און פריי: פאַר גאָט אין שוהל, פאַר לייט אין גאַס, פאַר'ן סטראַזשניק, אַקציזניק און אַלע געסט אין שענק!

די אייגענע שוועסטער האָט זיך דערנאָך אין דער וויים פון די שכורים, אין אַ שטילע שטיב, אין אַ וואַרעמע שטוב, און אין אַ וויים בעט אַריינגעלעגט:

מען האָט די פענסטער פערהאַנגען, די גאַס מיט שטרוי אויסגעלעגט, עס איז אַ באָבע געקומען; מען האָט נאָך אַ דאָקטאָר געשיקט... דערנאָך איז אַ שמחה געוועזען... און ווי הייסט אַ שמחה!

און עס האָט אָנגעהויבען וואַקסען אַ ניי קליין משה'לע — לתורה, לחופה ולמעשים טובים! און, אַז זי האָט געזעהן ווי גוט עס איז, שוין זי שוין יאָהר ביי יאָהר קליינע משה'לעך, און איז אַ בעל־הבית'טע עד היום הזה...

אָבער די צווייטע האָט געטראָגען בסוד סודות, וועהען געקריגען אין אַ קעלער, דאָס קינד האָט אָבגענומען א שוואַרצע קאַץ...

איהר קליין משה'לע ליעגט שוין לאַנג ערגיץ אונטער אַ צוים, מעהר וועט שוין קיין משה'לעך ביי איהר נישט זיין! און איין גאָט ווייסט, וואו זי אַליין איז אַהין־געקומען! — זי איז אַוועק!

מען זאָגט, אַז זי דיענט ערגיץ אויף דער וויימער וועלט, אַז זי לעקט אָב פון פרעמדע טעלער... אַנדערע זאָגען, אַז זי לעבט שוין נישט מעהר...

אַ שלעכטען סוף געהאַט!

און דער גאַנצער חלוק איז געוועזען, וואָס דאָס ערשטע איז געשעהן אויפ'ן שוהל־הויף, אויפ'ן אַלטען בערגעל מיסט, אונטער אַ ברודיג שטיק וואָלענצייג מיט בעזילבערטע אותיות... נאָר ט י ט'ן שטריימעל, — און דאָס צווייטע איז געשעהן ערגיץ אין אַ זיננענדיגען וואַלד אויף פרישען גראָז מיט פרישע בלומען,

אונטער גאָטס בלויען הימעל, אויסגעזייעט מיט זיינע שטערען, נאָר — אָהנ'ם שטריימעל.

עס העלפֿען נישט קיין שמעקעדיגע בלומען, קיין זינגענדיגער וואַלד, נישט גאָט'ס הימעל, נישט זיינע שטערען, נישט גאָט אַליין! —

נישט אין זיי אַלע שטעקט די גבורה; אין שטריימעל שטעקט זי! נישט אין פּאַגאָנעס, נישט אין שליפּעס, נישט אין טויזענד־מאָל שענערע חנה'לעך, נאָר אַלץ אין שטריימעל. אין דעם שטריימעל, וואָס איך „בעריל קאָלבאַס" מאַך.

און דאָס נאָר דערהאַלט מיך ביי'ם נאַרישען לעבען פון קאַרטאָפעל.

הורמוז און אַחְרימון.

לויט דעם פערסישען גלויבען, עקזיסטירען צוויי געטער: איינער הורמוז (להבדיל אונזער יצר טוב) אַ גוטער גאָט, האָט צו אַ וואונד צוצולעגען. ער בעשאַפט נאָר — ליכט, באַרעמהערציגקייט, פערשטאַנד און נאָך אַנדערע גוטע זאַכען צום מענשליכען געברויך.

דער צווייטער — אַחרימון (אונזער יצר הרע, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין!), אַ שלעכטער גאָט, וואָס האָט ליעב פינסטערניש, ווי אַ מוילוואָרף אָדער אַ פלעדער־מויז, איין אכזר ווי אַ טאָרקוואָמאַדאָ און אַ גוטער פריינד פון נאַרראָנים, וואָס טאַנצען אויף הינטער־פיסלעך. מיט איין וואָרט — פאַר אַזאַ גאָט, זאָל גאָט שומר ומציל זיין!

איהר פערשטעהט אַליין, אַז ווען נישט אַחרימון, וואָלט די וועלט געווען אַ גן־עדן: מענשען וואָלטען געלעבט, ווי ברידער פון איין צווילינג, און אַפילו מאַן און ווייב וואָלטען זיך קיינמאָל קיין שלעכטס נישט געוואונשען; מענשען וואָלטען אַרומגעלאָפען אין די גאַסען און געזוכט, נישט קיין געשעפטען, נישט קיין שווינדעל צו מאַכען, נאָר טאַקי מצות און מעשים טובים. מען וואָלט גערופען: „ווער איז נאַקעט, וועל'מיר איהם קליידען; ווער איז הונגעריג, וועל'מיר איהם שפייזען; ווער האָט דורשט — וואַסער, וויין, קאָניאַק... וואָס איינער וויל! גאַנצע פעסער ברמל!

אויפ'ן היידעלבערגער ביער־פאַס, וואָלט געשטאַנען אויפגעשריבען „כל דכפין ייתי ויכול", פונקט, להבדיל, ווי אין אונזער הגדה.

און די ווייבער וואָלטען נישט געטראָגען אויף די קעפּ קיין פליגעל פון עקסטראַ דאַרויף געשאָסענע פויגעל! עס וואָלט גאָר געווען אַ פראַגע, צי מען מעג שמייסען —— אין באָר!

און פערקעהרט, —— וואָלט געווען נאָר איין אחרימון, וואָלט די וועלט געווען אַ גיהנם, וואָס וואָלט אַרומגעשוואומען ווי אַ שיף אויף אַ ים פון מענשען-בלוט און וואָלט פערשפּרייט אַ ריח פון געברענט, געבראָטען און געריכערט מענשען-פלייש אין אַלע זיעבען הימלען...

און, אויב די וועלט איז נישט קיין גן עדן און נישט קיין גיהנם, אויב פון צייט צו צייט לעשען זיך אוים די אויטאָ-דאַ-פעען, עס פערשטומט דער קלאַנג פון קייטען און די אַרמאַטען ברילען נישט אָהן אויפהער; אויב נישט אַלע ווענ-ווייזער אויף די טראַקטען זענען תליות, און עס מאַכט זיך אַמאָל איין אסיפה אין האַאג, וואו מען רעדט וועגען שלום; אויב עס עקזיסטירט אין איין צייט תפיסות און שפּיטעלער, חברות פון צער בעלי חיים און אנטיסעמיטען, וועלט-קאָנגרעסען און שאָוויניזם; אויב די בורען שיקען איבער די ענגלענדער אַ גראַטולאַציאָן צום נייעם יאָהר מיט אַ פודדינג (אַ מין ענגלישער קוגעל) אין אַ קאַרטעטש, —— איז עס דעריבער, ווייל הורמוז און אַחרימין עקזיסטירען ביידע אין איין צייט, און איינער קליצעט דעם צווייטען דאָס וואַסער און שפּייט איהם אין דער קאַשע אַריין.

דאָס אַלץ וויים איך, נישט אַזוי פון אַלטע פערסישע ביכער אין פערשיעדענע איבערזעצונגען, ווי פון מיינם אַ בעקאַנטענם מייל, פון איין אַלטען פערסער, וואָס וואָהנט ווי-זאַ-ווי אין איין הויז מיט מיר: מיט וועלכען איך האָב צופעליג זיך בעקענט און מיר האַלטען זיך פון דעמאָלט אָן צוזאַמען, ווי צווי לאַנג-נעזיגע, וואָס קענען גלייך נישט ליידען, ווי הינד בילען... און מיר פלוידערן גאַנץ אָפט...

ווען איך טרעף מיך מיט'ן פערס, בעגריסען מיר זיך גאַנץ הערצליך.

— וואָס מאַכט אייער אַלטער? פרעגט ער מיט אַ שמייכעל און איך ענטפער מיט גראָבגלאָזטע אויגען:

— דערוויל, שטיל! און הורמוז וואָס מאַכט?

— ער וועט אויספיהרען! — איז זיכער דער פערס, — ער מוז אויספיהרען! און דער אַלטער אָפּטימיסט שנייצט זיך הויך און מיט אַ זיכערקייט די נאָז, און ווישט זיך איבער דאָס גאַנצע פנים מיט אַ רויט פולאַרען טוך, וואָס וואָלט גענוג געוועזען הורמוזען פאַר אַ פאָהן.

איינמאָל דאָך איז ער נישט זיכער געוועזען.

— ווער ווייס, — זאָגט ער, — ווער ווייס! אַחרימון איז חיטרע, זעהר חיטרע! פיפיג, ווי עס קען נאָר זיין!... כל זמן אַחרימון האָט געפיהרט איין אָפענעם קריעג מיט הור-מוזען, בין איך זיכער געוועזען, אַז עס מוז קומען אַמאָל הורמוזעס עביג-לאַנגער טאָג, נאָך וועלכען עס וועט קיין נאַכט שוין מעהר נישט זיין! איך האָב אָבער בעמערקט — — —

— וואָס האָסט דו בעמערקט?

מיר זעצען זיך אויף אַ באַנק, (עס איז זומער און אין אַ גאָרטען געוועזען) און דער אַלטער פערס זיפצט.

— איך האָב בעמערקט, — זאָגט ער — אַז אַחרימון האָט זיין טאַקטיק פערטוישט און איז ווירקליך שוין געפעהרליך געוואָרען... ער שווינדעלט! ער פערשטעלט זיך! ער מאַכט זיך פאַר הורמוזען אונטערטהעניג, האָניג גיסט זיך איהם פון מויל, און נאַרט איהם אָב פון קאָפּ ביז פיס... הורמוז, דער גוטער, לאָזט זיך גענאַרען...

— איז עס מעגליך?

— הער, — מאַכט דער פערס, — איך וויל דיר אַ פּאָר ביישפּיעלען געבען פון זיין טאַקטיק:

אָט, למשל, פערצייטענס, אַז הורמוז האָט געוואָלט דער וועלט אַ גרויס פערגניגען מאַכען, איין איבערראַשונג, אין בעשאַפען אַ זעלטען-שעהנע פרוי, פלעגט קומען אַחרימון אין, להכעיס, אַנריהרען זי מיט דער אומריינער האַנד ביי'ם שטערן, ביי אַ באַק, און גענוג: — דער שעהנהייט וואַקסט שוין דערפון אַרויס אַ האָרן, אַ קרעץ... נאָר וואָס העלפט עס איהם? הורמוז דערזעהט עס באַלד, שיקט אַ שטראַהל פון זיין

גענאָד, דער האָרן פאַלט אַראָב, דער קרעץ פערהיילט זיך, און די שעהנהייט ווערט נאָך שענער, נאָך ערהאַבענער... היינט טהוט ער אַנדערש: ער טהוט, גלייך ער איז צופריעדען און גליקליך מיט אַלעם, וואָס הורמוז טהוט!

ער חאַפּט אויף זיך אַ פראַק און אַ צילענדער, בעוויזט זיך פאַר דער פרוי און זאָגט מיט אַ זיסען שמייכעל: מאַדאַם (אָדער פריילין)! איך גראַטולירע אייך מיט מיין הערר הורמוזעס גענאָד! איהר זייט עס ווערטה... די גאַנצע שטערבליכע וועלט דאַרף קניען פאַר אייער אונשטערבליכער שעהנקייט!

און שוין! פון דער שעהנהייט ווערט אַ קאָקעטע, אַ קאַלטע הערץ־פרעסערין...

הורמוז, למשל, חאַפּט זיך אַמאָל אויף און דערזעהט, ווי איין אָרעמאַן אַרבייט שווער און האָט קיין פרנסה נישט. אַ גוט האַ, האָט ער, געלד אין אוצר פעהלט נישט, חאַפּט ער עטליכע קאָפּיקעס אין אַ זעקעל און וואַרפט אַראָב דעם אָרעמאַן...

פריהער פלעגט אַחרימון שיקען גזלנים אָדער גנבים, אָדער אַ שׂרפה, אַוועקצונעהמען דעם גוטען גאָט׳ס מתנה ביי׳ם אָרעמאַן. עס האָט אָבער נישט געווירקט: הורמוז הויבט אָן געבען און געבען, און וויל ער, שטעלט ער גאָר דאָס מזל ביי׳ם אָרעמאַנס טהיר, און דער ווערט רייך און גליקליך!

היינט טהוט אַחרימון אַנדערש.

הורמוז האָט גענעבען איין אָרעמאַן עטליכע קאָפּיקעס, זעהר גוט! ער קריעגט זיך נישט מיט׳ן עלטערן ברודער! פערקעהרט, ער לערנט זיך נאָך אָב פון איהם, ער וויל אויך אַ גוטער ווערען! און ער וואַרפט צו דעם אָרעמאַן נאָך אַ פּעקעל — און סאַמע גאָלדענע רענדלעך!

פון אָרעמאַן ווערט אַ גביר, דער זאַק מיט גאָלד וואַקסט, און, וואָס מעהר ער וואַקסט, מעהר מאַגנעט ווערט ער, מעהר ציהט ער צו זיך צו! און דער געמאַכטער גביר צווישען סאַמע אָרעמע לייט, קען נישט זיין גליקליך! ער קען אפילו נישט

רוהיג שלאָפען... די אָרעמע לייט אַרום שלאָפען אַוראי נישט!...

הורמוז וויל עמיצען געבען אַ גוטע זאַך, למשל — גבורה, אַ האַרץ פון אַ לייב! — אַזוינער קומט צו נוץ יעדעם פאָלק, יעדער צייט! —

פערצייטענס פלעגט אַחרימון וועלען אַזוינעם אומברענגען, קוילען — פלעגט ער איהם אָנשיקען גאַנצע מחנות מיט רוחות און שדים, זיי זאָלען איהם חאַפּען און עס זאָל פון איהם קיין זכר נישט בלייבען. נאָר הורמוז פלעגט נישט לאָזען: געגען די מחנות פון שדים און רוחות שיקט ער מחנות מלאכים, זיי פעריאָגען די שדים מיט די רוחות צוריק אין גיהנם אַריין און דער העלד בלייבט העלד...

היינט פיהרט זיך אַחרימון אַנדערש —

הורמוז גיט גבורה, אַחרימון דערלעגט נאָך אַביסעל און פון אונזער בעשענקטען פון הורמוז ווערט איין אַוואַנטורניק, אַ פרא־אדם, ווייל עס שפּאַרט איהם די קראַפט, דער איבערשפּאַנטער כח, און אויפ'ן אָרט פון נוצען, ברענגט ער דעם גרעסטען שאָדען!...

די זון געהט אונטער און דאָס איז די העכסטע צייט אַהיים צו געהן פאַר'ן פערם. ער געזעגענט זיך:

— נאָך דאָס — זאָגט ער, אויפשטעהענדיג, — וויל איך דיר זאָגען: אַ מענש דאַרף עסען, הנאה האָבען פון עסען, בעשאַפט איהם הורמוז אַ דארם — אַ קישקע; מען דאַרף זי נעטהיג האָבען, אָהן איהר איז נישט צו לעבען! וואָס טהוט אַחרימון? ער וועט דאָך ביי אַ מענש די קישקע נישט אויסשניידען — גיט ער צו א בלינדע קישקע, נאָך אַ שטיקעל! און דאָס שטיקעל איז שוין אַ געפעהרליכע זאַך, דערפון קרענקט מען שוין!

. . . .

דער פערס איז אַוועקגעגאַנגען, און איך האָב געקלערט: צי איז ער נישט גערעכט?

הורמוז, אָדער דער יצר טוב, גיט אונז אריין א געפיהל צו ליעבען אונזערע נאָהנטע, אונזער פאָלק, אונזער אָרעם פאָלק, פאר וועלכען מיר ווילען אַרבייטען און אָפּפערן זיך; וואָס טהוט אחרימון אָדער דער יצר הרע? ער דערלעגט נאָך א ביסעל געפיהל, עס ווערט פון נאַציאָנאַליזם — שאָוויניזם, פון רייכען געפיהל איין עקעלהאפטער שאַרלאַטאַנען־פאַנאַטיזם, וואָס וואַרעמט נישט און לייכט נישט, נאָר ברענט אין דער פינסטער און קען אונז אַליין פערברענען!...

איין אָרעם פערוואָגעלטער נע־ונד'ניק זוכט זיך א דאַך איבער'ן קאָפּ, א רוהיג שטיקעל אָרט, וואו זיך אַנידער צו לעגען, וואו די ביינער אויסצורוהען, אום אויפצושטעהן מיט אַלע גליידער, צו דער נייער אַרבייט, — אַלע פאַר אַלע!... דעם געדאַנק האָט איהם איינגעפלעסט הורמוז... וואָס טהוט אחרימון? ער מאַכט פון דאַך, פון רוהע־בעט, איין עביגען, הויכען צוועק, א אידעאל און מיר...

מיר האָבען זיך צוריקגערוקט אויף א הונדערט און צוואַנציג יאָהר!

און עס איז ווירקליך א שאָד די צייט!

דֶער וִכּוּחַ.

אין קראַשינסקים גאָרטען. צוויי יונגע לייט.ביידע רעדען יודיש. נאָר איינער ליטוויש — דער צווייטער פויליש־יודיש. דער ערשטער פרעגט, דער צווייטער ענטפערט.

— נו, איהר זייט נאָך אַלץ נישט קיין ציוניסט?

— ניין.

— אַנטי?

— הלילה, פאַר וואָס אַנטי? מורא האָבען פאַר דער „גאַזעטאַ פאָלסקאַ"?

— וואָס דען?

— איך ווייס צו ווייניג!

— דהיינו?

— אָט... איך פלעג אַמאָל ערנסט דאַווענען... און דאָס דאַווענען איז — ירושלים און ירושלים! ארץ ישראל און ארץ ישראל!

וויים איך אָבער נישט, צי האָט מען ירושלים און ארץ ישראל דעריבער נישט פערגעסען ווייל מען דאַווענט אזוי פיעל; צי מען האָט נאָר דעריבער נישט אויפגעהערט צו דאַווענען — ווייל מען קען אָן ירושלים און ארץ ישראל נישט פערגעסען?!

אין חדר פלעג איך לערנען: „ארץ זבת חלב ודבש" — אַ לאַנד — האָט מיר דער מלמד געטייטשט — וואָס פליסט מיט האָניג און מיט מילך — האָניג און מילך האָט אַ קינד ליעב דאָס לעבען! ווייס

איך? אפשר האָב איך מיך דעריבער דערפרעהט, אַז איך האָב געהערט פון חבת ציון?

איך געדענק מיך גאַנץ גוט יונגעל־וויז... די שפּעטערע צייטען בעמיה איך מיך צו פערגעסען... קיין גרויסע האָפנונגען אויף שפּעטער האָט מען אויך נישט... און, אַז עס ווערט נישט גוט אויפ'ן האַרץ, אַנטלויפט די נשמה צו די קינדער־יאָהרען, ווי אַ טויב אין טויבענשלאַג אַריין... איך וויים נישט, אויב אַלע טהוען אַזוי, איך טהו עס, און עס העלפט אַמאָל און פערטרייבט די מרה־שחורה... געדענק איך, ווי אַלע מיינע חברים פלעגען מיט שמחה וששון נאָכלויפען דער פאָלקאָוואָי מוזיק. בכלל דעם מיליטער. אין וואַרשוי זעהט מען עס זעלטענער, איז עס מעהר אינטערעסאַנט — קינדער לויפען... מען קען זיך נישט זאַט אָנקוקען, ווי עס בליצט דורך די „שטיקעס" פון די ביקסען; זאַט אָנהערען די שטאַרקע, פעסטע מעשענע קולות, וואָס געהען ווי איינגעהמען אַ וועלט. איך איינער, געדענק איך, פלעג מיך נישט פרעהען. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ווען עמיץ בעפאַלט מיך, מיין טאַטע־מאַמע, מיינע ברידער און שוועסטער, וועט דאָס חיל נישט זעהן, נישט הערען, און ווייטער מאַרשירען, און ווייטער שפּיעלען, און ווייטער געהן איינעמען די וועלט... און דערביי פלעגען מיר זיך צו בעווייזען טרעהרען אין די אויגען... פשוט פאַר קנאה: וואו איז מיין מיליטער, מיין מוזיק? אַז יענער האָט...

איך פלעג, מיט פערמאַכטע אויגען און אַ צורודערטער נשמה, אויסהערען מעשיות פון משיח'ס צייטען. דער „רבי" אין חדר פלעגט דערצעהלען, די באָבע אין דער היים, צי אין בית־המדרש — עלטערע יונגלעך. ווי ליעב האָב איך געהאַט דעם „מלך המשיח"! מיט אַלעם גוטען און טייערן האָב איך איהם בעקליידט און בעהאָנגען! ביי אַ רייכער מיהמען (זי איז שוין אויפ'ן עולם־האמת) האָב איך אָבגעריסען די פעריל פון האַלז. ביים גענעראַל, וואָס האָט געוואָהנט געגענאיבער — די ווייסע פעדערן פון איבער'ן קאַסקע... ביים כהן־גדול — דעם חושן ואפוד צוגענומען! איך וויים? נאַקעט און באָרוועס וואָלט איך אַ וועלט

געלאָזט! אָבער נישט שטענדיג. טהייל מאָל האָט מיך מעהר געגומ׳ן משיח בן יוסף, וואָס דאַרף אומקומען, גע׳הרג׳ט ווערען... און איך האָב אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל: פאַר וואָס? פאַר ווען? און נאָך וואָס זאָל איינפאַלען די אייזערנע בריק? און איך פלעג טראַכטען: ביי יציאת מצרים האָט ער די מלאכים נישט געלאָזט זינגען: מעשי ידי — זאָגט ער — טובעים בים... און לעתיד לבא... אַזוי אָהן רחמנות? וואָס זענען זיי ערגער פאַר די מצרים?

— קינדער-געדאַנקען!

— עהרליכער ווי מענשען-געדאַנקען. און אמת׳ער אויך? דאָס זענען די גאָלדענע פעדים, פון וועלכע עס שטיקט זיך ערשט אוים אַ נשמה פון אַ מענש, אַ פרישע ריינע נשמה...

נאָך געדענק איך: און דער מערת המכפלה, געקויפט ביי די בני חת, וואָס האָבען מיט גוטע ריידעלעך אויסגעשווינ-דעלט ארבע מאות שקל כסף... אין דער מערת המכפלה זיצט אברהם אבינו, אָנגעלעהנט מיט׳ן קאָפּ אויף דער מוטער שרה׳ס שוים... די הגדה דערצעהלט אַזוי... און איך זעה בחוש, ווי די מוטער שרה, מיט אַ קעפּעל ווי ביי׳ן אַ ציטער-נאָדעל, זיצט און פיהרט מיט לאַנגע, נאָר דינע און דורכזיכטיגע פינגער, צווישען אברהם אבינו׳ס זילבערנע לאָקען... אַזוי זיצען זיי און ביידע האָבען פערמאַכטע אויגען, און עפענען די אויגען וועלען זיי ערשט ביים שופר של משיח, ווען די טערקישע וואַרטע וועט פערשטיינערט ווערען פאַר שרעק...

און עס פלעגט מיך ציהען צו דער מערת המכפלה... צום זיידען, צו דער באָבען...

נאָר אויך נישט שטענדיג!

טהייל מאָל פלעגט מיך וואונדערן: פאַר וואָס טראָגט עס אברהם אבינו האָר אַ חוץ באָרד און פאות?

טהייל מאָל פלעג איך גאָר זיין פון הָגָר׳ס צד, און וועלען דער מוטער שרה׳ן אָבטהון אַ שפּיצעל! און איך פאַנטאַזיר הויך צווישען די חברים: איך וועל מיך אויסלערנען טערקיש, אַנטלויפען קיין ארץ ישראל, שטעלען מיך דאָרט פאַר

א זעלנער, און אז עס וועט מיר אָנקומען צו שטעהן אויף דער וואכט פאר דער מערת המכפלה, וועל איך ביי נאַכט, אז קיינער וועט נישט זעהן, שטילערהייט אַוועקשטעלען דעם ביקס, אַריינחאַפּען זיך אין דער הייל, אויף די נעגעל צוגעהן און געבען דער מוטער שרה אין נעזעל אריין — — —

נאָר אַרויסזאָגען: „אַ שנעל״, האָב איך די העזה נישט געהאַט.

— בעסער אַ שמעק טאַבאַק! האָט דאָך עמיץ אונטערגעחאַפּט...

— קונדסים!

— גוטע צייטען געווען!... און וואָס נאָך האָב איך געוואוסט פון ארץ ישראל?

צו כותל מערבי, האָב איך געהערט, קומט מען צוזאַמען מארבע פנות העולם וויינען, די וואַנד איז גליטשיג פון טרעהרען...

און איך האָב געגלוסט צו דער כותל מערבי... דאָרט אַ תשעה־באב! צווישען איין עולם מארבע פנות העולם וואַרפען בערעלעך!

טהייל מאָל איז מיר בעסער געפעלען די אילומינאַציע אויף ר׳ שמעון בן יוחאי׳ס קבר! ווייבער וואַרפען פון די אַקסעל אַראָב די טהייערסטע פערשיעדענפאַרביגע טערקישע שאַלען, טונקען איין אין פעסער שמן־זית און צינדען אָן! — — — אַ חוץ אַזוי הבדלות, ליכט און קאָליערטע פּאַפּירענע לאַמטערן! אַה!

נאָך. ביי אונז אויפ׳ן הויף — מיר האָבען דעמאָלט אויף דער פראַנצישקאַנער גאַס געוואָהנט — האָט געוואָהנט אויך אַ שוחט, אברהם מאַנים האָט ער געהייסען, אַ שם־דבר איז ער געווען דער אברהם מאַנים. ווען ער פלעגט מיך טרעפען, פלעגט ער מיך קנייפּען אין בעקעל; איך בין אַ שטיקעל עלוי געווען און ער — איין אַלטער מתמיד! דעם נאָמען אברהם מאַנים, געדענק איך. נאָר פאָרשטעלען קען איך מיר איהם שוין נישט. פערמאַך איך די אויגען, זעה איך נישט מעהר, ווי אַ ווייסע, לאַנגע, זעהר

לאַנגע באָרד; זי איז געווען די לענגסטע אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס, די לענגסטע אין גרויסען מנין. טהייל מאָל זעה איך נאָך אַ רויטען האַלז-און-נאַקען פון הינטען, מיט אַ שטיק בעוואָקסען האַרץ פון פאָרנט — ער איינער פלעגט נאָך טראָגען איין אָפען העמד מיט נאָכגעלאָזטע בענדלעך... מעהר זעה איך שוין נישט... אָט דער אברהם מאַנים איז מיט דער צייט שוואַך געוואָרען אויף די אויגען, אַוועקגעלעגט דעם חלף און געקליבען זיך קיין ארץ ישראל —.

אין מנין איז געווען אַ רעש. לומדים האָבען געקלערט, צי מעג מען אויסמיידען משיח'ן, מען האָט אויפגעמישט הינדערטער גמרות און ספרים, אַהין און אַהער, — מען האָט זיך צושוויצט, צואַמפערט... נאָר אַזוינע ופוחים פלעגען זיין וועגען איין על חטא ביום כפור שחל להיות בשבת, און פלעגען אַזוי לאַנג דויערן, ביז איין אַלטער מנין-יוד האָט זיך אויפגעשטעלט אין פאַר'ן עולם ערות געזאָגט, ווי אַזוי מען האָט זיך נוהג געווען פאַר-יאָהרען! און אַזוי איז געבליבען דאָ אויך! דער מנהג איז, אַז ווער עס וויל פערשפאָרען גלגול מחילות, פאָהרט קיין ארץ ישראל...

צווישען אונז יונגלעך איז אויך געווען איין אַנדער מין ופוח... מען האָט זיך אָנגעשמעקט מיט השכלה... איינער פון מיינע חברים האָט געלאַכט: „וואו מען מעג ווערען יערנעראַל דאָרט איז ארץ ישראל" — יאָ! איהם פלעגט זיך שטענדיג חלומ'ען אַ רייטפערד מיט עפּאָלעטען!

און אין דער היים ביים וואַרעמעס האָט מען געקלערט: ווי אַזוי וועט אברהם מאַנים, דער אַלטער בטלן, מיט די האַלב בלינדע אויגען, טרעפען קיין ארץ ישראל? די מאַמע פרעגט: ווי אַרום פאָהרט מען קיין ארץ ישראל... דער טאַטע זאָגט: מן הסתם איבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל... און וואו ליעגט קאָנסטאַנטינאָפּאָל? ווייט, ווייט! און מען האָט געשפינען אַ מאָדנע געאָגראַפיע איבער טהאָל און בערג, נאָר די אַלטע מירל האָט זי איבערגעריסען. די אַלטע מירל איז געווען אונזער דיענסט און האָט געזאָגט, אַריינברענגענדיג דאָס ציבעלע-פלייש, אַז

אויפ'ן הויף זאָגט מען אויף זיכער, אַז „ראָני" די אברהם־מאַניס'יכע פאָהרט מיט... „ראָני" וועט טרעפען, זאָגט די מאַמע. אַלע זענען מודה, אַז „ראָני" וועט אויפ'ן פייער נישט פערברענט ווערען!

דעם נאָמען „ראָני" געדענק איך דורך אברהם־מאַניסעס אַ גליך ווערטעל. אַז ער פלעגט פון שחט־הויז אהיים קומען שפעט, פלעגט ער אָנקלאַפּען: קומי רוני בלילה!

און ליעב האָט זיך דאָס אַלטע פאַר פאָלק געהאַט. נאָך ווי ליעב!

אברהם־מאַניס איז אונזער בעל־תקיעה געווען — —

און דאָס אָנטהון פלעגען זיי, אַ פּנים, האַלטען אויף איין בענקעל... און איינמאָל ראש השנה איז אברהם מאַניס געקומען צו די תקיעות אין ראָני'ס אַ העמד במקום אַ קיטעל! און האָט נאָך געשמייכעלט: „נישט־קשה אַזאַ טעות, ראָני איז אַ צדקת!" נאָר פאָרשטעלען ראָני'ן קען איך מיר אויך נישט; איך געדענק נאָר: אַ קליינע, אַ פרעהליכע, אַ דורכזיכטיג פאַפיר'ן נעזעל מיט אַ קול פון אַ פייגעלע. נאָר „ראָני איז אַ לייט, מיט איהר וועט ער זיך שוין דורכשלאָגען!"

געגען וואָס דערצעהל איך עס?

יאָ... ראָני איז צוריק געקומען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל...

זי איז קראַנק געוואָרען פאַר בענקעניש, און פלוצים פחד בעקומען פאַר'ן ים... אברהם מאַניס איז וויטער געפאָהרען... ראָני האָט איהם פערלאָזט!

אַז זי האָט צוריקצוועגס דערזעהן די ווייקסעל, האָט זי געוויינט פאַר פרייד! אין גאַס האָט זי ממש געטאַנצט — דערנאָך איז זי געלאָפען אויפ'ן בית־עולם אַרום און געפאַטשט אין די הענטלעך: מיינע ליעבע קברים, מיינע טהייערע קברים!.. און עליה השלום, דער באבען מיינע, האָט זי מיט גרויס נחת און מיט טרעהרען אין די אויגען דערצעהלט, אַז, געלויבט איז זיין ליעבער נאָמען, וואָס זי האָט זוכה געווען מיט איהרע איינגענע

הענד אָנצוריהרען די שיף, וואָס איז אוועקגעשוואומען גלייך זיין ארץ ישראל...

זי האָט אָנגערירט די וואַנד פון שיף און די האַנד געקושט, ווי ביי אַ מזוזה!

— ווייבערישע זאַכען!

— ניין, דו ביסט צו טרוקען, דו פערשטעהסט עס נישט: אַ ווייבערישע צי אַ מענישע, נאָר אַ האַלבע נשמה דאָ, אַ האַלבע דאָרטען...

— מען רעדט דאָך אָבער נישט פון אַלטע יודען און יודענעס, וואָס אַנטלויפען פאַר גלגול מחילות... נישט פון שטאַרבען, פון לעבען רעדט מען!

— איך ווייס? דאָס איז געווען גירסא דינקותא... חדר־זאַכען... און היינט וואָס ווייס איך? וואָס גיבען מיר די „בלעטער"?

איך לעז, וואָס עס לאָזט זיך לעזען... איך אַליין אויף פּאָליטיק פערשטעה מיך נישט... נאָר אַזוי, וואָס הערט זיך דאָרט?

איינער זאָגט: יק"א און ראָטשילד הרג'נען די קאָלאָניעס מיט זייערע שווערע פליגעל, וואָס זיי האָבען איבער זיי פערשפּרייט... דאָס אפּוטרופּסות איז סם המות! עס וואָלט שוין לאַנג דאָרט פּתום ורעמסס — טפו! ווי דאָס גלות האָט זיך איינגעגעסען, איך מיין „איש תחת גפנו" געווען, און ווי ווייטער שטעהט... קומט אַ צווייטער און זאָגט: ניין, דער חסרון איז, וואָס מען וויל איבער נאַכט מאַכען פון אַ סוחר אַ פּויער... אומגעלערנט מאַכען... איין אַגראָנאָם־שוהלע דאַרף מען. עפּענט איין אַגראַנאָם־שוהלע וועט זיין ששון ושמחה... קומט דערנאָך אַ דריטער, אַ כתוב השלישי און זאָגט: וואָס ווילט איהר? פּויגעל־מילך? עס געהט על צד היותר טוב! אַ מחיה! און באותו הרגע, ווי איך לייען עס, קומט אַריין איין אָרעמאַן... ווער ביסט דו? אַ געוועזענער קאָלאָניסט אין א"י ישראל...

ער האָט דעם „חלב ודבש״, אַ פּנים, נישט פערדייעט!
זיי שווייגען אַ ווײַלע, און דער ליטוויש־רעדער זאָגט:
— עס האָט זיך געמאַכט אַ נייע חברה צו שטודירען, אויסצופאָרשען ארץ ישראל...
— באַ! וואָלט געווען איין עסק... קלאָרע דבורים!...
דען נאָך אַמאָל דאָס זעלבע: אויף פּאָליטיק פערשטעהט איך מיך נישט... אדיע!
— אדיע!

שמאי ראטמאן.

איהר קענט שמאי ראטמאן? געוויס! נעבכען, שטעלט אייך פאר, טרעף איך איהם אין גאס.

— שמאי! רוף איך, ער הערט נישט. איך מאך מיט דער האנד, ער זעהט נישט! ווי א גולם שטעהט ער, מיט אפענע, שטארע אויגען; איך חאפ איהם אן ביי'ם אקסעל:

— גאט איז מיט דיר, שמאי!

ער חאפט זיך אויף, ווי פון שלאף.

— א נייע אידעע! שמייכעלט ער.

א וואונדערליכע זאך די נייע אידעען! ווי דאס ווערט געבארען!

א מענש, ווי אלע מענשען: א פעריאגטער, וואס דארף, און גאנץ אפט, אלערליי געלדער — פרנסה־געלד, דירה־געלד, מלמד־ און לעהרער־געלד, חוץ אנדערע געלדער, — אזא מענש פאלט פלוצים אוועק אין מיטען גאס — א גולם! איין אפען־מויל, אפענע אויערן — און ער הערט נישט, ער זעהט נישט און פיהלט נישט!

וואס איז? עפיס אין מ׳ח, אין א פינסטער בעהאלטען ווינקעלע, שפינט זיך און וועבט זיך א נייע אידעע.

און זי וועבט זיך און שפינט זיך אהן זיין ווילען, אהן זיין ווימען, און, מעהרסטענטהיילס, נישט פאר זיין טובה וועגען...

איך קען א סך, א סך מענשען, וואס אידעען האבען זיי איבערגעפיהרט...

ר א ו ב ן האָט געקלערט און געקלערט ביז ער איז געפאַלען אויף אַ נייער המצאה, און איז אַריין מיט אייגען און פרעמד־געלד...

ש מ ע ו ן האָט זיך איינמאָל פערטראַכט — פערטראַכטערהייט האָט ער זיך עפּיס אַרויסגעחאַפּט, און פון דעמאָלט אָן, יאָגט מען איהם און מען פלאָגט איהם פון אַלע זייטען, מען וואַרפט איהם נאָך שטיינער אין גאַס...

ל ו י איז גאָר אַראָב פון זינען, אין ווען נישט דאָס ווייבס, וואָס לאָזט פון איהם קיין אויג נישט אַראָב, וואָלט ער שוין לאַנג געהאָנגען ערגיץ אויף אַ בוידעם.

י ה ו ד ה, האָטש קיינער טשעפּעט איהם נישט, לויפט, צייט ער איז געפאַלען אויף עפּיס אַ וואונדערליכע אידעע, אַרום ווי משוגע אין די גאַסען, און שרייט „געוואַלד!"...

און ז ב ו ל ן, דעם מוזט איהר אויך קענען, זייט ער איז אויפ'ן קאָפּ געפאַלען, געפעלט איהם נישט דאָס ווייב, קען ער נישט זיינע אייגענע קינדער, עסט ער נישט און טרינקט נישט, און געהט קריעה־בליעה — און וואָס וויל ער? געהט פרעגט איהם!

און פון דעסטוועגען, האָב איך אַ שרעקליכען חשק צו נייע אידעען! ווער ווייס? צווישען איבערגעדראָשען שטרוי קען זיך דאָך אַ מאָל געפינען אַ קערנדעל ווייץ, און צווישען מיליאַרדען נייע אידעען, קען זיך דאָך געפינען א י י ן אמת'ע אידעע.

אין געפינט זי זיך, ווער קען איבערעכענען דעם שאָדען, אָדער דאָס גוטס, וואָס אַ נייע אידעע קען ברענגען מיט זיך?

עס קען זיין אַ בליץ, וואָס וועט אויף אָרט און שטעל פערשווינדען... עטליכע שאָק בלינדע היהנער וועלען גאָר נישט וויסען פון איהם און לייקענען שטיין און ביין, און עס קען זיין אַ דונער! און אַ דונער איז שוין נישט קיין קלייניגקייט; ער קען אַריינשלאָגען אין זאַמד פון סטעפּ און אויסדרעהען נאָר אַ גלעזערן רעהרעל, אַריין אין ים און אויסגעהן ווי אַ ליכט; ער קען אָבער אויך אַריין־שלאָגען אין אַ הויז, און אָנמאַכען — גאָט ווייס

וואָס פאַר אַ שׂרפה... אײדער עס קומט די פאָזשאַרנע קאָמאַנדע, קאָן פון אַ שטאָדט נישט בלײבען אַ שטײן אויף אַ שטײן...

גאָט מײן אײנציגער! אַ נײע אידעע קען דאָך נאָר ענטפערן אויף די אַלע ביטערע פראַגען, וואָס פרעסען אונז אויס דעם מוח פון די קעפ; אויף די אַלע רעטעניש׳ען, וואָס דרעהען אונז, ווי די ענגבער, אין די געהירן — ווער ווייס!

און דער, דער שטעהט פאַר מיר און שמײכעלט: אַ נײע אידעע!

איך חאַפּ איהם אָן בײ אַ לאַץ:

— זאָג!

— דאָ, אין מיטען גאַס?

איך דאַנק גאָט, וואָס מיר זענען נישט ווייט פון אַ קאָנדיטאָרײ...

* *

*

נאָך עטליכע שלוק טהײ, ווײס איך שוין אין וואָס עס געהט.

די וועלט וועט זיך נישט איבערקעהרען, אויך וועט זי נישט פערברענט ווערען. עס וועט אַפילו קיין שטורם־ווינד נישט זײן, וואָס זאָל דעם שטויב פון די גאַסען יאָגען אין די אויגען ארײן...

שמאי ראַטמאַן וויל נאָר מאַכען אַ נײע חברה!

אײגענטליך — אויך גוט!

— פערשרײב מיך!

— שוין!? וואונדערט ער זיך, דו ווײסט נאָך נישט וועגען וואָס עס געהט!

— אַלץ אײנס! זאָג איך — מיר דאַרפען נײע חברות; שלעכטע, גוטע, נאַרישע, קלוגע, אַבי חברות, אַבי עס זאָל נישט זײן טוידט, זאָל זיך רודערן... און אַצונד זאָג וואָס דו ווילסט!

— איך וויל, — זאָגט ער, גרינדען אַ חברה דענקער!
— דענקער?
— יאָ, איינפאַך, דענקער...
— נאָך וואָס?
— הער... נאָר, איך מוז האָבען אַ גאַנצע פאַררעדע.
— נאָך בעסער! פאַררעדען האָב איך ליעב ווי דאָס לעבען, וועניגסטענס — מעהר אַלס די ביכער... די פאַררעדע איז זעלטענער געגומען...
— דו מאַכסט חוזק, בעליידיגט זיך ראַטמאַן.
— און דו האָסט מורא פאַר לצנות? דו, אַ מענש פון נייע אידעען? דו דאַרפסט דאָך זיין גרייט אויף שטיינער, אויף פויסטען, אויף פייער און וואַסער...
— דאָס אַלץ — ענטפערט ראַטמאַן, שאַדט נישט! דאָס זענען, געוועהנליך, נאָר די הייוען, אויף וועלכע אידעען וואַקסען! נאָר חוזק מאַכען, דאָס שטעכען מיט נאָדלען, דאָס קען אַ מענש, חאָטש ער איז גרייט צו אויטאָ־דאַ־פעען, איבערשרעקען...
— איז נישט, נו! איך שווייג שוין, דערצעהל!
און ראַטמאַן דערצעהלט.

* *
*

בעמערקט האָט ער, ראַטמאַן אַז אַלץ האָבען מיר ליעב, נאָר נישט צו קלערען.
— ווי הייסט?
— גאַנץ איינפאַך, מיר זענען פויל, שרעקליך פויל! אַזוי צו ליעגען אויף דעם פרישען גראָז און יאָגען די וואָלקען אין הימעל...
אָדער, — האַק איך איהם איבער, — זיצען און עסען און טרינקען.
— עט! מאַכט ראַטמאַן, עסען און טרינקען האָט מען וואָס אַ מאָל וועניגער, מען איז יוצא מיט אַ „יהי רצון”. — גלייך מען וואָלט געגעסען, גלייך מען וואָלט געטרונקען,

נאָר וואָלקען אין הימעל פּעהלען נישט, און אַלע מעגען קוקען.

ליעגען מיר טאַקי און קוקען... טהייל שטודירען מכלומר'שט אַסטראָנאָמיע און צעהלען די שטערן: איינס, צוויי, דריי... ווי וויט איינער קען!

מאַכט זיך אַ שטורם, שפּרינגען מיר אויף די פיס, — דעמאָלט זענען מיר גרייט — צו ענטלויפען!...

וואו אַהין?

וואו דו ווילסט! רעכטס, לינקס, ווייטער אָדער צוריק. נאָר עמיצער זאָל זיין דער וועג־ווייזער, דער ערשטער לויפער, דער טריק (באָק)!.

מיר קענען געהן, מיר קענען, אַפילו מיט די געשוואָלענע פיס, לויפען, אַלץ־איינס וואו אַהין, נאָר צוויי זאַכען: ערשטענס זאָל זיין אַ טריק, און צווייטענס זאָל ער זיך נישט אָבשטעלען און נישט פרעגען אונז אַליין: וואו אַהין? קלערען האָבען מיר פיינד, טראַכטען איז סם!

אין יעדען אונגליק, אין יעדער שלעכטער צייט, קוקען מיר זיך אום, צי וועט זיך בעוויזען אַ זייל, פון פייער צי פון וואָלקען, נאָר אַ זייל, וואָס זאָל זיך פאַר אינז רוקען און וויזען דעם וועג.

קומט אַ משה, לאָזען מיר שטעהן די טעפּ מיט פליישׁ, מיט די ציבעל'עס אין מצרים און געהען איהם נאָך אין מדבר אַריין; אין מיטען וועג ווילען מיר מאַכען איין אַנדערן ראש און — צוריק קיין גשן!...

משה פערזוימט זיך אויפ'ן באַרג סיני, אונזערע ווייבער האָבען ציערונג, — אַהער! וועט זיין אַ גאָלדען־קאַלב!

אַ שלוק טהיי און ראַטמאַן רעדט ווייטער:

מען זאָגט, אַז צייטען בייטען זיך, נישט וואָהר! דער איינענער האַס צום קלערען, צום טראַכטען, צום מישב זיין; מיר זענען פויל ווי מיר זענען אַמאָל געוועזען.

מיר האָבען ליעב דעם שקר, נישט נאָר דערפאַר, ווייל
ער איז אויסגעקעמט, אויסגעפּוצט און שמעקט פון פּערפומעס, נאָר
ווייל ער איז זיכער, און זאָגט אַלץ אויף זיכער, גלייך: ער וואָלט
דערביי געווען. אַ מזבח פאַר גאָט? — וואהל, קוילען מיר
קעלבער! פאַר'ן מולך — נאָך בעסער! קינדער צום פערברענען
פעהלען נישט, — נאָר זאָגט בפירוש, וואָס איהר ווילט, קלערט
נישט און הייסט נישט קלערען!

אמת וואָלטען מיר אויך אויסגעהאַלטען, נאַטירליך זאָל
ער פריהער זיך אָבשניידען די נעגעל און נישט אויסדראַפּען,
רעדענדיג, די אויגען; זאָל ער נישט אַרומגעהן נאַקעט און
באָרוועס אין די גאַסען, חבר'ן זיך מיט שניידער- און שוסטער-
יונגען... נאָך עפּיס: אין וואָס וואָהנען מיר? אין שטרויענע,
הילצערנע און ווען אַפילו שטיינערנע, נאָר אין אַלטע אויסגע-
טריקנטע הייזער — זאָל ער נישט אַרומגעהן מיט'ן פלאַקער פייער
אין דער בלויזער האַנד... אַ קליין-ליכט'ל אין אַ גרויסען לאַמטערן
איז זיכערער... קאָליערטע גלעזער — שענער און בעסער! נישט
דער אמת איז געפעהרליך! צי די ערד דרעהט זיך אַרום דער זון
צי פערקעהרט, איז דעם רב מיט דער רביצין אַלץ איינס, נאָר ווי
מען האָט געזאָגט, אַזוי זאָל זיין! נאָך וואָס גאָר קלערען אַנדערש!

די פראַגען, די רעטענישען, דאָס קאָפּ-ברעכען, דאָס
האָט רב און קהל פיינד...

— וואָס האָסט דו זיך געהאַפּט אָן רב און קהל?

— און ווער איז בעסער? יעדער מענש, אַפילו דער
שענסטער און דער בעסטער, לאָזט זיך איבער אַ שטיק אָרט
אין מוח, אַ שטיק „קדשי קדשים”; אַהין לאָזט ער קיינעם און
זיך אַליין נישט צו, דאָרט טאָר מען נישט אַקערן, נישט זייען,
נישט ריהרען דעם אַלטען ווילדען דאָרן, וואָס צעוואַקסט זיך,
ווי אויף הייוען...

שלעכטע צייטען... ווייבער עמאַנציפּירען זיך, און ווילען
די אוירינגלעך אויף גאָלדענע קעלבער נישט געבען: די נביאי[ם]
זענען איינס ביי איינס געשטאָרבען, — דעם פּראָפעסאָר פאַל[...]
גראָטה איין מאָל אויף הונדערט מאָל; מלאכים בעווייזען זיך

נישט ; זייט די באַרשט האָט אַרויסגעיאָגט פון שטוב דעם בעזים, האָבען די כשוף־מאכערינס נישט אויף וואָס צו רייטען. גורל־וואַרפען איז אויס מאָדע, עס פּאַסט פאַר אַ יונגען באַקפיש צו רייסען בלעטלעך פון בעז: יאָ ליעב, נישט ליעב! אָדער פאַר אַ שילער, ער זאָל דאָס זעלבע טהון אויף די קנעפּ פון מונדיר, נאָר דאָס זענען ליעבע־זאַכען און פאַר יונגע לייט... עלטערע מענשען, און למשל, ביי געזעלשאַפטס־פראַגען, געהט עס שוין נישט!

וואָס־זשע טהוט מען? צולעגען קאָפּ גלוסט זיך דאָך נישט, האָבען מיר ערפונדען נייע כשוף'ן, נייע גורלות...

כללים הייסט עס, דעוויזען, קלינגענדיגע ווערטער!

וואָס איהר ווילט, אַבי נישט קלערען!

יעדער כלל, יעדער דעוויז, יעדעם קלינגענדיג וואָרט איז אַ שטיק'ל מאַגנעט, וואָס ציהט צו נשמות ווי שטויב!

דער שטויב פון נשמה'לעך, וואָס האַלטען זיך אָן איין מאַגנעט, איז אַ „רעדעל", אַ חברה, אַ פּאַרטיי!

אַ גוטע זאַך איז דער דעוויז, און ווי נוצליך איז אַ קלינגענדיג וואָרט! מען האָט דיר אויסגעהאַקט אַ שויב, און דאָס געשריי פון הונגעריגע וועלף רייסט זיך דיר אין שטוב אַריין און לאָזט נישט שלאָפען, — חאַפּ איין „איזם", אַ קלינגענדיגען „איזם" און פערשטעק דאָס לאָך, וועסט דו ווייטער רוהיג שלאָפען!

עס איז דיר אַ ווערעמעל מיט אַ קופּערן־פּיסקעל אַריין אין אויער, פון אויער האָט זיך עס אַריינגעגנב'עט אין די געהירן, און דלובעט, און דלובעט צום משוגע ווערען, חאַפּ אַ דעוויז, און הויב אָן שרייען, למשל:

די וואַכט אַם רהיין, די וואַכט אַם רהיין!

זינגען איז נאָך בעסער! דו מעגסט אַפילו קיין דייטש נישט זיין; שריי. זינג — דאָס ווערעמעל וועט איינשלאָפען!...

האָסט ווייניג קאַנווע אין קאָפּ, דיר אויסצושטריקען אַ גאַנצען סיסטעם, — אַ קליינינקייט! מאַך גרויסע לעכער און פערשטאָפּ זיי מיט דעוויזען, מיט קלינגענדיגע ווערטער און דו ביזט אַ גאַנצער פילאָזאָף, און דו פערשטעהסט הימעל און ערד, דיין אייגען לעבען — אַוודאי!...

— וואָס'זשע ווילסט דו?

— איך וויל, — זאָגט ראָטמאַן, — מענשען זאָלען זיך נישט אויסרייסען די געזונדטע אויגען און אַריינזעטצען אויף זייער אָרט קאָליערטע גלעזלעך! מענשען זאָלען זיך נישט פאַרשטופען האַרץ און געהירן מיט קלינגענדיגע ווערטער און ווערטלעך; איך וויל — מענשען זאָלען קלערען!

— און דיין נייע אידעע?

— מיין נייע אידעע איז טאַקי צו גרינדען אַ חברה אָהן „איזמען", אָהן גלעזלעך... אַ חברה פון מענשען, וואָס זאָלען זיך נישט שעמען, אַרומצוגעהן אין גאַס מיט פראַגע־צייכען אויף די שטערען; וואָס זאָלען נישט איינרעדען, נישט זיך, נישט יענעם, אַז זיי מוזען אַלץ וויסען, אַז זיי ווייסען אַלץ... אַז זיי קענען היילען קרענק...

— וואָס וועט די חברה טהון?

— קלערען וועט זי, שטודירען, אַלץ וועט זי וועלען וויסען, אַלץ דערגרונטעווען...

אַ חברה־מאַן, אַז ער הערט אַ קלינגענדיג וואָרט, פרעגט ער זיך און יענעם: וואָס בעטייט עס? וואָס זאָגט עס צו? און זאָגט עס עפּיס צו, צי האָט עס אַ זיכערע היפּאָטעק, צי מעג מען דערויף שטעלען?

אַ חברה־מאַן, אַז ער הערט אַ שפּרוך, פרעגט ער זיך און יענעם: פון וואָס בעשטעהט ער? וואו שטעקט דער כשוף? מיט וואָס ציהט ער צו?

און אויב ער זעהט, אַז עס איז אַ פאַרבלענדעניש, איין איינגערעדטע זאַך, שטעלט ער זיך אָב און בעווייזט רעכטס און לינקס, אַז עס איז אַ שקר!

ראָטמאַן דערהיצט זיך:

— יעדער חברה־מאַן איז מחויב צו ראַנגלען זיך געגען יעדען שווינדעל, געגען יעדען חלום, געגען יעדעם פוסטע וואָרט...

— און אויף דעם אָרט פון חלומות און פוסטע ווערטער? —

— וועט די חברה געבען נייע אידעען...

מיט איין וואָרט: ראטמאַן וויל פאַרלעגען אַ פאַבריק פון נייע אידעען...

דאָס ווייסט איין גאָט!

יעדע פאַבריק דאַרף האָבען רוי מאַטעריאַל, — וואו וועט ער עס נעהמען?

און בשעת איך הער זיינע רייד, דאַכט זיך מיר, אַז איך זעה אַ וואונדערליך־בילד אין דער לופט.

אַ ווילד ברויזענדער ים — אַ שיף איז אין געפאַהר, איין פאַליע וואַרפט זי צו דער צווייטער; נישט וויט זענען ריפען און פעלזען, זי קען זיך לייכט אָנשלאָגען און צערשמעטערט ווערען; און דער הימעל ווערט וואָס אַ מאָל פינסטערער, די לעצטע שטערען פערשווינדען, די מענשען זעהען איינער דעם צווייטען נאָר ביים בליץ... און נאָך יעדען בליץ — געהט אַ דונער...

און נישט נאָר די שיפסלייט ווילען רעטען די שיף, — אַלע רייזענדע אַרבייטען מיט... קופקעלעך דערשראָקענע מענשען, דערשראָקענע און דענערווירטע; אין מיטען יעדען קופקעלע רעגיערט איין אַנדערער, הייסט טהון עפּיס אַנדערש, אין דער עולם פאָלגט און אַרבייט מיט די לעצטע קרעפ־טען... און ווערט דער עולם מיעד, שרייט מען פון דער מים אַרויס עטליכע הויכע, קלינגענדיגע, הייסע ווערטער, און דער עולם דערהיטצט זיך, בעקומט נייען כח, און אַרבייט ווייטער און ווייטער...

נאָר אָט רייסט זיך אָב איינער: —

— מען טהוט אָהן פערשטאַנד, אָהן וויסען, מען טהוט נאָר דורך קלינגענדיגע הויכע ווערטער — „איזמען". און „איזמען" — — קלערען דאַרף מען!

אין ער בויגט אַוועק דעם קאָפּ אָן אַ זייט, די שיף קנאַקט, דער דונער שלאָגט און שלאָגט, מענשען אַרבייטען מיט'ן לעצטען אָטהעם און ער — ער קלערט...

וועגען געשיכטע.

(א ביטערע הומאָרעסקע).

אַ בעקאַנטער יוד זעצט זיך נעבען מיר אויף אַ באַנק אין קראַשינסקים גאָרטען און פרעגט מיך, וואָס איך בין אַזוי טרויעריג.

— גרעץ אי עשט בען! ענטפער איך איהם.

— ברוך־דין־א ת! אַכט דער יוד — אַ היגער?

. . . .

די פראַגע, וואָכ 0% יודען וואָלטען געפרעגט אויף זיין אָרט, איז די מאָס, ווי יעף עס איז דער תהום, אין וועלכען מיר זענען אַריינגעפאַלען! ווען קען נישט דאָס יודישע וואַרשוי? ווער וואָהנט נישט אין דער נאַלעווקעס מח, ווער ליעגט נישט אויף דער וואַלאָווער צונג? פון וועמען רעדט אַלץ נישט דער אַריסטאָקראַטישער גרזיבאָוו?

וואַרשוי זאָל קלינגען דאַרף מען נישט דוקא פערשפּיעלען ווייב און קינד אין דערדע, אָדער אַרויפקריכען אויפ'ן אויאַזדאָווער קלאָץ... עס איז גענוג, אַ דראָשקאַרסקע פערד צו זיין, און פאַלען איבער די שינעם פון טראַמוויי...

דאָך איז ווייניג אַ גרעץ צו זיין, די געשיכטע פון יודישען פאָלק צו שרייבען!

און, אַז מיין שכן ווערט פון מיר געוואָהר, וואָס גרעץ האָט געשריבען, מאַכט ער ערשט:

— אַה! היסטאָריע! אין מיט אַזאַ קול, גלייך ער וואָלט בעוואונדערט עמיצין, וואָס האָט אויפגעגעסען 12 האַרטע אייער מיט אַמאָל.

אין, אז איך שפרינג שיער פון דער הויט אַרויס, פרעגט ער גאַנץ נאַאיוו:

און וואָס האָט מען פון דער היסטאָריע?

. . . .

— איהר זענט אַ יוד? פרעג איך.

— דאַכט זיך! שמייכעלט ער, ווי איינער רעדט: אַ ביסעל מעהר פאַר דיר!

— איהר האָט עפּים ליעב יודען?

— ווי דען! פיינט האָב איך?!

— איהר ווייסט, אַז אַלכסנדר מוקדון האָט געטראָפען אויף זיין וועג פון סאַמע נצחונות, אַ גאַנצע מדינה מיט סאַמע ווייבער?

— אַ שאלה דאָס איז! עס איז דאָך — דאַכט זיך — אין עין־יעקב, און אפשר האָט עס מיר דער רבי אין חדר דערצעהלט.

— איהר ווייסט, ווען מלכות בית־דוד און מלכות ישראל האָבען זיך צוטהיילט? ווען פון איין יודיש פאָלק איז צוויי געוואָרען?...

— ווען? וואָס טויג מיר צו וויסען ווען?... די מעשה שטעהט אין פסוק.

— און וואו איז אַהין געקומען מלכות ישראל?

— מלכות ישראל — האָבען־מיר אַ קיימא־לן — איז אויף יענער זייט סמבטיון...

— און וואו זענען אַהין געקומען די יודען, וועלכע מען האָט אַרויסגעטריבען פון הישפּאַניען?

— זיי זענען זיך צולאָפען..

— און די, וואָס מען האָט אַרויסגעטריבען 2 מאָל פון פראַנקרייך?

— וואו זאָל'ען זיי זיין! אַ ביסעל איז אַודאי ערגיץ אוועק, און די רעשט האָט זיך צוריק אריין־גע'גנב'ט. אַ שאלה דאָס איז!

— איהר ווייסט, וואָס יודען האָבען געליטען, און ליידען ביז היינט אין פרס, רומעניען...?

— אין פרס, ווייס איך נישט; וועגען רומעניען דערצעהלט מען אַלע מאָל אין שוהל, פון הצפירה אַרויס; האָר און נעגעל שטעלען זיך קאַפּויער!

— און פון „קרייץ צוגע" ווייסט איהר עפּיס?

— פרעגט מיך עפּיס גרינגערס!

— איהר קענט נישט קיין דייטש?

— דייטש איז עס?! מילא, — פעהלט מיר אַ וואָרט!

— און „נישאי־הצלב"?

— וואָס איז דאָס פאַר אַ לשון?

— לשון־קדש! איהר ווייסט גאָר נישט, אַז דורך די נושאי־הצלב, אָדער קרייץ־ציגע, זענען טויזענדער יודען גע'הרג'ט, גאַנצע קהלות חרוב ונחרב געוואָרען...

— איהר מיינט אַודאי שנת ת"ח, חמיעלניצקי'ס צייטען!

— פון יודען אין מאַראָקאַ, ווייסט איהר עפּיס?

— אין מאַראָקאַ? ניין נישט געהערט!

— און געוואָלט וויסען וואָלט איהר?

— באַ! וויסען! און וואָס איז דאָרט! אַנדערע מאָדע צרות? עס געהט אויף איין אַנדערן אופן? גלויבט מיר, — אומעטום איין וועלט... איך דאַנק גאָט אַז ד'פערגעס דעראָן. (פויזע, און נאָך א זיפץ:) — און זאָגט נאָר, איהר לייענט דאָך צייטונג, וואָס הערט זיך בעסער נייעס?

. . . .

— ניין — זאָג איך צו מיין שכן, — איהר האָט יודען נישט ליעב.

— אַוהאָ־ראיה? איך גיב קיין געלד נישט? ד'האָב נישט! די דייטשען האָבען — גיבען זיי!

— נישט דאָס מיין איך.

זעהט איהר, די טבע איז פון אַבשר ודם, אַז ער וויל וויסען אַלץ וואָס ריהרט נאָר אָן זיינס אַגוטען פריינד אַקרוב. אַז איהר טרעפט, למשל, אַקרוב, וועלבען איהר האָט שיין

עטליכע יאָהר נישט געזעהן, ווערדט איהר נישט מיער אויסצו־פרעגען: ווי עס איז איהם איבער דער צייט געגאַנגען, וואָס ער האָט איבער־געלעבט; איהר פרעגט וואָס זיין ווייב, זיינע קינדער מאַכען. איז עמיץ פון הויז־געזינד קראַנק געוועזען, ווילט איהר וויסען אויף וואָס, צי האָט ער גרויסע יסורים געהאַט, ווי לאַנג עס האָט געדויערט, וועלכער דאָקטאָר, צי וועלכער זנאַחאָר עס האָט געהאָלפען; אויב אַ דאָקטאָר — צי איז דאָס פלעשעלע געוועזען אַ רויטס אָדער אַ גרינס, זאָן אפשר גאָר אַ ווייס... אויב אַ זנאַחאָר — צי האָט ער נאָר געזאָגט אָדער נאָך איינגעוויקעלט אין רויך. . און נישט דוקא ביי אַזוינע וויכטיגע זאַכען... אַז איהר דערזעהט אויף איינעם אַ בעקאַנטען אַ ניי מלבוש, ווילט איהר וויסען, ווי טהייער ער האָט געצאָהלט אין אַרשין, וויפיעל שניידער־געלד; איהר הייבט נאָך אויף די פאָלע, צי מען האָט איהם נישט געגאַרט אויפ'ן אונטערלאָג...

— אמת — שמייכעלט דער יוד. אָס קען איך נישט לייקענען.

— יאָ — פאַל איך אַריין אין נצחון: — און, אַז איהר האָט בריד ער, זאָג איך, אויף דער גאַנצער וועלט, ווילט איהר גאָר נישט וויסען וואָס מיט זיי טהוט זיך! און, אַז אייערע ברידער ליידען שוין טויזענדער יאָהרען, אינטערעסירט אייך נישט צו וויסען, וואָס אין דער גאַנצער צייט איז מיט זיי געשעהן.

— און פון דאַנען — זאָג איך ווייטער — איז געדרונגען, אַז „עס כל ישראל אחיהם" פון ראש־חדש־בענשען, זאָגט איהר מיט דער אייגענער כונה ווי „לשנה הבאה בירושלים"...

. . . .

— און אַז איך פיהל פאָרט, אַז איך האָב ליעב יודען!

— האָט איהר אַ טעות.

— גלאַט געזאָגט...

— איך וועל אייך אויסווייזען, נאָר ענטפערט מיר עהרליך אויף עטליכע שאלות.

— נו!

— איהר האָט ליעב אייערע קרובים?
— נישט אַלע.
— פאַר וואָס נישט אַלע?
— ווייס איך, וואָס איהר פרעגט! און אַז מיינס אַ קרוב מאַכט זיך נעבען מיר אַ מסחר, פונקט אַזוינעם ווי איך האָב, גלייך עס פעהלט מסחרים אויף דער וועלט, קריכט מיר אין וועג אַריין, רייסט מיר אַרויס דעם קונה פון געוועלב, דעם ביסען פון מויל, — זאָל איך איהם קיין שונא נישט זיין?... אָדער, אַז איך האָב — פון ווייב׳ס־צד — אַ קרוב אַ שכור, אָדער אַ מחלל שבת בפרהסיא, — זאָל איך זיי ליעב האָבען?!
— און אַ חוץ זיי?
— אַ חוץ זיי — יאָ! אַלע קרובים, וועלכע איך קען!
— און די, וואָס איהר קענט נישט?
— ווייס איך נישט! איך האָב למשל אַ לייבליך שוועסטער־קינד אין אַמעריקאַ, איך האָב׳ן קיין מאָל פאַר די אויגען נישט געזעהן!..
— האָט איהר איהם טאַקי... לעג איך איהם אונטער.
— פיינד נישט, נאָר ליעב אויך נישט. אַז איך קען איהם מיר גאָר נישט פאָרשטעלען! האָב ליעב אַ לאָך פון אַ בייגעל אַז איך קען איהם נישט!
— און יודען בכלל קענט איהר?
מיין „יוד" האָט זיך דערפיהלט ווי אַ מויז אין פאַל, ער וואַרפט זיך: אָט אַהין, אָט אַהער.
— פערפאַלען, זאָג איך, איהר האָט נישט ליעב דעם כלל יודען, ווייל פון כלל יודען האָט איהר גאָר קיין בעגריף נישט! אַ לאָך פון אַ בייגעל! (פייזע).
— מיט וואָס, פרעג איך, האַנדעלט אַ יוד?
— מיט שפייז, ענטפערט ער פינסטערליך.
— איהר לעבט שוין אויף דער וועלט אַ יאָהר 50?
— 45! פערבעסערט ער.
— זאָל זיין 45; אין אייער לעבען האָט איהר דערקענט אַ ביסעל נעהנטער אַ 200 יודען... פון זיי וואַרפט איהר האַלב

אין וואַסער אַריין, — די, וואָס זענען נישט פרום, די, וואָס זאָגען הודו פּאַר ברוך־שאמר אָדער פערקעהרט... ווער שמועסט די וואָס דאַווענען גאָר נישט... אפּיקורסים! — אין פייער אַריין... פון דער רעשט נעהמט איהר נאָך אַ שפּאָר ביסעל און וואַרפט אויף דער וואַנד: מיט איינעם האָט איהר אַ פּראָצעס, דער צווייטער אַ קאָנקורענט — קריכט אין דער לעבעו׳, דער דריטער האָט אויף אייך אַ ווערטעל געזאָגט, דעם פערטען זענט איהר געלד שולדיג, דעם פינפטענס ווייב האָט זיך מיט אייער פלונית׳טע געקריגט... די רעשט, וויפיעל עס בלייבט דאָרט, האָט איהר פיליכט ליעב...

ער פערטראַכט זיך, קלערט נאָך און איך שמיער דאָס אייזען אין דער היץ:

— ליעב האָבען הייסט קענען! ליעב האָבען דעם כלל ישראל, הייסט: זיין צוגעבונדען, נישט צו אַ 20—30 יודען, נאָר צו דער גאַנצער לענג פון אַלע דורות, און צו׳ם גאַנצען היינטיגען דור, וואָס איז צושפּרייט און צווייעט... אַ פאָלק איז ווי אַ קאָנוס...

— וואָס איז דאָס ווייטער?

— זאָל זיין ווי אַ היטעל־צוקער: אויבען — אברהם אבינו! וואָס אַראָב געהט אַלץ ברייטער און ברייטער... אונזער היטעל־צוקער... איז אוּיגעמטליך נישט קיין ריכטיגע קאָנוס: אין מיטען האָבען די מייז אויסגעביסען, וואַסער אויסגענעצט... וואָס נידריגער, שפּאַלט זיך און צופּליישט זיך אַלץ מעהר די פיגור... צווישען אונזערע פערשיעדענע טהיילען שווימען דורך וואַסערן, ציהען זיך סטעפּען, פערשפּרייטען זיך לענדער... — ליעב האָבען יודען הייסט: ליעב האָבען די גאַנצע פאָרם! ליעב האָבען הייסט: אַלץ קענען, אַלץ וויסען, אַלץ האָבען אין האַרץ, אין געהירן, אין בלוט!

. . . .

— מען קען נישט זאָגען, — מאַכט מיין שכן אַ פּאָר מינוט שפּעטער, — אינטערעסאַנט איז עס!

— עס איז — זאָג איך איהם — מעהר אַלס אינטערעסאַנט, עס איז אַ נעטהיגע זאַך. עס איז איינס פון די יסודות, וואָס דאָס

גאַנצע יודענטהום, דאָס גאַנצע „היטעל צוקער" שטעהט דערויף...

זעהט איהר, מיר זענען דאָך איין אַלט פאָלק, און דאָך זענען, אין דעם פאַך, אַנדערע פעלקער פיעל קליגער פאַר אונז. און נישט נאָר די איוראָפעאישע פעלקער, וואָס שרייבען, לעזען און לערנען היסטאָריע; נישט נאָר די רוימער, די גריכען, די אַלטע געבילדעטע פעלקער, וואָס האָבען געהיטען זייער געשיכטע ווי איין אויג אין קאָפּ; נישט נאָר אפילו מצרים, פרס־ומדי, וועלכע האָבען זייער היסטאָריע געקריצט אויף שטיינער, אויף ווענד, אויף פיראַמידען, נאָר אפילו די אמת ווילדע, גאַנץ ווילדע פעלקער, האָבען אויך פערשטאַנען וואָס היסטאָריע איז.

די ווילדע שטאַמען אין אַפריקאַ און אַמעריקאַ, געהען נאָך אַרום נאַקעט, ווי אדם וחוה אין גן־עדן; טראָגען, פאַר שעהנקייט ווענען, מעשענע רעדלעך אין דער נאָז, פראָש־שיסעלעך אין די אויבערשטע אָדער אונטערשטע ליפען, לעדערנע בראַסלעטען אויף די פיס, הערנער אָדער געפליגעל־פעדערן אויף די קעפּ! זייער נאַקעט לייב איז אויסטאַטואירט מיט אַלערליי פאַרביגע פיגורען, בעשמירטע מיט פעטס. און אפילו די ווילדע מענשען, ווייסען שוין אויך אַז היסטאָריע איז נעטהיג! און, ווייל די מענער זענען עביג פערנומען מיט קריעג, פיש־חאַפּען און יאַגד, מוזען די ווייבער געדענקען אַלץ וואָס דער שטאַם האָט איבערגעלעבט און דערציעהלען עס ביי יעדער געלעגענהייט —

— אפשר איז עס טאַקי מנהג עכו"ם?

— און די תורה פון וואָס הויבט זיך אָן, נישט פון געשיכטע?

— אויף דעם שטעלט זיך טאַקי רש"י!...

— און צו וואָס דאַרף מען זי פאָרט די געשיכטע?

— איהר האָט עפּיס קינדערלעך? ענטפער איך מיט אַ פראַגע.

— ווי גאָט האָט געבאָטען!

— ווער איז — איך בעט אייך — קליגער, איהר אָדער אייער קינד, וואָס געהט ערשט אויף דער וועלט אַרוים?

ער ווערט ערנסט.

— די אייער זאָגען שטענדיג, אַז זיי זענען קליגער פאַר די היהנער...
— אָבער די היהנער וואָס זאָגען? צי ווּעט איהר געטרויען אַ יונגעל פון 6—7 יאָהר אייער פערמעגען, אייערע געשעפטען?...
— אַוודאי נ י ש ט! משוגע בין איך?
— פאַר וואָס נישט?
— איך וואָלט מיר באַלד געדאַרפט אַ טאָרבע קויפען.
— וואָס איז, אַ זעקס יעהריג יונגעל קען קיין געשעפט נישט פיהרען?
— מן הסתם נישט! וואָס, פראַקטיקע האָט ער?
— און דעריבער אַ פנים, גיט מען דעם פאַר פאָלק נישט אַזוי געשווינד און נישט אויף אַמאָל אַרוים דעם נדן, ווייל צים האַנדלען דאַרף מען האָבען פראַקטיקע און דער יונגער מאַן איז ערשט פון אונטערן איווען אַפּער!
— אַוודאי אַזוי!
— מען זוכט פאַר אַזוינעם אַ יועץ, איין עלטערן שותף.
— מן ה ס ת ם! איהר מיינט, אַז ביי פראָסטע יודען איז שוין גאָר קיין שכל נישט דאָ?
— חס ושלום! איך מיין גאָר נישט. נאָר זאָגט מיר, איך בעט אייך, אָבער מיט דער צייט, ווערדט אוים קינדער לייט?
— א ו ד א י! צו מען זעהט אַ וועלט, מען קריגט פראַקטיקע, מען ווערדט געוואָהר, וואָס גוט און וואָס שלעכט איז, לערנט מען זיך אוים.
— זעהט איהר, אַ פלוסוף האָט געזאָגט, אַז דער נעכטיגער טאָג איז דעם היינטיגענס לעהרער.
— אויף דעם דאַרף מען אַ פלוסוף? אַ חדר יונגעל ווייס דאָס פראַקטיקע! — די וועלט (זיפצט ער אָב) איז אַ טהייערער לעדרער!
— צו פראַקטיקע, דאַכט זיך, מוז מען האָבען זכרון?
— אַוודאי —
— און ווען איינער, חס ושלום, ווערדט קראַנק, למשל, אויף אַ טיפים, און פ ע ר ג ע ס ט אַלץ?

— איז טאַקי שלעכט! מוז מען אָנהויבען פון אַלף־בית... דאָס אייגענע האָט דאָך ר׳ ששת׳ן געטראָפען.

— און ווי איז, אַז איינער, רחמנא־ליצלן, האָט גאָר קיין זכרון נישט, ער איז געבוירען געוואָרען גאָר אָהן זכרון?

— עס טרעפט זיך דען?

— למשל!

— איז אַודאי ביטער ווי גאַל; אַזוינער קען זיך גאָר נישט אויסלערנען, קען קיין מאָל נישט קליגער ווערען... אפילו ביי משותלח׳ס יאָהרען... אָהן זכרון איז אָהן פראַקטיקע.

— און אַ יונגעל פון 6 יאָהר מיט אַ זכרון קען זיין קליגער פאַר איהם?

— אַודאי!

— זעהט איהר! איין זאַך אָבער מוזט איהר נאָך פערשטעהן, אַז נישט נאָר אַ מענש, נאָר אויך אַ פאָלק דאַרף האָבען אַ זכרון! און אַ פאָלקס־זכרון איז די היסטאָריע! אָהן היסטאָריע — ווי אַ מענש אָהן זכרון — קען קיין פאָלק נישט קליגער, נישט בעסער ווערען. פון וואַנען זאָל דאָס פאָלק נעהמען „פראַקטיקע״, אין דער שלעכטער צייט — עצות און בטחון, אַז יעדער דור מיט זיינע צרות און נחת, חסרונות און מעלות, ווערען — „אָבגעשניטען און אַוועקגעלעגט״, אַז וואָס אַריין אין גרוב איז אַרויס פון קאָפּ!

— ווירקליך, זאָגט ער, אין אַ שלעכטע צייט, פערלירען מיר די קעפּ, עפּיס ווערט פון אונז ווי אַ סטאַדע שאָף; ווער עס וויל און „נעהמט זיך הערנער״, ווערט דער טריק; דער שליח צבור!

. . . .

— פאָלגט מיך קויפט אייך גרעץ...

— און געלד? —

בין איך געבליבען אָהן תשובה —

בײַ די פֿרעש צו גאַסט.

קלײן איז דאָס געמויזעכטס, קלענער פאַר מאָנטע-קאַרלאָ, עטליכע מנינים פרעש אין גאַנצען, און איך האָב עס ליעב. דאַכט זיך וואָס? קוואַ און קוואַ? און קווא איז וואַסער, דאַצו נאָך — אונרײן וואַסער. עס דאַכט זיך אָבער נאָר אַזוי. הערט אײַך גוט אײַן צום קוואַ, וועט איהר געוואָהר ווערען שאַטיערונגען, מאָדוליערונגען, הונדערטער קוואַ-וואַריאַנטען; עס צושפּריצט זיך, ווי פונקען פון אונטערן האַמער, אויף טויזענדער בעדייטונגען.

פערהאַן קוואַ — פּלעביסציט! דער גאַנצער זומפּ, אָהן אונטערשיעד פון גלויבען, נאַציאָן, געשלעכט און אַפילו אַלטער. ווערען קלוג געבוירען די פרעש! פערהאַן קוואַ — מאַרסיליעזע: פרעש געהען אויף אַ באַסטיליע, פאַלען ווי די פליגען... פערהאַן אַ תשעה-באב'ער און אַ יום-כפור'דיגער קוואַ... און אַ שוועררער קוואַ, נאָך ציבעלעס, קאַשע, קוגעל, פלייש, עס גרעבצט: „רבקה, קום רבקה...“ און אַ קוואַ פראַנק, פראַנק, לײכטזיניג-קנאַקענדיג: „מאַרגאַריטאַ, פאַר וואָס האָסטו מיך נישט ליעב?“ הײסט עס. — און אַ קוואַ צום הימעל אַרויף, צום בורא עולם, אַ שבח און אַ דאַנק פאַר'ן הימיש-ליעב-וואַרעם פאַטערלאַנד, לעבען זאָל עס! עס איז דען צום אויסרעכענען...

און דאָס קלײנע פאַטערלאַנד פון פרעש, מיט דער אָפיציע-לער קוואַ-שפּראַך און קוואַ-מוזיק, ציהט מיך גאַנץ אָפּט צו זיך. דערהויפּט זומער פאַר נאַכט... און שטאָדט ווערט מען דער-שטיקט... דערשלאָגען פון גאַסען-גערוך, מיט שוויים און שלעכ-טע פערמוכע-געמישט: דער בלענד פון שילדען, שוי-פענסטער

און ברענענדיגע זינד= און הונגער=ברענענדיגע אויגען, פערטויבט פון רעדער אין שפיעל=קאַסטען — —

איהר ווייסט, וואָס שפיעל=קאַסטען זענען? איהר מעגט וויסען, און זאָגען וועל איך אייך: שאַרמאַנקעס, קאַטערינקעס, אָדער ווי מען רופט זיי... נגונים זענען אַריינגע׳כשופ׳ט אין זיי: פון „מאַרגאַריטאַ, פאַר וואָס ווילסטו מיך נישט קושען״, ביז „לא אבדה תקותנו״!.. און אַ שפּאַלט האָט דער קאַסטען, פון אַ קיפּער=נעם צעהנער די גרויס, ווארפסט אַריין און — וואָס דו ווילסט!...

עגטלויף איך, קוים לאַבענדיג צום געמויזעכטס...
זעץ מיך אויף דעם ראַנד פון קליינעם פאַטער=לאַנד...

. . . .

שעהן זענען די פּרעש. סאַמעטן, גלאַט=גרין=גלאַנצענדיג די הויט. דער עיקר אָבער זענען די דריי מעלות וואָס עס האָט דער פראָש:

1) זיי ווערען אין הייבעלעך געבוירען; שוין אזא מזל.

2) טוישען אַלע פיער וואָכען די הויט; ברויכען קיין ווייסע וועש. און — גאָטס גנאָד!

3) די בעוועגליכקייט פון דער אונטערשטער ברעם ביי פּרעש!

געשיהט אַיין עולה אין זומפּ — אין פאַטערלאַנד, אַ ציה אַרויף די אונטערשטע ברעם; בעבער ווי אַ שלאָף=מיץ איבער די אויערן; ג י ש ט געזעהן, ג אָ ר נישט!

. . . .

און אַ בעקאַנטע האָב איך אין זומפּ, זעהר איין אינטערע=סאַנטע. שעהן — ווי נאָר אַ פּראָש קען זיין און דאַצו — קלוג! אחיתופל אַמאָל, ביסמאַרק ערשט נישט לאַנג — סטאָליפּין היינט, קיין פערגלייך.

— אַלץ — זאָגט זי — איז זומפּ.

קהלת האָט געזאָגט: אַלץ איז נאַריש; זי — אַלץ איז בלאָטע. אַלע לעבען אין בלאָטע. ציהען חיונה פון בלאָטע — געמויזעכטס...

— און די פיש! פרעג איך אַמאָל.
— טריעב וואַסער! — מעהר אָדער וועניגער קויט...
— זי האָט — זאָגט זי — דאָרט אויך מחותנים.
— און פויגעל?
זי האָט אפילו קיין ישוב נישט; גלייך דער שכל ליעגט איהר באַלד אויפ'ן שפּיץ צונג:
— לעבען אין דער לופט? און וואָס איז לופט? גיס אין מרחץ וואַסער אויף די שטיינער, ווערט פּאַרע — לופט... שטעל זומער אַ שיסעל וואַסער אויפ'ן פענסטער ווערט לופט...
געלערנט פיזיק?
— און די סאַלאַמאַנדרע?
פערגלייסט זי שוין די אויגעלעך:
— ערשטענס — זאָגט זי — איז אפשר איהר נאַטור אַזוי, צווייטענס — זיך צוגעוועהנט, און דריטענס — איז עס אין גאַנצען אַ לעגענדע...
און טרילערט צו: קוואַ — קוואַ — קוואַ! וואָס האָט געהייסען אויף אונזער לשון:
— בלאָטע, בלאָטע, בלאָטע!

. . . .

— מאַדאַם פראָש — זאָג איך איהר אַמאָל — איך וויל דיר דערצעהלען אַ מעשה'לע!
— דערצעהל!
און אַ געטליך־פערכשופטער שמייכעל צולעגט זיך איבער'ן גרין־גלאַנצענדיג־סאַמעטן פנימ'ל.
— און אויב — גיט זי צו — עס וועט נישט זיין צו נעפעלדיג־מאָדערן, וועל איך עס איבער־דערצעהלען צום דרוקען דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון זומפּ־הויפּישען מאָניטאָר.
— איך וויים נישט... עס וועט, דאַכט זיך, שמעקען מיט קבלה...
זי פערקרימט זיך, ווי נאָך אַ לעק ציטרין און מאַכט רעזיגנירט:
— נו...

— אַ מעשׂה מיט אַ מיידעל אַ קאַליקע...
נאָך אַ פערקרים.

— אָבער אַ זעלטענע קאַליקע. זי קען די אונטערשטע ברעם ניט אַראָבלאָזען, פערשטעלט איהר אַ האַלב אויג...

— נו?

— זעהט זי נישט וואָס עס טהוט זיך נידריגער פאַר'ן אויג. קען, אויף קיין פאַל, נישט קוקען אַראָב. די אויגען זענען שטענדיג, פון געבוירענהייט אָן, בעוועגט אַרויף, נאָר אין דער הויך אַרויף...

— או — פע! חאַפט זיך די דאַמע אַרויס, — אַזוינע מוז דאָך האַלטען אין איין פאַלען... זעהט דאָך נישט, וואָס אונטער די פיס טהוט זיך.

— עבען... און עס איז זי זעהר שווער געווען, אויסצולערנען געהן... וואַקעלט זיך, פאַלט, ווי איהר זאָגט. ערגער איז אָבער געווען דערמיט, וואָס זי האָט מיט דער צייט אויפגעהערט צו זעהן און צו דערקענען איהר יונגער הויז־געזינד, שוועסטערלעך און ברידערלעך...

— אַ סך געווען?

— נישט געצעהלט... שפּעטער, אַז זי וואַקסט אויף, זעהט זי שוין נישט די עלטערע, אפילו נישט פאָטער און מוטער...

— עה! רופט אויס די דאַמע און אינ'ם „קוואַ" — קלינגט עטוואָס שרעק, עטוואָס בעדויערן און דראָהען...

— און די עלטערן, און אַלע קרובים אַרום זענען בייז: „האַלט זיך גרויס און פערשייט", זאָגען זיי, „זי וויל אונז נישט זעהן!"

— האָט מען זי ביי נאַכט, אין דער שטיל — דערוואָרגען?

— ניין. מען האָט געפּרובט זי שיקען אין ש״הל אַריין. דעם לעהרער וועט זי דאָך זעה'ן! אַ היבער, זיצט אויף אַ קאַטעדרע!

— און זי האָט'ן געזעהן?

— אַ קורצע צייט. דערנאָך — נישט אַ האָר; גראָד גאָהל־קעפּיג געווען אויך... האָט ער איהר געגעבען איבער די הענד. האָט זי געשריגען, האָט ער זי אַרויסגעטריבען, איז זי אַנטלאָפען — —

— אַהיים?

— זי האָט מורא געהאַט, מען זאָל זי, ביי נאַכט, אין דער שטיל, נישט ווערגען — אין דער וועלט אַריין!

אונטער דער שטאָדט האָט זי אין דער לופט פויגעלעך דערזעהן... אַ מאַסע...

— פויגעלעך, פויגעלעך, נעמט מיך מיט!

זיי האָבען קיין צייט נישט. און קענען אַפילו נישט ענט־פערן. פליהען צו די נעסטען צו די קינפעטאָרענס אין די נעסטען, פול ווערעמלעך אין מויל... פליהען זיי אַוועק שטילשווייגענדיג...

קומט אָן צו פליהען איין אָדלער...

— אַזוי?

איין אָדלער מאַכט שטענדיג איין איינדרוק, אַ לופטיגער רינאַלדאָ־רינאַלדיני...

— אָדלער, אָדלער נעם מיך מיט!

— אויך קיין צייט נישט געהאַט? אויך צו דער נעסט?

— ניין, דער אָדלער איז אויך עפּיס עלענד געווען...

איינער אַליין אויף אַ הויכען, מיט אַ וואָלקען אַרום־געגאַרטעלטען פעלז — האָט ער געוואוינט...

— פון יענער הויך — זאָגט ער איהר — זעהען אויס, די אַלע, וואָס געהען דאָ, אויף פיער צי אויף צוויי, ווי מילבען...

— איך האָב פיינט מילבען — זאָגט דאָס קאַליקע מיידעל.

— נעם איך דיר מיט! זאָגט דער אָדלער. און ער טהוט עס...

— און ס'איז געוואָרען אַ לעבען! און איינס פון צוויי־טען פערהעהלט נישט, בעהאַלט נישט, האָט קיין סודות נישט — אַ זים לעבען?

— נישט שטענדיג...

פאר קליין און גרויס.

כל זמן דער אָדלער פליהט און רעדעלט איבער איהר קאָפ זעהט זי איהם... ליעבט זי איהם... דאַרף ער פרנסה —

— לאָזט ער זיך אַראָב? אויבען נישט פערהאַן?

— עבען... פערליערט זי איהם פון די אויגען — —

אַ שטאָדט זייגער שלאָגט פלוצלונג: אַכט.

— פאַרדאָן, בעט מיך איבער די דאַמע אין מיט מעשה'לע. זי האָט אַ קאָנצערט אויף אָרעמע לייט אין זומפ, שטעהט ביי די אַפּישען און „ציור“ — זי איז שוין דערינען...

און איך לאָז מיך צוריק, מיעד, פערדראָסען און זויער אין שטאָדט, אין שטוב אַריין, וואַרף מיך אויפ'ן בעט. עס שלאָפט זיך יאָ, עס שלאָפט זיך נישט. און בילדער, אָהן מיין ווילען, אָהן מיין וויסען כמעט, שלאָגען, יאָגען זיך, רייסען זיך, — וויייסט איין גאָט, ווי אַזוי... שוויים, פערפומעם, זינד- און הונגער-אויגען, געמויזעכטס... שפיעל-קאַסטען און ס'ווילט זיך אַזוי ענטלויפען פון דעם אַלעם —

— וואו אַהין?

איך ווייס נישט, ווער עס פרעגט נאָר אַ שטימע הער איך.

— ווען עס איז שלעכט אויף איין אָרט, געהט איבער אויף אַ צווייט אָרט... פון קאַלטען צפון צו די ריוויערע, פון ישוב צום סטעפ, פון טריקעניש צום וואַסער; ווען עס איז אָבער ענג, קאַלט און שלעכט אין דער צייט, קען זיך אין קיין אַנדערער בעסערער נישט איבערטראָגען...

— פאַר וואָס נישט פאָהרען אין דער צייט? שריי איך אויס. פאָהרען נישט היסטאָריקער צוריק ביז אדם וחוה אָהן די גאַרטלען אין גן עדן? פאָהרען נישט נביאים פאָרוועדטס ביז צום שעהנעם יינגעל וואָס פאַשעט מיט אַ רויזען-שטענגעל אַ ציג און אַ וואָלף צוזאַמען!

— איך וויל!

און מיין ווילען — געשיהט.

אַ מאָדנע קאָנסטרוקציע: נישט שיף, נישט קאַרעטע, נישט

לופט באַלאָן און אַלץ צוזאַמען, און עמיץ זיצט פון פאָרנט מיט אַ האַנד אויף אַ קנעפּיל.

— ווער ביסטו? — שריי איך אויס דערשראָקען.

— קוטשער אויפ׳ן וואָגען פון דער צייט —

— פאָהר! אַן־אַוואַן! און איך שפּרינג אַרויף —

— קוואַ! הערט זיך אַ ליידענט אויסגעשריי. מאַראַם פּראָש פאָהרט מיט, איך האָב זי שיער נישט דערדריקט. מיר פאָהרען, ד׳פערגעס זי אַפילו איבערצובעטען! דעם אָטהעם פערכאַפּט עס...

— — — — — — — — — —

ווייסט איין גאָט, וואָס פאַר אַ צייט!

מען נעמט שוין נישט קיין ברויט פון דער ערד, אויס פויערן, אויס פּריצים. די ערד געהער נישט צו קיינעם, און די ערד־פּסיכאָלאָגיע איז פערשוואונדען געוואָרען. אויס פאַטער־לענדער, פון גרינס, דער עיקר פון דערנער, מאַכען חעמיקער ברויט, דערהויפּט פון דערנער. מיר קאָנקורירען מיט די עזעל, נעמע־זים: אַמאָל האָבען עזעל געגעסען און מיר — געהונגערט. און נישט נאָר ברויט, חעמיקער גיבען פיש און פלייש. קיין איינציג טהיער ווערט צוליעב אונזער מאָגען נישט געקוילעט, און צוליעב דעם מאָגען נישט אויפגעהאַלטען. די וואָס האָבען געפאָלגט דאַר־ווין און ספּענצער זענען געוואָרען מענשען, כסדר: נעגערן, צי־גיינער, יודען, פאָלאַקען דערנאָך גאַנצע מענשען; אַנדערע זענען ערגיץ פערשוואונדען געוואָרען. אין מאַנכע מוזעאום געפינען זיך משונה׳נע ביינער: מען זאָגט פון חיות... און מיר עסען נישט נאָר טרינקען. אין פּאַריז ווערט שוין זאָגאַר נישט געטרונקען נאָר גע־ראָכען. מען שמעקט פון אַ פלעשעלע דעם טעם פון פיש, פון פלייש, פון וואָס מען וויל... שפּייז געהט דורך דער נאָז. די ענגלענדער טראָגען אונטער די נאָז צווישעןביידע העלפטען וואָנסען גערוך־עקסטראַקט פלעשעלעך; שטענדיג אָפענע, און זענען שטענדיג זאַט... אויב עס עקזיסטירט נאָך אַ מויל, איז עס נאָר צום רעדען... חופּה וקדושין, סעפּעראַציע און גטין האָבען אויפגע־הערט. נישט דער מאַן שפּייזט דאָס ווייב, ווי אינ׳ם צוואַנציג־

סטען, און נישט דאָס ווייב — דעם מאַן, ווי אינם פינפאונצוואַנציג-סטען יאָהר-הונדערט. יעדערער בעקומט על חשבון הכלל אַ פּלע-שערלע און ער שמעקט.

— — — — — — — — — —

— און וואו זען'מיר אַ צונד?

— די צייט איז נאָך נישט געבוירען געוואָרען, האָט נאָך דעריבער קיין נאָמען נישט.

— אַז זי וועט געבוירען ווערען — זאָגט מאַדאַם פראָש — וועל איך זיין קוואַטערין...

— קען זיין! בעשטעהט דער קוטשער.

איך קוק אַראָב: פולע טייבען אַרום?

און עפּיס הער איך געשרייען:

— איז נישט דאָ קיין הונגעריגע צו זעטען? קיין לעבצענ-דיגע צו דערפרישען? קראַנקע צו היילען?

און אַנדערע:

— ווייסט איהר נישט פון אונטערדריקטע מענשען, לענ-דער, פעלקער, רעליגיאָנען — צום בעפרייען?

נישט דאָ!

אַלע קלוג — קיינער וויל נישט אונטערדריקען, וויסענדיג, אַז די אונטערדריקטע שטאַרקען זיך און די אונטערדריקער פער-געהען פאַר — וואָהלטאָג... און וואו נעמט מען קראַנקע, אַז עס איז איינגעפיהרט געוואָרען מיעטשניקאָוום סיסטעם, און קיין איינ-ציג גליעד שטאַרבט נישט אָב פאַר דער צייט. נאָר אַלע געהען אוים אין איין מאָס אין איין צייט, אַלץ לעשט זיך אוים צוואַ-מען און איינער טויט נישט דעם צווייטען... קיינער שלעפּט נישט מיט זיך קיין טויט אָדער רויט גליעד... און די נשמה מיט'ן גוף געהען אויך אוים מיט איין מאָל, ווי פלאַם און בוימעל אין אַ לאָמפּ. נישט פערהאַן קיין גופים אָהן נשמה און נישט פערקעהרט. און דעריבער אויך: קיין ווילען אָהן דער מעגליכ-קייט אויסצופיהרען און קיין מעגליכקייט אָהן ווילען. פאַלשע אַפּעטיטען, פלירט, צווישען טאָג-און-נאַכט חלומות — פערשוואונדען! ווכוחים האָבען נאָר אין גאַנצען אויפגע-

הערט. אַלע האָבען די זעלבע אינטערעסען, אין אז דער טעלעפאָן קלינגט, וועמען גלוסט זיך אויפצוהויבען? מען זיצט און מען גענעצט...

אַ לאַנד־, אַ וועלט־קרענק דאָס גענעצען. „שלום עליכם״ איז אַראָבגעקומען און געלעזען — מען גענעצט!

— אַמאָל, — זיפצט איין אַלטער און גענעצט — פלעגען לייבען, בערען בעפאַלען — אַזוי דערצעהלט מען.

— און היינט?

— עלעקטריש אויסגעשאָסען! אַלע שעדליכע טהיערע...

— און די אָדלער? פרעג איך.

— ביז צו איינעם.

— ביי איינעם איז געווען אַ מיידעל, צי אַ ווייבעל אַ קאַליקע מיט האַרטע אונטערשטע ברעמען...

— קען זיין — אין דער היסטאָריע ווערט דערמאָהנט, אז דער לעצטער אָדלער איז אַרום־געפלויגען אַרום ביינער פון אַ מענש... אַ זכר צי אַ נקבה, ווייסט מען נישט און (ער גענעצט) אַלץ איינס...

— און עס איז שוין — גענעצט ער — קיין ערד־ציטערניש נישט געווען...

— טרייב קוטשער, טרייב!

— — — — — — — — — — — —

— אַ יריד?

— ווי האָט איהר אין אַזאַ צייט — האַנדעל?

— טרייבען זיך רוחות אַרום?

— פון רוחות שוין לאַנג קיין זכר נישט!... אַפילו קיין קיילעכדיגע טישלעך צום קלאַפען.

— ווילען מיר אַראָב זעהן. איבערלאָזען דאָס קנעפיל ביי מאַדאַם פראָש אין דער האַנד?

— דאָס נישט. די צייט פאַר פרעמדע איז עס נאָך נ י ש ט...

מען וועט אייך צורייסען. קיקט בעסער פון דער הויך.

ער דערלאַנגט מיר אַ פערגרעסער־גלאָז:

עס ווימעלט דער מאַרק!

וואָס אין אַזאַ צייט קען זיך טרעפען?

אַז עס איז אין פראַנקרייך אַרוים די גזרה קעגען די גלחים, האָט זיך אַ גלח, פאַר האַרץ-קלעמעניש אָנגעזאָפּט מיט שאַר-טרעס, און ערגיץ אין ווײַן-קעלער אײַנגעשלאָפען. פון פראַנקרייך איז אָהן די גלחים, ווי פון הישפּאַניען אָהן יודען — אַ באַרג אַש געוואָרען. אָן גלח האָט מען פערגעסען, ליעגט ער אין לעטאַרג; געהט אײנער פון דער גענעץ-מדינה און גראַבט זיך, אַבי עפּיס צו טהון, לעבענדיגערהייט אַ קבר, געפינט ער'ם, טראָגט'ם אין מאַרק אַרײַן, האַפּט זיך דער צושאָקעלטער גלח אויף —

פרעגט מען איהם, ווי לאַנג ער שלאָפט; ווייסט ער נישט.

— האָט מען אין דיינע צייטען אויך גענענעצט?

דערמאַהנט ער זיך.

— יאָ: לאָרדען אין ענגלאַנד —

— און אַזוי?

— נישט...

— וואָס פלעגט מען טהון?

— כּל זמן די גלחים זענען געוועזען האָט מען געדאַ-ווענט; געווײַלט זיך אין קלויסטער...

— בטלנות!

— קאָנצערטען, אַזוי און אויף אָרעמע לייט... שפּיעל-קאַסטען פלעגט מען אַרום-טראָגען אין די גאַסען...

— מיר האָבען קנעפלעך, מען גיט אַ דריק, הערט מען וואָס מען וויל, און דעריבער — וויל מען נישט, אָדער מען הערט און מען גענעצט...

— פאָעטען פלעגען זיך פרעהען מיט זאָגען-אויף-און אונטערגאַנג...

— ביי אונז איז שטענדיג זון. אַ וואַכענדיגע ביי טאָג, און עלעקטרישע ביי נאַכט.

— ווינטער אין די גרויסע קעלטער פלעגען אָרעמע לייט נחת האָבען, אַז זיי האָבען אַרויסגעשטעקט אַ פוסער פון אונט

דער קאָלדרע און צוריק אַריינגעהאַפּט; איין אַנגענעהמען ציטער געכאַפּט.

— מיר האָבען קיין „וואָרם" און קיין קעלט. מיר האָבען דורכגעגראָבען די ימים און די טריקעניש, און צוטהיילט די עלעקטרי אַזוי אַז אומעטום מעסיגע טעמפּעראַטור.

— איך געדענק נאָך אַ זאַך — זאָגט דער מאָנאַך — נאָר עס חלש'ט מיר ס'האַרץ: גיט מיר אַ ביסעל וויין.

ער האָט וויין-פּולווער געשמעקט, בעדויערט דאָס אויג, וואָס האָט פון וויין קיין נחת נישט, און געזאָגט:

— מיליטער פּלעגט מאַרשירען איבער גאַסען. דער עולם, יונג און אַלט, פּלעגט נאָכלויפען פרעהליך לעבעדיג און יאָבצען...

— וואָס איז אַזוינס מיליטער?

— סאָלדאַטען מיט מונדירען און געוועהר, אָפיצערען מיט שליפעס, אַקסעלבענדער —

— און וואָס איז אַזוינס מונדירען און די אַנדערע זאַכען, וואָס האָסט אָנגערופען, גלח?

— גיט מיר נאָך אַ שמעק וויין, דען איך בין מיעד און מיין געדעכעניש — אָבגעשוואַכט.

און מיט אַ בליהענדיגער נאָז האָט זיי אַלץ דער גלח פערטייטשט. און אומר ועושה: שוין דאָ מיליטער מיט געוועהר, אָפיצערען, גענעראַלער, איין אָבערגענעראַל — —

און דאָס מיליטער מאַרשירט און גענעצט; און דער עולם קיקט און — גענעצט.

— ביסט אַ ליגנער, גלח!

— ניין —

— עס איז דאָך מונדירען, אַקסעלבענדער, שליפעס, טרעסטען, געוועהר!

— געוויס — נאָר אָהן סאָלדאַטען... איידער עס ווערט בלוט פערגאָסען, איז דאָס מיליטער קיין מיליטער נישט!

גיט זיך דער עולם אַרום אַ ריהר און עס ווערט אַ מהומה, געלאַרם:

— בלוט זאָל פערגאָסען ווערען, בלוט! אַבי נישט גע-
געצען... שיסט, שטעכט, קעפּט...
— וועמען? פרעגט דער אָבערגענעראַל —
— אונז, אַלע — אַבי נישט געגעצען! אַבי נישט געגעצען!
פאָלקס-ווילען איז גאָטס ווילען —
— יאָ, דערמאַהנט זיך דער גלח, נאָך געווען גוטע
זאַכען: מעשיות... פון בת מלכה'ס... מיידלעך מיט אונטער-
שטע אינבעוועגליכע ברעמען —
זיין שטימע אָבער ווערט פערטרונקען אין געשיסעריי!
— ווייטער, רוף איך צום קוטשער מיט שרעק —
און פלוצלונג האַפּט מיך אָן אַ ווילדע תאוה בלוט צו פער-
גיסען...
איך האָב מאַדאַם פראָש און ווערג, און ווערג, און
ווערג...
— דאָרט, וואו די צעדער!
וועקט מיך אַ שפּיעל-קאַסטען פון הויף.—

דער פרוש מיט'ן בער.

אַמאָל איז געווען אַ יוד, וואָס האָט נישט געקענט פער־טראָגען קיין עולות. איז ער געגאַנגען און האָט איבערגעגעבען דעם ווייב דאָס קלייטעל, וואָס ער האָט געהאַט, און איז געוואָרען אַ היים־זיצער, און איז געזעסען פערמאַכט אין שטוב על התורה ועל העבודה, הן אין נגלה, הן אין נסתר...

האָט ער אַ פּנים אין דערהיים, צווישען אייגענעם הויז־געזינד, אויך עולות געזעהן, האָט ער זיך מישב געווען און איז גע־וואָרען אַ פּרוש — פערלאָזט די היים און געזעצט זיך לערנען אין קלויז. זיצט ער אין קלויז.

יאָגען איהם אָבער די עולות נאָך און קומען צו איהם אין קלויז אַריין. אַפילו ביי נאַכט, קומט אַריין זיך אָנוואַרעמען אַ נאַכט־וועכטער, איין אורח קומט שלאָפען, צי אַזוי — אַ יוד קען נישט שלאָפען און פערבלאָנדזיעט אין קלויז אַריין, זעצט מען זיך ביים אויווען און מען רעדט... און פון וואָס מען זאָל נישט רעדען, הערט אַלץ דער פּרוש עולות און עולות.

איז ער זיך ווייטער מישב און פערלאָזט די שטאָדט און לאָזט זיך אין דער וועלט אַריין, אויסזוכען אַ שטאָדט אָהן עולות; געפינט ער נישט: איין וועלט אומעדום.

פערלאָזט ער דעם גאַנצען ישוב. געהט ער וואַלד אויס, וואַלד אַיין, איבער בערגער און טאָלען, ביז ער קומט צו צו אַ וואַסער. ווי דער טייך הייסט, האָט ער אַפילו נישט געוואוסט, נאָר ביי'ם טייך איז געשטאַנען אַ חורבה פון איין אַלטען פּאַלאַץ, ווייט פון שטערט און דערפער, האָט ער זיך דאָרטען בעזעצט און אָנגעהויבען עוסק צו זיין אין קבלה.

פון עולות קען מען אָבער נישט ענטלויפען... פון צייט צו צייט צולאָזט זיך דער טייך, קעהרט איבער שיפלעך, רייסט אָב פון דער יבשה שטיקער לאַנקעס מיט גראָז, שטיקער פערזייעטע פעלדער... און צווישען די פיש איין עביג געשלאַנגעריי! לאָזט עס איהם נישט רוהען, נישט שלאָפען און ענטלויפען האָט ער שוין נישט וואו אַהין...

ליעגט ער אַזוי און טראַכט, און טראַכט: ער וויל דערגעהן, פון וואַנען עס נעהמען זיך גאָר אין גאַנצען די עולות?

פאַלט איהם איין, אַז די עולות קומען דערפון, וואָס די נשמה פון דער וועלט איז איינגעשלאָפען... און עס איז נישט אַזוי ווילד, ווי עס דאַכט זיך.

למשל: דער עולם קטן — אַ מענש. כל זמן די נשמה איז וואַך, טהוט ער וואָס עס טויג איהם, פלאַן-מעסיג, על פי שכל, אַלע אברים פאָלגען די נשמה. שלאָפט אָבער אַ מענש איין, די נשמה — דער מושל איבער'ן גוף, דרימעלט איין, הויבט אָן דער גוף צו וואַרפען זיך אָהן סדר, אָהן אַ ציעל און יעדעס אֵבר פאַר זיך, איין האַנד אַהין, די אַנדערע אַהער, דער קאָפּ בעזונדער, דאָס לייב בעזונדער — אָהן שכל... און מען קען געשעדיגט ווערען...

עולות זענען אָהן שכל... די וועלט וואַרפט זיך, צאַפּעלט אָהן אַ סדר; און די נשמה פון דער וועלט איז איינגעשלאָפען, און יעדעס שטיק וועלט טהוט זיך זיינס, נישט לטובת הכלל...

איהר פערשטעהט? יאָ צי ניין, אַזאַ געדאַנק האָט ער געהאַט.

קומט ער צו דער דעה, אַז איין פלאַן איז פערהאַן: די נשמה פון דער וועלט צו וועקען. האַפּט זי זיך אויף — וועט ווערען אַ סדר, וועט אויפהערען דאָס צאַפּלען, דאָס רייסען זיך, דאָס שלאָגען זיך צווישען די אברים פון דער וועלט...

ווי אַזוי אָבער וועקט מען די נשמה פון דער וועלט.

אויף דעם זענען פערהאַן עצות אין די הייליגע ספרים...

מען דאַרף טהון וואָס מען דאַרף, זאָגען וואָס מען דאַרף-

דערצו אָבער דאַרף מען כונה, מען מוז זיך אָבגעבען דערצו מיט'ן גאַנצען האַרץ מיט מסירת נפש, אַז נישט צופליהען זיך די ווערטער אין אַויר און גאָר נישט...

עס מוז בעשאַפען ווערען אַ ז ו י נ ם, וואָס האָט פליגעל צו פליהען און — אַ נשמה, וואָס ווייסט וואו אַהין צו פליהען און וואָס דאָרט צו פערלאַנגען, כּידוע...

מילא ביי טאָג איז נישט מעגליך. ער לאָזט זיך טיעף אַריין אין דער מחשבה — גיט ערגיץ אַ קראָה אַ געשריי, אַ פויגעל — אַ זינג, ערגיץ פון ווייט הערט זיך אַ קללה פון אַ פויער ביים אַקער אויף דער האַרטער ערד, וואָס איז איהם פוגם דאָס אַייזען — נאָר ביי נאַכט, אַמבעסטען צו חצות...

טהוט ער אַזוי...

און ער פיהלט, עס געהט! נאָך אַ נאַכט, נאָך אַ נאַכט...

ווערט אָבער געוואָהר דערפון דער בייזער שר פון טייך, זאָגט ער: לא! עס וועט נישט שטיל זיין! און קוים לאָזט זיך דער פרוש טיעפער אין די כּונות אַריין, גיט זיך דער שר פון טייך אַ וואָרף, הויבט דער טייך אָן צו זיעדען און צו רוישען און צו שלאָגען פאַליעס און צו רייסען די ברעגעס, עס ווערט אַ מהומה און דער פרוש פאַלט אַרוים פון דער מחשבה, ווי אונטען דער שיפער פון שיפעל...

זעהט דער פרוש, אַז ער האָט קיין אַנדערע עצה נישט, נאָר אָבצורוקען דעם טייך מיט'ן בייזען שר... דען אַליין אַוועקגעהן אין זוכען אַ חורבה נישט ביי קיין וואַסער, ווילט זיך איהם נישט, ווער ווייסט, ווי לאַנג ער וועט זוכען, און צי ער וועט געפינען, און דערווייל וואַקסען די עולות און מאַכען חרוב די וועלט...

מילא, אַוועקצורוקען דעם טייך איז ביי איהם אַ קלייניגקייט, ער האָט אַ שם דערויף... האַלט ער עקסרא אַ תענית און נאָכ'ן תענית איז ער זיך פּלוצלונג מתכוין צום שם און דער טייך רוקט זיך.

דער שר ווערט אַש להבה — נאָך פּערפּאַלען, דער שם איז אָבגעזאָגט, נוקם זיין וויל ער זיך אָבער, צורודערט ער שטאַרקער דעם טייך, עס ווערען גרויסע פּאַליעס, חאַפּט ער איין פּאַליע און וואַרפט אַרוים אויף דער יבשה, צו דער חורבה צו, ווערט אויף דער יבשה פון דער פּאַליע אַ בער, אַ שוואַרצער צוויטיגער בער, לויפט ער מיט פייערדיגע אויגען אַרום חורבה און ווען דער פּרוש וויל האָבען כּונה הויבט ער אָן ברומען און ברילען און וואַרפען זיך, אַז דער פּרוש פאַלט ווייטער פון דער מחשבה...

וואָס בלייבט איהם, דעם פּרוש, צו טהון?

ער וועט דאָך נישט הרג'נען דעם בער! אָנהויבען מיט איין עולה? דען באמת, וואָס איז דער בער שולדיג? ער לעבט, זאָל ער לעבען!

פאַלט איהם דעם פּרוש איין, דעם בער רוהיג צו מאַכען. מאַכען אַ לייט פון בער! זאָל ער, האָטש אַ בער, וויסען וועגען וואָס עס געהט. ער וועט הויבען דעם בער, מתקן זיין און הויכען זיין נשמה — —

נעמט דער פּרוש און געהט איינמאָל אין דער פריה אַרויף אויף אַ שפּיץ=חורבה, שטעלט זיך און קוקט אַראָב אויפ'ן בער.

דערזעהט'ן דער בער פון אונטען, ווערט ער מלא חימה, הויבט ער אָן רייסען מיט די פּעדערשטע פיס די ערד, און ברומען, און ברילען, און שפּרינגט אונטער מיט אַ שוימענדיג מויל און בלוטיג=פלאַמענדיגע אויגען.

מיט גרים=צאָרן קוקט דער בער אַרויף צום פּרוש, מיט רחמנות אָבער און ליעב=שאַפט קוקט דער פּרוש אַראָב צום בער און עס ווערט אַ מלחמה צווישעןביידע פּאָר אויגען, צווישען די אויגען מיט ליעבשאַפט און רחמנות און די אויגען מיט האַס און גרים=צאָרן.

זענען אָבער דעם פּרוש'ס אויגען שטאַרקער און הויבען אָן גובר זיין די אויגען פון בער.

לאַנג, לאַנג האָט געדויערט די מלחמה. צווישען צוויי פּאָר אויגען, צווישען צוויי הערצען און צוויי נשמות...

אָבער אַז די זון האָט זיך געהויבט אין מזרח זייט איז שוין שטיל געוואָרען. דער בער — אַז די זון איז געקומען אין מיט הימעל אַריין, איז ער שוין פאַר דער חורבה אויף אַלע פיער געלעגען, ווי איין אונטערטעניגער הונד, און אַז די זון איז אונטערגעגאַנגען האָט זיך דער בער שטיל אויפגעהויבען, אַרויפ־געשיקט צום פרוש אַבליק מיט בקשה ותחנונים און איז צוגע־גאַנגען צום טויער און האָט שטיל אָנגעקלאַפּט, און „געסקאָמליעט", ווי אַ הינד, מען זאָל איהם עפענען...

דער פרוש האָט גובר געווען, אונטערגעגעבען האָט זיך דער ווילדער צוויטיגער בער, זיין הינטיש „סקאָמלען" בעטייט: לאָז מיך צו דיר, ווי אַ הונד וועל איך דיר דיענען, צו דיינע פיס ליעגען, דיינע הענד לעקען, דיר געטריי אין די אויגען קיקען און טרעפען דיין פערלאַנג, און אַז דו וועסט דיך פערטראַכטען וועל איך ליעגען ציכטיג און שטיל, אפילו קיין פליעג נישט חאַפּען —

און דער פרוש האָט איהם געעפענט, און דער בער איז אַרויפגעגאַנגען צום פרוש און האָט זיך געלעגט שטיל צו זיינע פיס, און זיינע אויגען האָבען געזאָגט:

— דו ביסט מיין גאָט... איך האָף צו דיר, און גלויב אָן דיר... דיינע געדאַנקען זענען הייליג, מיט דיינע כונית וועסטו וועלטען איבערבויען...

און דער פרוש גלעט מיט ליעבשאַפט דעם בער, זיין היימיש געמאַכטען בער, דעם בער, וואָס גלויבט אין איהם — און פערטראַכט זיך, און וויל זיך אַריינלאָזען אין זיינע מחשבות, זיך מתכוין זיין צו דעם וואָס מען דאַרף, אויפצווועקען די נשמה פון דער וועלט...

ער האָט אָבער שוין נישט געהאַט פון וואָס צו טראַכטען...

ער אַליין האָט שוין די גאַנצע פריהערדיגע נשמה נישט געהאַט...

מיט וויפיעל דער בער איז אַרויף צו איהם, מיט אַזוי פיעל איז ער אַראָב צום בער...

אין ער דערפיהלט אַ מיעדיגקייט אין אַלע גליעדער, די ברע־מען פאַלען איהם איבער די אויגען און ער הויבט זיך אויף און געהט וואַקעלדיג צו'ם געלעגער —

דער בער געהט איהם נאָך, לעגט זיך נאָהנט ביי'ם גע־לעגער —

עס וועלען קיין עולות נישט אויפהערען. דער בער איז גע־וואָרען אַ שטיק מענש, און דער מענש אַ שטיקעל בער —

און דער פרוש, וואָס שלאָפט שוין צוזאַמען מיט'ן בער, וועט די נשמה פון דער וועלט נישט וועקען. —

די אַכטע אַבטהיילונג אין גיהנום .

— — — — — — — — — — —

מיעד , פערמאַטערט ליעג איך אויף מיין געלעגער און ווייל זיך דערמאַהנען , ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט :

אויף אַ פערזאַמלונג בין איך געווען , אַ רעדע געהאַלטען .

פלאַם פייער האָב איך געשיט ! מיט פיילען געשאָסען . . .

ווי מיט אַ בלויזען , שאַרפען שווערד האָב איך דעם עולם געפאָכט !

און איך רעד , און איך הער מיך צו צו מיינע רייד ; און האָב נחת פון זיי ! איך בין דער העלד , האַלט מלחמה פאַר אַלץ , וואָס איז שעהן און גוט . איך בין דער קעמפער פאַר פרייהייט און פאַר אַלע גוטע , זיסע און שעהנע זאַכען , וואָס ערוואַרטען אונז אין דער וויי טער צוקונפט , וואָס קומט דאָך אַלץ נעהנטער און נעהנטער צו אונז !

און איך רייס אַרונטער די מאַסקע פון'ם שקר און שטעל איהם צום שאַנד-זייל ; איך רייס פון איהם אַראָב די קליידער פון לייב , און שטעל איהם בלויס — פול קרעץ און וואונדען . . .

מיט אַמאָל דאָך בין איך פערשוויגען געוואָרען !

די קראַפט איז אָבגעשוואַכט , דאָס פייער אויסגעלאָשען , און די צונג אין מויל איז אַ שטיק בליי געוואָרען .

וואָס איז מיר אַזוינס געשעהן ?

רעדענדיג האָב איך נישט ווילענדיג די אויגען אויפגעהויבען , און אַנטקעגען מיר איז אַ שפּיגעל געהאַנגען . און איך האָב מיך דערזעהן , מיינע אויגען דערזעהן : אַ שלעכטער גלאַנץ ברענט

אין זיי, אַ מאָרגנע פייער׳ל. נאָר נישט מיינע אויגען! און דאָך בעקאַנט זענען זיי מיר. אַמאָל האָב איך אַזעלכע אויגען געזעהן.

ערשט איצט דערמאָהן איך זיך, ווען.

אין אַ קאַזאַרמע האָט מען אַ זעלנער געשמיסען. זיינע ברי־דער, די סאָלדאַטען, וואָס האָבען די שמיץ געגעבען, האָבען אַזעלכע אויגען געהאַט, און די אויגען האָבען געזאָגט: היינט שמייסען מיר דיך, מאָרגען וועסט דו אונז שמייסען — און מיר שמייסען שוין פאַר מאָרגען אויך!

אין שפיגעל האָב איך מיך דערזעהן! נישט ווי אַ צוקונפטס־העלד האָב איך אויסגעזעהן, נאָר ווי אַ געשמיסענער, וואָס שמייסט!

פערשווינגען בין איך געוואָרען... און די צוהערער? זיי האָבען פריי אויפגעאָטהעמט; ווי איז אַראָב אַ שטיין פון האַרץ!

אַזוי ווי די בהמות אין פעלד נאָך אַ שרעקליכען האָגעל האָבען זיי זיך געפיהלט! ווי קינדער, וואָס זיצען אין דער פינ־סטער, אַז מען ברענגט זיי פלוצלונג אַ ליכט אַריין! ווי הינקע־דיגע, וואָס שטעהען אונבעהאָלפענע אָנגעשפאַרט אָן וואַנד, אַז מען דערלאַנגט זיי די קוליעס וואָס זיי האָבען אַראָבגעלאָזט און קענען זיך פריי בעוועגען.

אין אַ ווינקעל מאַן חאַפּט אָן זיין פריילין ביי דער האַנד און פרעגט: „ערלויבט יעצט? ערלויבט?" און זי שאָקעלט מיט איהר שעהנעם קאָפּ און ענטפערט מיט אַ זיסען שמייכעל: „ערלויבט! ערלויבט!"

און איך בין פון דער אסיפה ענטלאָפען.

מיעד און צובראָכען ליעג איך אויף מיין געלעגער. די לבנה שווימט און קוקט צו מיר אין פענסטער אַריין.

דער שיין פון דער לבנה, זאָגט מען, איז מסוגל צו חשבון הנפש, צום אַריינקוקען אין זיך אַליין... איך שפּי דע־

רויף! קען איך נישט אויף דער לבנה, שפּיי איך צו דער סטעליע...

אָבער וואָס איז דאָס?

צוויי אייגען שווימען אַרוים פון דער וואַנד און קיקען, אַ כשוף-מאַכערין די לבנה! איינס פון איהרע קונצען...

אָבער וועמעס אויגען זענען דאָס?

זענען דאָס די אויגען פון די זעלנער, וואָס שמייסען זייער ברודער, אָדער די אויגען פון די, וואָס פלעגען מיך אָבּ-האַלטען אויפ'ן וועג פון איין מיראַזש צום צווייטען און פרעגען: ווילסט נישט אַ גלאָז וואַסער?

אין די אויגען קוקען אויף מיר נישט מיט כעס און נישט מיט קיין בעזונדערן חן. אַרום זיי בעוועגט זיך אַ ווייס, בלייך פּנים, אַמ שווימען נאָך אַרוים אַ באָרד און פאות ווי שניי, אַ ספּאָדיקעל... ענדליך אַ גאַנצער קאָפּ...

— ווער זייט איהר, רב איד?

הערט ער נישט.

— ווער זייט איהר, אַלטער?

בעוועגט זיך דער שאָטען און ענטפערט:

— איך? איך בין דער „שבט מוסר"!

געפעלט מיר דער וויץ. געה איך איין אויף דעם לבנה-שפּאַס און זאָג:

— שלום עליכם איך, „שבט מוסר"!

ענטפערט ער מיר: „עליכם שלום", ווי דער שטייגער איז, און ריהרט זיך און געהט נעהנטער צו צו מיר — —

אַ קלייניגקער איז ער, דער „שבט מוסר", אָבער אַ גלייבער. איינפאַכע מאַניערען, אין די אויגען תמימות... נאָר קיקען קוקען זיי גליך און זיכער, גלייך עס וואָלטען אויף דער וועלט קיין ספקות נישט געווען; גלייך אַלץ, וואָס מען זעהט איז אַזוי איינפאַך און זיכער... און זיין קול איז איינפאַך קלאָהר, אָהן אַ פאַרב, אָהן אַ ציטער. וואָרט פאַר וואָרט שיט זיך איהם פון מויל, ווי זאַמד, יעדעס וואָרט האָט זיין ממשות...

— דאָס האָט איהר דאָך דאָס גיהנום בעשריבען?

— איך!

— און איהר האט'ם ריכטיג בעשריבען? נישט צוגעלעגט, נישט אראבגענומען? איהר מוזט דאך איצט וויסען, מיט אייגענע אויגען געזעהן!

ער בעליידיגט זיך נישט, און ענטפערט אויסמיידענדיג;

— איך האב איהם אויך ביים לעבען געזעהן.

— ביים לעבען?

— געוויס.... אין חלום...

— און עס איז ווירקליך אזוי ווי איהר האט עס אויסגעמאלט, ווי איהר האט עס אין חלום געזעהן?

— עס איז גרעסער געווארען... מען האט צוגעגעבען איין אכטע אבטהיילונג...

— נאך וואס? פאר וועמען?

— ווילסט וויסען?

— די אכטע אבטהיילונג, — דערצעהלט דער „שבט מוסר״ — איז פאר דיר און פאר דיין גלייכען ציגעקימען; פאר אלע גייע זינדיגע, פאר די „מאדערנע״ ווי איהר רופט איך...

— וואס איז דער אונטערשיעד?

— הער: א מאל איז צווישען גוף און דער נשמה א שטענדיגע מלחמה געווען. די נשמה, א טהייל פון זיין ליעבען נאמען, האט זיך אלץ צום הימעל געריסען, ארויף, ארויף צו דער הויך האט זי אלץ געוואלט; און דער גוף, דער שמוציגער גוף, די „טפה סרוחה״, האט אלץ געצויגען אראב, אראב, זינקען האט זיך איהם געוואלט, זינקען אין שמוץ און אין מיאוס'קייט... האט מנצח געווען די נשמה מה טוב! האט אבער גובר געווען דער גוף? נו, האט דער גוף זיין פסק געקריגען. ער האט דאך געזינדיגט!

מיט וואס קען מען שטראפען א גוף? מיט הייסע ברענענדיגע סמאלע, מיט פייער, מיט וואסער, מיט שלאנגען, מיט

ענדישען און מיט אַלערליי קאַטאַרזשנע ארבייט אין מדבר, אין וואַלד, אין חורבות פון הייזער, וכדומה.

דערצו האָט מען די אַלטע „שבעה מדורי גיהנום" בעשאַפען, זיבען אָבטהיילונגען, און יעדער פלעגט אין זיין אָבטהיילונג איבערקומען זיין פסק און זיין צייט.

היינט אָבער זענען אַנדערע צייטען געוואָרען און — אַנדערע זינד...

די נשמות מאַכען אַבונד... די נשמות רעוואָלטירען! די נשמות האַלטען מלחמה מיט אַלע זיעבען הימלען, מיט גאָט און זיין נאַטור... אַלץ דאַרף בעסער זיין, אַלץ ווילען זיי איבערמאַכען און מיט'ן קאָפּ אַראָב איבערקעהרען!

נישט קערפּער זינדיגען איצט, נאָר די נשמות! אונגעדולדיג, שטויסט איהם צום קץ, פאַר דער צייט אַראָבברענגען משיח'ן. די אויגען קריכען אייך אַרויס! און איהר ווירטשאַפט, גלייך עס וואָלט אייער וועלט געווען, און איהר קאָמאַנדאָוועט, גלייך די מענשהייט וואָלט אייער פערקויפט מיליטער געווען... פאַר אייך איז אין די שבעה מדורי גיהנום קיין פלאַץ נישט געווען.

— און אין דער אַבטער אָבטהיילונג איז קיין ברענענדע פּסאָלע נישטאָ?

— ניין.

— און קיין פייער און קיין וואַסער?

— נישט...

— און שמייסען שמייסט מען אויך נישט?

— קיין זכר פון ריטער!

— און עסען און טרינקען און שלאָפען קען מען דאָרט?

— אַפילו לעזען און שרייבען און אַרויסגעבען...

— מיט וואָס דען שטראָפט מען?

— זעה, פון מערב זייט ציהט זיך אַ שווערער וואָלקען, צו דער לבנה שווימט ער, דעקט ער זי צו, פערשווינד איך; נאָר אין איהר ליכט קענסט דו מיך זעהן... פויל רוקט זיך דאָך

דער וואָלקען, וואָס איך וועל קענען, וועל איך דיר איבערגעבען,
אײַלען דאָך מוז איך מיך... הער!...

מען נעמט, צ. ב. ש., אַ מענש, וואָס האָט, ווי דו, קיין צייט נישט געהאַט, און מען שטעלט איהם אַ נאַקעטען פּאַר אַ באַרג מיט שניי. שטעהט ער. ער שטעהט און באַלד פאַלט איהם אײַן, מען דאַרף דעם שניי צוצולאָזען און דערפון וואַסער מאַכען, ווערט דערפון אַ שטימונג. אַזוי רופט איהר דאָך עס? און פון דער שטימונג אַ פערלאַנגען, פון פערלאַנגען אַ ליידענשאַפט: ער מוז! און ער לויפט צו צום שניי באַרג, און וואַרעמט איהם מיט'ן לייב, ער נעהמט איהם אַרום, בעהעפט זיך אין איהם, עטעמט אַריין מיט היץ, שפּאַרט זיך און איהם אַריין מיט לייב און לעבען.

— דער שניי מוז צוגעהן... וואַסער מוז זיין, וואַסער פליסט, וואַסער איז בעוועגונג, וואַסער איז גליק.

— און שרים טרייבען אינטער?

— נאָך וואָס? די תאוה טרייבט בעסער! און ער שנייט זיך אַריין אינ'ם שניי אַלץ טיעפער און טיעפער, און פון וואַנען ער רוקט זיך אָב, ווערט צוריק געפרווירען און ער אַרבייט אַרום־געריננעלט מיט שניי, און שניי באַרג אין דער פינסטער, וואָס צופלאָסען ווערט געפרווירען.

— און?

— און ער מאַכט פון שניי — אײַז!

— שרעקליך!

און איין אַנדערן נעמט מען און מען שטעלט איינעם אליין אין אַ פעלד, אויף אַ האַרט לעהמיג פעלד,

איבער'ן קאָפּ — אַ וואונדערבאַר שעהנער הימעל, אָהן אַ לייכט וואָלקענדעל, ריין, אָבער פּאַר דאָס, אייך ריין פון זון,

לבנה און שטערן ... וואָרען — איז דען אַ הימעל פערהאַן ? עפּיס אַ בלאָה ליילעך, אַ פּרוכת... וואָס נישט ? טראַמפּעלט ער אַרום אין לעהם, איינער אַליין, ווי אין אַ מדבר... ער איז דאָך דער איינציגער וואָס לעבט, פיהלט, טראַכט און דענקט!

פאַלט אָבער אויף איהם איין אומעט, ער וויל לעבען אַרום זיך ... געפינט ער עס נישט, וועט ער עס מאַכען! ביים לעבען, האָט ער פאַר טויזענדער געליטען, פאַר צעהנדליגע טויזענדע געווירקט, פאַר צעהנער טויזענדער גערענקט! זיין נשמה איז דאָך די נשמה פון מיליאָנען געוועזן! איז ער קיין בעשעפער נישט? קען ער נישט דאָס זעלבע וואָס גאָט! און שטויב נעמט ער פון דער ערד און לעהם, און בלאָזט, און קנעט, און קנעט, און מאַכט — נאָר וואָס וויל ער דאָס מאַכען ? פויגעלעך מאַכט ער, פויגעלעך מיט פליגעל! דער מענש, וואָס האָט קיין פליגעל נישט, איז גאָרנישט... דערנאָך וועט ער אָדלער מאַכען, דערווייל פויגעל!

קנעט ער פויגלען, צוערשט קליינע — אָבער מיט פליגלען מאַכט ער זיי, קנעט אוים און בלאָזט אַריין זיין אייגענע נשמה; ווערען זיי לעבעדיג, די פויגעלעך, און ער פרעהט זיך, און מאַנצט אונטער, און רופט צו זיי: „פליהט, פליהט, פויגעלעך מיינע, אַרויף אין די היוך!

נאָר די פויגעלעך פליהען נישט, אויף דער ערד היפּען זיי אַרום אין לעהם, און זוכען אַוועַרעמיל די הערצלעך אונטערצושפּאַרען... אָבער קיין ווערעם זענען נישטאָ, צאַפּלען זיי און געהען אוים פאַר הונגער...

און טרעפט, אַז צוויי פאַר פליגעל הויבען זיך און פליהען, איז עס איין „ער" און אַ „זי" און זיי שפּיעלען זיך...

ער שרייט: „צים הימעל! צום הימעל!"

און זיי שפּיעלען...

האַפּט ער שטיקער לעהם און וואַרפט אויף זיי און טויט זיי, און קנעט און מאַכט אַנדערע פייגעל...

און דאָס פעלד ווערט פול מיט פגרים, מיט טויטע פויגלען... אַרום און אַרום איהם פגרים, נאָר פגרים — —

פאַר קליין און גרויס.

— אונגליקליכער!

מען נעמט אויך אַ זינדיגען מענשען און מען וואַרפט איהם אַריין אין אַ גרוב פון הינט.

— פרעסען זיי איהם אויף לעבעדיגערהייט?

— חס ושלום! הונגעריג זענען זיי, די כלבים, נאָר איהם עסען זיי נישט — ער איז דאָך זייער פריינד, ער רעדט דאָך צו זיי, צו די הונגעריגע הינט! אַ פראָפעט פאַר הינט איז ער!

צוערשט רעדט ער צו זיי הינטיש אויף זייער שפּראַך, און אַז זיי הויבען איהם אָן צו פערשטעהן — וואַרפט ער אַריין עטליכע מענשליכע ווערטער! וואָס אַמאָל מעהר, וואָס אַמאָל מעהר...

און אַזוי שטעהט ער און רעדט, און נעמט פון זיי קיין אויג נישט אַראָב, און מיט אויגען צויבערט ער זיי, האַלט די הינטישע נשמות איין!

אַלץ איז ענטוויקלונג! די סאָרטען פערענדערן זיך — פון הינט ווערען מענשען זיין!

און אָט שטעלט זיך שוין אַ כלב אויף צוויי פיס, און מיט די אַנדערע צוויי פיס טאַפּט ער אַרום זיך. אַ צווייטער בילט נאָך, אָבער אין'ם הינטישען בילען הערען זיך שוין גאַנצע טענער, העכערע, מענשליכע...

און ער רעדט אַלץ; און מיט זיינע רייד און מיט זיינע אויגען גיסט ער אויס אַ וואונדערבאַרען צויבער אויף די כלבים. אָט שטעהען זיי שוין אַלע גלייך ווי מענשען... אָט הויבט שוין איינער פון זיי אויף אַ פוס, ווי אַ האַנד, און ווייזט צום הימעל!

און אין די אויגען פון יענעם הונד האָט עפּיס אַ בלישטש געטהון, — אַ שאָטען פון ווילען, פון זעלבסט-בעוואוסטזיין האָט זיך אין זיי בעוויזען!

נאָך אַ ווייל און די אויגען פון אַלע הינט וועלען אויפשיינען, אויפפלאַמען וועט אין זיי דער ווילען, אין דעם הונגער

זייערן האָבען זיי דאָך פערגעסען; זיי האָבען דאָך פערגעסען, אַז זיי זענען הונגעריגע הינט; נאָך אַ ווײַלע און עס וועט זיך אין זיי דערוועקען דער גרויסער, דער וואונדערבאַרער געדאַנק —

— און דאַן?

— עס וועט נישט געשעהן! אַ מלאך חבלה וואַרפט פּלוצלינג אַ ביין אין גרוב, די הונגעריגע הינט לאָזען זיך אַראָב אויף אַלע פיער, בילען, רייסען זיך איבער'ן ביין... און ערשט אַז דער ביין פערשווינדט, הויבט אָן דער נביא אויפ'ם ניי... און אַזוי שטענדיג...

— גרויזאַם!

— גרויזאַם!

און איינעם האָב איך געזעהן אַ הויכען בארג געזעהן. אויפ'ן שפּיץ באַרג שיינט אַ וואונדערבאַר ליכט, ער שטעהט אונטען פערבענקט, עס ציהט איהם אַרויף, אַרויף צום ליכט, צום צויבער־שיין, דאָרט אין זיין גליק... דאָרט אין דער הויך וואו די לופט איז ריין, וואו דאָס שטראַהלט און ערדעל־ווייס בליהט...

— שטייגט ער?

— זי לאָזט נישט... מאַכט ער אַ שריט צום שטייגען, עפענט זי איהרע אויגען אויף און קוקט אויף איהם. אויך אין איהרע אייגען איז אַ צויבער־שיין דאָ, אויך אין איהרע אויגען איז אַ הימעל דאָ, און זונען און שטערן און אַלערליי זיסע שטראַהלען — —

— געהט ער צוריק!

— און דאַן פערמאַכט די אויגען... און אויף אין אַב געהט ער, צווישען ליכט און ליכט, שטראַהל און שטראַהל...

— פאַר וואָס נעהמט ער זי נישט מיט?

— זי איז נישט זי...

— דער וואָלקען איז נאָהנט, נאָך פון אַדלער און שוויגען־פעט וועל איך דיר דערצעהלען...

— און דאָס וואָס איז?

— אַ קלייניגקייט! מאַנכע פון אייערע נביאים, אייערע פּראָפעטען ווערען אין אָדלער מגולגל, און גרויסע אָדלער מיט ברייטע פליגלען, נאָר אין שווייגען־הויט געקליידט...

און די נביאים אייערע הויבען זיך אין די לופטען; הויך, גאַנץ הויך פליהען זיי, דעם הימעל ווילען זיי איינגעמען, דעם כסא הכבוד פערנעמען! אין דער הויך אָבער, אין דער פריקעניש שפּאַלט זיך די שווייגען־הויט. און אז עס מאַכען זיך זיי וואונדען און ס'הויבט אָן שטאַרק וועה צו טהון, פאַלען די אָדלער אַראָב אין נאַסע זומפּען אַריין, וואו זיי וויקען די הויט זייערע, וואו זיי היילען די שווייגען־הויט פון וואונדען...

און אזוי געהט עס אַרויף און אַראָב, אַרויף און אַראָב —

נאָר מיט אַמאָל איז די לבנה פערשוואונדען אין דער „שבט מוסר" מיט איהר.

אז איך בין אויפגעשטאַנען און אַ ליכט אָנגעצונדען, האָב איך אויפ'ן טיש אַ פּאָסט־קאַרטעל געפונען:

— איהר זייט געבעטען צו קומען מאָרגען אויף אַ פערזאַמלונג — —

איך האָב עס פערברענט.

V.

פון דזל-הויז.

אינהאלט:

עולם הבא	221
כל בו	224
א חלום	229
א רופא צו א חולה	234
א שמועס מיט גאזעמאן	239
דער קדוש	245
די שרפה און נאך דער שרפה	249
דער משולח	255

עוֹלָם הַבָּא.

אָ — ניין! מיר וועט איהר נישט איינרעדען! די וועלט איז נאָך קיין וועלט נישט!

וואָס מיינט איהר? עס צינדט זיך אָן אַליכט, עס ברענט העלער אָדער טונקעלער — לויט דעם חלב, לענגער אָדער קירצער — לויט דער לענג און די דיק — עס ברענט, צאַנקט און ווערט פערלאָשען מיט אַ קלענערן אָדער אַ גרעסערן ריח — און שוין! דאָס איז עס אין גאַנצען?

איך — וואָלט אַזאַ לעבען נישט בעשאַפען!

פרעגט אַ גימנאַזיסט פון 5-טען קלאַס, וואָס עס ווערט פון איין אויסגעברענט ליכט! ער וועט אייך זאָגען, אַז עס איז נישט צו נישט געוואָרען! ער וועט אייך אויסווייזען מיט אותות ומופתים, אַז די נאַטור איז אַ ווירטשאַפט, וואו עס ווערט גאָר נישט פערלוירען, קיין שטויב, קיין האָר... „פון אויסגעברענטען ליכט ווערען גאַזען; מען זעהט זיי ניעט, נאָר דאָ זענען זיי; זיי שוועבען אַרום אין דער לופט".

אַ חלב'ן ליכטעל פאַר אַ גראָשען ווערט אין דער נאַטור נישט פערלוירען, נאָר איך, איך מיט מיין שכל, מיין ווילען, מיין יושר, מיין צער, מיינע טרעהרען — איך ווער פערלוירען, פון מיר בלייבט גאָר נישט!

און זיי זאָגען, אַז איך בין משוגע!

הייסט דאָס אַ וועלט?

יושע זייגער־מאַכער איז קיין גרויסער מייסטער נישט, און דאָך וועט פון זיין שטוב נישט אַרויסגעהן אַ זייגערל, וואָס זאָל יעדער רגע וועלען צוזעצט, צוקלאַפּט און צושפּרונגען ווערען; וואָס זאָל האָבען אין זיך איין עביגע, בעשטענדיגע מלחמה: איין רעדעל זאָל רייבען, שלייפען און דריקען דאָס צווייטע, איין צייהנדיל זאָל צופּען, רייסען און בייסען דאָס אַנדערע, און די האָר, אָדער ווי ער זאָגט — די פעדער, זאָל אַלץ אַרומנעהמען און שטיקען און ווערגען, עס זאָל קיינער קיין אָטהעם נישט קענען חאַפּען!

צי האָט איהר געזעהן אַמאָל אַ דרעש־מאַשין, וואָס דרעשט זיך אַליין? צעפּים, וואָס רייסען פון זיך אַליין אָב די הויט?

ניין! דאָס איז קיין וועלט נישט! איין ערב־רב איז עס, אַ דול־הויז איז עס! געקיילעטע העהנער לויפען אַרום און חאַפּען קערנדלעך, דאָס בלוט רינט און זיי ווערגען זיך! אַ דול־הויז איז עס, אַ מבול דאַרף עס, — קאַלט, קאַלט וואַסער!

און ווער וואָלט פאַר אַזאַ פינסטערע וועלט אַזוי פיעל ליב־טיגע, גאָלדענע שטערען בעשאַפען?

גלייך זי וויסט דען, די פינסטערע ערד, וויפיעל שטערען זי האָט?

„מען קען נישט איבערצעהלען!" זאָגט זי . . .

וואָלט עס נאָר מטבעות געווען, זילבערנע, גאָלדענע מטבעות, וואָלטען שוין אַלע, אַלע געצעהלט, נישט ווי היינט, נאָר אַ מנין געלעהרטע בטלנים. אַלע וואָלטען געצעהלט און מען וואָלט שוין איבערגעצעהלט!

ניין, דאָ איז נאָך דאָס רעכטע לעבען נישט! דאָ לעבט מען דערווייל, אין ערב־רב, אָהן אָרדנונג, אויסגעמישט: לייבען,

טחוירען, בערען, ווערעם און פויגעל, און אַל־די־שוואַרצע יאָהר צוזאַמען... עס טרעפט זיך אַ מענש אויך...

נאָר — אַז מען דערזעהט איהם, פּאַקט מען איהם אין דול־הויז אַריין...

עס איז געגנג איין אויג צו וואַרפען אויף די ליכטיגע, קלאָרע, זאַנפטע, מילדע, ריינע שטערענדלעך, מען זאָל איינ־זעהן, אַז דאָרט איז ערשט דאָס רעכטע לעבען... נאָר דאָס אמת׳ע לעבען, שטראַהלט אַזוי רוהיג, אַזוי זיכער!

און דאָרט לעבען די מינים בעזונדער, יעדער שטערן האָט זיין מין און דעריבער שטראַהלען זיי מיט שלום, מיט עולם הבא!

דאָרט הערט מען נישט אַלץ־אין־איינעם: „מיין טוידט אָדער דיין טוידט!"

אויב אַ שטערן ציטערט אין הימעל, איז עס פּאַר רחמנות אויף אונזער פינסטערער ערד! אַז איינער פון זיי טרעפט זי פלוצלינג אויפ׳ן וועג, דערשרעקט ער זיך און פאַלט... די זון קען נישט צוקוקען, ווי עס לעבט זיך ביי אונז, פערשטעלט זי זיך טהייל מאָל דאָס פנים און עס ווערט לקוי חמה... די לבנה איז נעהנטער, זי זעהט בעסער! רייסט זי פון זיך פאַסען, און מען מוז יערען חודש מאַכען אַ נייע לבנה!

„טוויזענד אויגען האָט דער מלאך המות!"

עס איז קיין וואונדער נישט, ער דאַרף די מינים סאָרטי־רען און יערען שיקען אויף זיין שטערן אַרויף; און דאָ איז אַ מאַסקאַראַד, אַ פורים־שפּיעל, סאַמע פערשטעלטע, עס איז קיינער נישט אין זיין אייגענער הויט!

אַם ערגסטען איז מיט די כל־בו׳ניקעס!...

כָּל בּוֹ.

„אמאָל — האָט מיר מיין באָבע, די אַרענדאַרקע, דער־צעהלט — האָט זיך בעוויזען אַ כל־בו'ניק". דאָס איז געוועזען ביים פּריץ אויפ'ן הויף, וואו זי האָט די פּאַכט געהאַלטען, דערי־בער ווייס זי די מעשה. —

פון וואַנען ער האָט זיך גענומען? ווייסט מען נישט.

איינער האָט געזאָגט, אַז זיין מוטער איז אַ בעקערין גע־וועזען און האָט'ן אויסגעקראַצט פון אַלע מולטער — אַ וויסקראָבעק, רחמנא לצלן!

אַנדערע דערצעהלען אַנדערש: אויפ'ן הויף אונטער דער־שאָפּע איז אַ קעסטעל געשטאַנען, וואו אַלע פון הויף האָבען וואַסער געגאָסען — הינד אויך! דערפון איז אַרויס אַ שוואָם... נישט קיין הונד־שוואָם, נאָר אַ שוואָם „מכל המינים שהוא"...

דערנאָך האָט זיך עפּיס אַ ווינטעל געמאַכט, די שוואָם האָט זיך אָבגעריסען, אַוועקגעקאָלערט און האָט זיך שפּעטער אויפגע־הויבען, אַלס אַ לעבעדיגער כל־בו'ניק...

סיי ווי סיי קומט ער אַרוים פון פּריץ'ס הויף!

און אַ וואונדערליך חיה'לע איז דער כל־בו'ניק געוועזען!

אָהן ביינער, פון סאַמע ווייך פלייש, און דאָס קעפּעל האָט זיך לויז געדרעהט אויפ'ן האלז, ווי אויף אַ גוט געשמירט שרייפעל! ער האָט זיך נישט געריהרט פון אָרט און מיט'ן קעפּעל געדרעהט קיין מזרח, קיין מערב, קיין צפון, קיין דרום — וואו איהר ווילט נאָר אַליין; און וויבל ער האָט יעדען צוגעשאָקעלט

מיט'ן קאָפּ, האָט ער מיט אַלע בשלום געלעבט, און פון קיינעם — און מיט קיינעם גלייך — נישט געליטען!

עס שלאָגען זיך צוויי העהנער; איינער שרייט: קוקעריקו, דער צווייטער וויל דוקא: קיקעריקי! דער כל־בו מישט זיך נישט אַריין. נאָר, אַז דער הויף איז שוין בעדעקט מיט פעדערן, און די העהנער צופאַלען זיך אָהן כח, געהט ער צו און זאָגט: איהר האָט ביידע רעכט: דער „באור" זאָגט: „קיקעריקי!" און די שבעים־זקנים: „קוקעריקו!". און ביידע העהנער בלייבען זיך שונאים און איהם גוטע פריינד!

עס איז קיין שטילער הויף נישט געוועזען... דער הונד האָט געביסען דעם חזיר ביים אויער, די קאַץ האָט געשפּיגען אויפ'ן הונד, און איין אָדלער מיט איין אונטערגעשאָסענעם פליגעל איז אַרומגעגאַנגען און אַלע געוואָרפען אין זיעבטען שוויס אַריין; נאָר דער כל־בו'ניק האָט זיך מיט אַלע גע'חברט: ער האָט זיך געהאַלטען, אַמאָל ביים רעכטען, אַמאָל ביים לינקען אויער און דער חזיר האָט געמיינט, אַז ער איז אויך אַ געביסע־נער! דעם הונד האָט ער אַיינגערוימט: „בררר... סאַמע גנבים, איין עהרליכער מאַן ביסט דו!" דערנאָך איז ער אַרויפגעשפּרונגען אויפ'ן צוים און געוואַשען זיך מיט דער קאַץ צוזאַמען פאַר'ן רעגען...

פּלוצלונג נאָר האָט ער דעם אָדלער דערזעהן! ער ציהט אויף זיך אַ בענגשאַפט, און אויג ווייזט זיך אַ טרעהר: נישט גוט, ברודער, דעם אונטערגעשאָסענעם! ער זיפצט און דער אָדלער מיינט, אַז ער בענקט אויך נאָך די הויכע וואָלקען, און געהט אַוועק מיט איין אַראָבגעלאָזטען קאָפּ נאָר מיט אַ ווייך האַרץ... „אויך איין אונגליקליכער!"...

און אַז קיינער זעהט נישט, שפּרינגט ער גאָר אַריין אין שטאַל צום קליינעם עזעלע און רוימט איהם איין: ווייסט, קאַנסט הויבט מיר אויך נישט אָן צו געפעלען!

און אויף דער וועלט פו!.., פו...! — אויפ'ן פריץ'ס הויף, מיין איך — איז איהם גאָר נישט שלעכט געוועזען... ער האָט מיט אַלע גוט געלעבט, מיט אַלע זיך גע'חברט, ביי יעדען עפּיס געהאַפּט...

יעדער האָט איהם געדענקט אַ זכות פון אַ שאָקעל אויף זיין זייט! און חאָטש קיינער האָט איהם נישט ליעב געהאַט, האָבען איהם אַלע פערבעטען: ווער אויף פרישטיק, ווער אויף מיטאָג — און ער האָט אַלע מאכלים געגעסען... און יעדערער האָט זיך איהם געגריסט און דערביי זיך אין האַרץ געוואונדערט: פאַר וואָס האָב איך איהם נישט גערן?

נאָר עביג לעבט נישט קיינער, אַפילו נישט קיין כּל־בּו! עס איז געקימען זיין צייט, און דער רוח האָט איהם פערטראָגען אין אַ מדבר אַריין, אויפ'ן זאמעל־פּלאַץ, וואו די נשמות פון אַלע חיות, בהמות ועופות נעהמען זיך צוזאַמען, און דער מלאך המות סאָרטירט זיי, באַנדראָלירט און פערשיקט אויף יענע וועלט.

ווען דער כּל־בּו איז אָנגעקומען, איז שוין די סטעפּ בעדעקט געוועזען מיט אָבגעטיילטע מחנות, וואָס האָבען איינס אויפ'ס אַנדערע געקוקט צום לעצטען מאָל, און שאַרף בעטראַכט! זיי ווילען געדענקען אויף יענער וועלט, וואָס פאַר אַ מינים דאָ זענען געוועזען. די עופות זענען אונגעדולדיג געשטאַנען אויף איינציגע פיס; פון די אינדיקעס שניידט זיך אָב אַ בלוט־רויטע שאַרפע אויף אַ מייל; ווי דינע זילבערנע נעבעל הוידען און וויעגען זיך די טויבען אין דער לופט! שטאָלץ און ערנסט האַלטען זיך די אָדלער אין אַ זייט; אַ גאַנצע באַנדע וועלף האָבען זיך צוזאַמענגעשלאָגען מיט די קעפּ און קלערען, וואָס פאַר דערנער עס קענען וואַקסען אויף יענער וועלט.

און דער מלאך המות האָט שוין גענומען דאָס פייפער'ל צום מויל, אַ צייכען צו געבען צום אוועקפליהען... ער האָט שוין אויפגעהויבען די הענד, יעדען צו ווייזען זיין וועג! נאָר ער

האָט די האַנד אַראָבגעלאָזט, דאָס פייפער׳ל פּערגעסען — ער האָט דעם כּל־בו בעמערקט.

— ווער ביסט דו? פרעגט דער מלאך המות, וואָס האָט נאָך אַזאַ בריאה נישט געזעהן.

כּל־בו שווייגט; ער ווייס אַליין נישט, ווער ער איז!

טוויזענד אויגען האָט דער מלאך המות, און מיט יעדען אויג זעהט ער אינ׳ם כּל־בו איין אַנדער בעשעפעניש.

— צי וועט זיך קיינער נישט דערקענען צום נייעם גאַסט? ווענדט ער זיך צו די אַלע מינים, וואָס זענען שוין אויסגע־שטעלט גרייט צום פליהען.

נאָר קיינער ענטפערט נישט, יעדער מין זעהט אינ׳ם כּל־בו אַ קליין פּיצעל זיינס, נאָר אַזוי פיעל פרעמדס!

עס דויערט אַ ווײַלע און דער מלאך המות נעמט זיך צוריק צום פייפער׳ל... ער וויל אַ צייכען געבען: זאָלען זיך די מינים פליהען יעדער אין זיין וועג, זאָל דער כּל־בו בלייבען אין סטעפּ!

דעמאָלט אָבער האָט דער כּל־בו אַרויסגעלאָזט אַ שרעקליך געוויין, און וועלכען עס האָבען זיך געהערט אַלע יללות פון אַלע מינים חיות און עופות! ער איז צוגעפאַלען צום מלאך המות׳ס קניע און האָט איהם די פיס געקושט.

— וואו לאָזט דו מיך איבער, דו באַרמהערציגער מלאך!

דער מלאך המות ווערט געריהרט פון זיינע טרערען, נאָר וואָס צו טהון ווייס ער נישט!

— אויף יעדען שטערן — זאָגט ער דעם כּל־בו — שטעהט אַ מלאך ביים טויער און קוקט נאָך אַ מאָל דורך דעם גאַנצען טראַנספּאָרט... מען וועט דיך אין ערגיץ נישט אַריינלאָזען; און קיין עקסטרא וועלט פאַר כּל־בו׳ניקעס האָט נאָך גאָט נישט בעשאַפען...

— באַרמהערציגער מלאך! דאָ בלייבען וויל איך נישט, קען איך נישט, איך געהער דאָך שטיקלעך־וויין צו אַלע מינים, זאָל יעדער מין זיך צונעהמען זיין חלק!

— עהרליך! זאָגט דער מלאך — דיין פסק זאָל מקוים ווערען!

און, אַז יעדער מין האָט זיך אויסגעצופּט זיין חלק איז ביי יעדען מין אַ דין האָר'ל געבליבען, און ביים ערשטען ווינד האָבען זיך די האָר אָבגעריסען און געבליעבען דערנאָך הענגען אין דער לופט...

מיט דער צייט האָבען זיך אויף דער וועלט די כל־בו'ניקעס געמעהרט, נאָר אַלע האָבען אַזאַ סוף.

און ענדע זומער, אויב דו זעהסט שפּינוועבס הענגען אין דער לופט, זאָלסט דו וויסען, אַז דאָס זענען כל־בו־האָר!

אַזוי האָט מיר מיין באָבע דערצעהלט...

אַ חָלוֹם.

איהר ווילט וויסען! פון וואַנען איך קום אהער?
איך וועל אייך דערציילען; איך האָב קיין סודות נישט.

אַמאָל בין איך גאָר אַ געזונדטער געוועזען; אייגענטליך פערקעהרט, איך האָב געליטען; נאָר אויפ'ן מאָגען, אויף די פיס, אויף נאָך אַנדערע קרענק אין לייב, אַ נשמה אָבער האָב איך געהאַט אַ געזונדטע — זי האָט אפילו פרי־מגדים פערדייעט; אַ מוח — איין אַייזערנעם; אַ קליינינקייט! דעם פאַרציוועער רב'ס איינִיקעל!

פאַר מיין קעפּעל האָט מען מיר איין אשה צנועה געגעבען — איהר קענט זי אפשר?ביילע די שטריקען־מאַכערין, אַ וואהלע יודענע! נדן אויך, ווי דען! איך האָב ווייטער געלערנט, נאָר געהאַנדעלט אויך! יש מקום בראש... מיט איין זייט האָב איך געזופּט ש"ס ופוסקים, מיט דער צווייטער „קאָנדיציעס" גע־מאַכט: מכּלומרשט ווייץ געקויפט און אָבגענומען געלד מיט פּראָצענט...

הכּלל — איך בין געוועזען אי אַ למדן, אי אַ סוחר און האָב טאַקי מיט די קינדער גוטע שדוכים געטהון... אויף אַייך אזאַ יאָהר!

עס געהט זיי אַפילו נישט גוט די קינדער! נאָר אַייגעטונקט אין יחוס האָב איך זיי!

דעמאָלט האָב איך געדאַרפט חתונה־מאַכען אַ טאָכטער, דער מחותן האָט דוקא געוואָלט באַאַרעם געלד און איך בין גע־פאָהרען מאָהנען ביים פ"ין...

מאַכט זיך אײן עסק, האָט דער פריץ צו טהון מיט סער־וויטוטען, די פויערן האָבען איהם געוואָלט שלאָגען, רייצט ער אויף מ י ר אָן אַ הונד — אייך אַ יושר!

נאָר דערווייל מוז מען ענטלויפען.

איך לויף, לויף... און קום אין גאָרטען אַריין... זאָל זיין אין גאָרטען, אַבי איך הער שוין נישט דעם כלב׳ס בילען, עס פעהלט מיר אַ פיענטע פון זאָק, אַ שטיק פאָלע, מיין דאגה, ביילע וועט צונעהען...

נאָר הונגעריג בין איך געוועזען, דאָס האַרץ האָט אין מיר געחלש׳ט.

און דאָ, זעה איך, אַ גאָרטען, אַ גן עדן! טרויבען ווי אין ארץ ישראל. עפּעל — גאָלדענע, באַרנעס — געשפּרענקעלטע, גרויסע. דער זאַפט, דאַכט זיך, טריפט פון זיי אַראָב. איך שטרעק אויס אַ האַנד — רבונו של עולם! — די טרויב ענט־לויפט, דער עפּעל רוקט זיך אָב, די באַרנע בויגט זיך אַוועק אין אַ זייט...

און, הערט אַ מעשה, אַלע רעדען.

— נישט דו — זאָגען זיי מיט אַ כעס — נישט דו האָסט אונז געפלאַנצט...

איך ווער בייז. מיר קומט פראָצענט, אַ הונד האָט מיך געביסען, פאַר שרעק ציטערן מיר נאָך די קניע און פאַר זיי איז נאָך ווייניג! איך מ ו ז דאָך עסען!

איך טאַנץ און טאַנץ אַרום בוים; איך וואַרף מיט די הענד, איך צאַפּעל, אַ פיעבער וואַרפט מיך פאַר צאָרן, דער זיעבטער שווייס בערעקט מיך — און קיין איינציגע פרוכט לאָזט זיך נישט חאַפּען. זיי האָבען נאָך גאָר אָנגעהויבען צו זינגען ווי אַ חזן מיט משוררים:

נישט דו האָסט אונז געזעצט,
נישט דו האָסט אונז געפלאַנצט...
נאָך אַמאָל דאָס אייגענע:
נישט דו האָסט אונז געזעצט,
נישט דו האָסט אונז געפלאַנצט!

הערסט אַ מעשה? און נישט איבערצושפּאַרען! דאָס גאַנצע בלוט האָט אין מיר אויפגעקאָכט, און איך האָב מיך אַזוי לאַנג געוואָרפען און געוואָרפען, ביז איך בין אַנידער־געפאַלען אויף דער ערד מיט שוים אין מויל.

איך ליעג און דערוועה, נישט ווייט פון מיר אַ געלען קאַפּע־לוש, פּונקט אַזוינעם ווי דער פּריץ טראָגט, נאָר אַ קלענערן, ווי פאַר אַ נפל'ע וועגען! איך חאַפּ אַ ציטער! וואָס איז דאָס? אין מיטען דערמאַהן איך מיר, אַז מיין ווייב האָט אַמאָל אַזוינע קאַפּעלושען אַהיים־געבּרענגט און דערפון אַ וויעטשערע גע־קאָכט, מיט קליסקעלעך... אַהאַ! דערמאַהן איך מיך, אַ שוואָם איז עס, ווי איך בין אַ יוד — אַ שוואָם, זאָל זיין רויהערהייט!

אפשר אַ הונדס־שוואָם, אפשר סם?

ניין, אַז גאָט וויל נישט, סמט מען זיך נישט; איך שטרעק אוים די האַנד, נאָר די חצופה רוקט זיך אויך אָב מיט אַ גאוה, זי טאַנצט און היפּט אַוועק אויפ'ן דינעם שטעקעלע. „איך האָב דיך אַ סך געקאָסט?" פרעגט זי. מילא, איך וועל דאָך נישט געהן טענה'ן מיט אַ חצופה. „וואַקס אין דר'ערד אַריין!" טראַכט איך...

וואָס טהוט מען? הונגער, ממש הונגער!

זאָל זיין גראָז! פאַלט מיר איין. הלמאי אָדם הראשון האָט קיין פליישׁ נישט געגעסען! ער איז פרומער געוועזען פאַר מיר און דאָך יוצא געוועזען מיט „ירק עשב"! און איך ליעג אויף הערליך, אויף אמת געשמאַק גראָז. נאָר אַ ביסעל, טראַכט איך, מיט'ן מויל אָנצוחאַפּען, אַבי צו זיך צו קומען און פון גאָרטען אַרויס; וועט עס מיר שאַדען, וועט מיר מיין ביילע מאַכען אַ „וויענער טרענקל"... אַ דאגה דאָס איז — האַם! נאָר איך נעהם אָן אַ פול מויל מיט קליינע שאַרפע שטיינדלעך: איך האָב מיר דאָס גאַנצע מויל צובלוטיגט און דאָס גראָז — „ואיננו"! איך ליעג אויף אַ נאָל שטיקעל ערד, כלחוך השור!

אָה, שלעכט! איך זעה בחוש, אַז דער פּריץ איז אַ מכשף און זיין גאָרטען איז אַ כשוף! אַ שווינדלער — אַ כשוף־מאַכער! ער

האָט אפשר גאָר קיין גאָרטען, קיין פעלד, קיין וואַלד נישט; עס איז אין גאַנצען נאָר אַ כּשוף, אַבי ביי איין עהרליכען יוד איין הלואה'לע צו מאַכען... פּראָצענט שרייבט ער צו, וואָס שאַדט עס?!

און מיט אַ האַרץ וואָס קלאַפּט ווי ביי אַ גזלן, שפּרינג איך אויף, און לויף מיט די לעצטע כּחות פון גאָרטען אַרויס.

אָט, בין איך אויפ'ן פעלד...

אַי — זאַנגען ווי גאָלד, זיי שאָקלען זיך ווי עהרליכע יודען ביי שמונה עשרה... זיי פערבעטען מיך: קום, יוד, מאַך אַ ברכה; קום, פאַרציווער רב'ס אייניקעל און בויג צו די כשר'ה ליפּען...

איך לויף צו מיט איין אָפען מויל, נאָר דאָס פעלד לאָזט אַרויס אַ געלעכטער! און לאַבענדיג זינגט עס, דאָס פויערשע פעלד זינגט:

וואו ביסט דו געווען,
ווען דער פויער האָט געאַקערט?
וואו ביסט דו געווען,
ווען דער פויער האָט געזייעט?...

אַ רעכטע שעהנע, ריינע כּפּרה, ווי הייסט, וואו איך בין געוועזען? איך בין געזעסען און האָב געלערנט, תהלים געזאָגט, געדאַוועגט! מעשיות פון יידען, עליו השלום, פון פאַרציווער רב, דערצעהלט... אַ דאגה, וואָס אַ יוד טהוט?

וואָס קומט אָבער אַרויס, וואָס איך וויים דעם אמת, אַז די זאַנגען זינגען און רוקען זיך אָב. איך פּרוב זיי שוין גאָר נישט יאָגען, איך וויים שוין, וואָס כּשוף בעטייט!

נאָר, ניין! נישט קשה, פאַר הונגער וועל איך דאָך נישט שטאַרבען! עטליכע געוויקסען, זעה איך, שטעהען אין דערמיט און ריהרען זיך נישט פון אָרט; זיי ווייסען, אַז איך בין דעם פאַרציווער רב'ס אייניקעל, אַז איך זיץ אין לערן, און, אַז דאָס האַרץ איז מיר אַוועק, איז אַ מצוה איך זאָל עפּיס טועם זיין. איך רוק מיך צו, זיי שטעהען; נעהנטער — זיי ריהרען זיך נישט

פון אָרט! האָס! געוואַלד! עס ברענט, פייער האָב איך אין מויל, פייער, פייער! פּאָקשיווע איז עס געוועזן!

איך בין אַנידערגעפאַלען...

זכות אבות האָב איך געהאַט, אַז איך בין נישט געבליבען אויפ'ן אָרט...

און אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, בין איך געלעגען אין בעט, ביילע מיינע האָט געוויינט און אויפ'ן קאָפּ האָט מיך געדריקט אַ זעקעל אייז.

— וואו איז שׂרה? די כּלה, וואו איז? פאַלט מיר פּלוצלונג איין צו פרעגען.

מיין ביילע צעוויינט זיך ערשט אויף אַ קול:

— זי איז אַוועק — זאָגט זי — עפּיס אין אַ פאַבריק אַריין. אַרבייטען וויל זי...

וואָס קלערט איהר?! גאָר נישט!

איך בין ענטשלאָפען געוואָרען און האָב מיך אויפגעכאַפּט שוין דאָ.

אַ רופֿא צו אַ חולה?

אַ שפּיטאָל איז אַ וועלט פאַר זיך, אַיין אָבגעשלאָסענע וועלט. עס האָט נישט אַזוי פיעל נפשות ווי איין אַנדערע מדינה, עס שפּאַלט זיך נישט אויף פעלקער מיט פערשיעדענע רעליגיאָנען און פּאָליטישע סיסטעמען; עס האָט דאָך פאַרטייען. יעדע פאַרטיי האָט איהר קרענק, איהר אָבטהיילונג, איהרע וועכטער, איהרע פעלדשער און דאָקטאָרען וואָס גיבען אַכטונג, מען זאָל זיך נישט מישען, ווייל די קרענק זענען אַנשטעקענד, ווענינגסטענס, פיעל פון זיי.

און עס זענען פערהאַנען אַפּוטרופּסים, וואָס היטען די אָרדנונג; תקנות אויף יעדען שריט און טריט, מיט אַ גאַנצען קאָדעקס, פול מיט עצות טובות און אַלערליי שטראָפען פאַר נישט הערען, נישט פאָלגען!.. וואָרען טאַקי — טאָמער ווערט אַ משוגענער שווינדזיכטיג און אַ שווינדזיכטיגער משוגע?

מאַנכע זענען נאָך נישט צופריעדען פון דער אָרדנונג, בעזונדערע הייזער דאַרפען זיין, געמויערטע צוימען אַרום די הייזער, גריבער מיט אָנגעלאָזט וואַסער אַרום די צוימען... מען וואָלט עס געמאַכט, ווען עס זאָלען געווען דערויף די „נדרים ונדבות" וואָס מען נעמט ביי בעלי־בתים. און דאָ ווערען זיי וואָס אַמאָל ווענינגער די נדרים ונדבות, — שלעכטע צייטען.

און דעריבער טרעפט טאַקי, אַז אַ קראַנקער חאַפּט זיך אַריבער אין אַ פרעמדע פּאַלאַטע. דערפון קומען פערשיעדענע מגפות, רחמנא ליצלן.

ערשט נישט לאַנג איז דאָס גאַנצע שפּיטאָל אַוועקגעפאַלען אויף אַ הונגער מגפה; פון אַלע בעטען, פון אַלע נומערן האָט זיך געהערט איין געשריי: ברויט, ברויט.

די גרעסטע אָרדנונג איז דאָך ביי די משוגעים. מאַנכע האַלט מען אויף קעטען, אַנדערע נאָר אין בעזונדערע אָבגעשלאָסענע נומערן.

נאָר די „שטילע״ האַלט מען צוזאַמען. מען האָט אויף זיי איין אויג, אַ שאַרף אויג, נאָר, מכלומר׳שט, פריי זענען זיי.

איך רעד פון די מענער, ביי די ווייבער בין איך נישט געוועזען.

און ווי קאָמיש די מענער זענען... אַז מען זאָל אונז — זאָגען זיי — לאָזען לעבען צוזאַמען מיט די פרויען, וואָלטען מיר זיך במשך פון אַ צוויי־דריי דורות אַזוי געמעהרט, אַז מיר וואָלטען מעהר געוועזען פאַר די מיושב׳ע און מיר וואָלטען זיי איינגעזעצט אין שפּיטע׳לער. זיי מיינען עס גאַנץ ערנסט.

אַז מען לאָזט זיי אַמאָל אַרויס שפּאַציערען אין גאָרטען (אַ קליינע אַלעע פון צוויי שורות בוימער) געהען זיי אַ פּאָר מאָל אויף און אָב. דערנאָך זעצען זיי זיך אויס אַ שורה ביי דער וואַנד, וואָס טהיילט זיי אָב פון די ווייבער, און קלאַפּען מיט די שפּיץ־פינגער אין וואַנד אַריין.

„ליב פילאָזאָף״, וואָס זאָגט, אַז צווישען מענער און פרויען איז דער אונטערשיעד נאָר אינ׳ם נאָמען, רעדט דאָך אָן דעם עולם, מען זאָל קלאַפּען מיט די גאַנצע הענד און איינוואַרפען די מויער.

יוחנן מלמד אָבער ראָטה, מען זאָל נישט נאָכגעבען דעם יצר הרע, מען זאָל וואַרטען ביז ראש השנה.

— און ראש השנה וואָס וועט זיין?

ראש השנה וועט דער משוגענער עולם דאַווענען, יוחנן מלמד — שופר בלאָזען און עס קען זיך נאָך אַמאָל טרעפען דער נס פון יריחו... „מיט איין תנאי — זאָגט ער, — אויב מיין צרה איז דאָרט נישט דאָ!?״

צוויי נאָר האַלטען זיך ווייט פון דער מויער, איינער גאַזעמאַן (זעה ווייטער פאַר וואָס ער הייסט אַזוי) און יונה׳לע קדוש.

דער גאַזעמאַן האָט קיין צייט נישט, ווי ער זאָגט צו „שאל'ת נשים״. און יונה'לע קדוש, אַז מען דערמאָהנט איין אשה, האַפּט ער די פּאָלע און פערשטעלט זיך דאָס פּנים.

איין איינגאָהם פאַר אַלע און אַפילו פאַר'ן הייליגען יונה'לע איז יענטע די קרעמערין, זי איז אַ מאַנספערשוין לכל־הדעות; עס איז אַ פּנים באַלד אַ טעות געוועזען! אַ גראָב קול, אַ בע־וואַקסען פּנים, כמעט אַ באָרד, אַ שאַרפער בליק און אַלע תנועות און הויות פון אַ מאַנספערשוין, זי האָט געמעגט זיך אומעטום ווייזען! זי האָט געפיהרט געשעפטען אין דער גאַנצער מענער־אָבטהיילונג, אַ גרויסען האַנדעל (פון וועלכען מיר וועלען נאָך רעדען), און קיינעם פאַלט נישט איין צו רעדען אַ וואָרט!

יונה'לע רעדט מיט איהר פּה אל פּה און לאָזט קיין ברעם נישט אַראָב.

פאַר דאָס האָט זי ליב פילוסוף פיינט...

ליב פילוסוף, וואָס האַלט עולם ומלואה פון ווייבער, וואָס לאָזט אויף זיי קיין שטויב נישט פאַלען, קען אויף יענטעל קרע־מערין גלייכגילטיג נישט קוקען; אַז ער דערזעהט זי, שפייט ער אויס און געהט אַוועק.

עס איז שוין לאַנג בעמערקט געוואָרען, אַז נישט שטענדיג שטימען די געפיהלען מיט די איבערצייגונגען...

און איך לעב שוין דאָ אַ צייט צווישען עולם... אַז איך בלייב איינער אַליין, פאַל איך אַמאָל אַריין אין אַ ספק: אייגענטליך וואָס בין איך: אַ דאָקטאָר צי אַ קראַנקער?

טהייל מאָל הויב איך גאָר אָן מסופק צו זיין, צי דאָס גאַנצע „הקדש״ מיט'ן פליגעל פאַר משוגעים איז נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה? צי די הייבע ווענד, וואָס איך זעה דורכ'ן פענסטער, זענען נישט גלאַט אַ כשוף, איין אויסגעטראַכטע זאַך? מען האָט אפשר דעם אינדיק נאָר ארומגעקריידט?

און, ווייסט איהר, אַז דער גאַנצער ספק הויבט מיר נישט אָן צו שטערען... איך עס, טרינק, אַרבייט, רוה,

שלאָף און טהו אַלין, גליך איך וואָלט אין אַלעם זיבער געוועזען...

טהייל מאָל דאָך שרעקט עס מיך. איך טראַכט: וואָס, אַ מאַשין בין איך? מען האָט מיך אָנגעדרעהט?

און אפשר, טראַכט איך גאָר, וואָלגערט זיך אין מיר ארום אַ משוגענער אַלטער-זיידע און טהוט מיט מיינע הענד און פיס, גלייך עס וואָלטען זיינע געוועזען, גלייך נישט איך, נאָר ער וואָלט געלעבט, גלייך עס איז זיין צייט?

אויף דעם אַלעם האָב איך איין תירוץ: למאי נפקא מיניה?

און באמת, וואָס איז דער חלוק?

ליב פילוסוף זאָגט, אַז עס איז נישט פערהאַן גאָר קיין אמת און קיין שקר. אַ והא ראיה, זאָגט ער, עס איז אַזאַ בוים גאָר אין גן עדן נישט געווען; נישט אדם, נישט חוה האָבען קיין מאָל אַזאַ עפּעל נישט פערזוכט. טוב ורע יאָ! און אויב זאָגט ער, עס איז נישט פערהאַן קיין אמת און קיין שקר, זענען קיין משוגעים אויך נישט פערהאַן! איי וואָס, זאָגט ער, גאָר נישט!

אַזוי ווי, זאָגט ער, די גופים בעשטעהען פון אַטאָמען, און די טבע פון גוף וועגדט זיך אין דעם, פון וויפיעל אַטאָמען ער איז צוזאַמענגעשטעלט, אויף וועלכען סדר די אַטאָמען ליעגען... אַזוי זענען פערהאַנען אַטאָמען פון געדאַנקען און געפיהלען... און די טבע פון יעדען געדאַנק און פון יעדען געפיהל העננט אָב נאָר דערפון, פון וויפיעל אַטאָמען זיי זענען צוזאַמענגעשטעלט — ווי אויך אין וואָס פאַר איין אָרדנונג זיי ליעגען איינער בייס צווייטען... נישט מעהר!

עס איז פערהאַן פערשיעדענע מעטאַלען, פערשיעדענע געדאַנקען און אַלערליי געפיהלען; זיי קענען ווי די מעטאַלען זיין ניצליך, אָדער שעדליך, אָבער נישט אמת און נישט פאַלש... פונקט ווי די מעטאַלען! צי וועט גאָלד זאָגען אויף זילבער, אַז

עס איז אַ טעות? זילבער אויף קופּער צי אײַזען: משוגע זייט איזר, אָדער ליגנער?

דאָס קען נאָר אַ מענש און נאָר — פאַר קנאה!...

מיר ווייטער קומט טהייל מאָל פאָר, אַז די אַלע, וואָס מען האַלט זיי פאַר משוגעים, מעהר אָדער ווייניגער געפעהר־ ליכע משוגעים, זענען נאָר נייגיעריגע מענשען, וואָס האָבען זיך ליעב אַמאָל אַראָבצוהאַפּען פון טראַקט, פון שאָסע און זוכען אין אַ זייט נייע וועגען... בעסער צי ערגער אָבער זעהן מעג מען דאָך, פּרובען לוינט...

מאַנכע זענען גאָר פרייע פויגעל, איבער די לופטען פלי־ העון זיי...

גאַנץ אָפט האָב איך הנאה, וואָס איך לעב צווישען די דרייסטע וועג־זוכער... ביי זיי איז ווייניגסטענס נישט אַזוי לאַנגווייליג...

אַ שמועס מיט גאָזעמאַן.

פאַר מיר היטען זיי זיך נישט. דער בעהאַלטענסטער פון אַלע — גאַזעמאַן האָט אויך צו מיר צוטרויען.

עס פרעהט מיך.

נעבטען צום ביישפיעל, קומט ער צו און אָהן אַ שום הקדמה, דערצעהלט ער מיר פון גרויסען ובוח, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט אין בית המדרש, מיט די גאָר גרויסע, וועלט־בעריהמטע בטלנים: ראיבן, שמעון, לוי און יהודה.

— וועלט בלייבט וועלט! — זאָגט ראובן — זי שטעהט אויף אַייזערנע זיילען און קופּערנע פונדאַמענטען.

— לאו הכי! — זאָגט שמעון — זי שאָקעלט און וואַקעלט זיך ווי אַ שכור... אויפ'ן רוקען פון אַ משוגענעם פיש שטעהט זי, דער פיש וואַרפט זיך און זי צאַפּעלט! פון טהייל בערג שפּריצט עס אַפילו מיט פייער, אַוודאי!

לוי האַלט זיך אין פסוק: תולה ארץ על בלימה, די וועלט שטעהט אויף גאָר נישט! אויף ג אָ ר נ י ש ט, אַקצענטירט ער מיט אַ נגינה.

און יהודה וואָס וויל ווערען רב און גרייט זיך צו צום עקזאַמען, הייסט מיליאָנען־מיליאַסען קליינע, פּיצעלעך אַטאָמען לויפען אַרויף און אַראָב און שלאָגען מיט כח אויף יעדען פינטעלע פון דער ערד און האַלטען זי אַזויערנאָך אין „סאַמע ראָדנע" מיט; זי זאָל נישט חלילה אַרויס פון ראָד אַרום דער זון!

און איהר, גאַזעמאַן, וואָס האָט געזאָגט?

— איך? פשוט האָב איך זיי געזאָגט: וואָס געהען אייך אָן פינדאַמענטען, ווילען צי אַטאָמען, אַז די גאַנצע זאַך שטעקט אין גאַזען, וואָס די ערד האָט אינווענייג אין זיך...

איהר זיצט און קלערט, זאָג איך, און זיי קענען דערווייל אַרויספּלאַצען און חרוב ונחרב מאַכען די גאַנצע וועלט מיט אַלע איהרע בטלנים!

— און וואָס האָבען זיי געזאָגט?

— זיי האָבען מיר אַ נאָמען געגעבען: גאַזעמאַן

ער שפּייט אוים מיט פעראַכטונג, מאַכט עטליבע שריט אַהין און צוריק, און שטעלט זיך צוריק אָב.

— פערשטעהט זיך, מיך אַרט עס נישט... יונגלעך האָבען עס אויפגעחאַפּט, רעדט, שרייט, מיין דאגה; נאָר דער שווער מיינער! פאַר'ן שווער האָב איך שטאַרק מורא געהאַט!

— אַ גבר אַלים?

— איין עיקש... שפּאַרט זיך איין, איך זאָל גט'ען דאָס ווייב. באשר בכן — משוגע בין איך.

— און איהר האָט נישט געוואָלט?

— איך האָב דען געקענט? ממה נפשך, בין איך געזונד, פאַר וואָס זאָל איך זי גט'ען, בין איך משוגע, ווי קען איך געבען גט?

— און זי וואָס האָט געזאָגט?

— מיין חוה'לע? וואָס האָט זי געוואָלט זאָגען? וואָס האָט זי געקענט זאָגען? איך בין זיכער, אַז עס איז איהר גאָר אויף די געדאַנקען נישט געקומען. וואָס הייסט? מיר זענען דען קיין זווג נישט, חס ושלום? אַז דער מלאך האָט אויף אונז אויסגערופען: „בת פלוני לפלוני", ווי מיינט איהר, איז נישט געווען קיין שמחה אין אַלע עולמות? מלאכים, זאָג איך אייך, האָבען פאַר שמחה געוויינט. איך האָב עס איהר דערצעהלט... אַליין דערצעהלט...

— און ווענען די גאַזען איך?

— ווענען די גאַזען? ניין! נאָך וואָס? זי האָט עס פון מיין פנים געלעזען. חכמת הפרצוף האָט זי געקענט ווי אַ וואַסער! איך וויל איהר אַמאָל עפּיס זאָגען, שמייכעלט זי און זאָגט עס מיר! פון מיין פנים האָט זי געלעזען, ווי פון צאינה וראינה אַרויס...

— און אפשר, — איז ער זיך מישב, — נישט פון פנים... איהר פערשטעהט, מיין האַרץ און איהר האַרץ... ניין, דאָס וועט איהר נישט פערשטעהן...

— און זי האָט איך געגלויבט אין די גאַזען?

— אַ שאלה דאָס איז! דורך די גאַזען האָט זי דעם אַפּעטיט פערלוירען, נעכט נישט געשלאָפען, פון פנים אַראָבגעפאַלען... און די אויגען, אַ וואונדערליכע זאַך, האָבען אידר געוואַקסען און געוואַקסען. מיט יעדען טאָג זענען זיי גרעסער געוואָרען; דאָס פנים קלענער, די אויגען גרעסער!

ער פערטראַכט זיך.

— און פון וואַנען — פרעג איך — זייט איהר געקומען אויף די גאַזען?

— דורך אַ חלום...

— אַ חלום, זאָגט מען, איז אַ נאַר.

— חוה׳לע פלעגט אויך אַמאָל אַזוי זאָגען! איך האָב אָבער דעם חלום געזעהן דריי מאָל און דערנאָך האָט זיך פּאַסירט אַזאַ מעשה...

באמת — אַ וואונדערליכע מעשה.

איינמאָל איז ער זיך אַרויסגעגאַנגען שפּאַציערען צווישען מנחה ומעריב. גאַסען־יונגען האָבען איהם דערזעהן און נאָכגעלאָפען. זיי ווילען, ער זאָל זיי דערצעהלען די חלומות...

— איך האָב, — זאָגט ער, — אפילו חשק צו דערצעהלען.... אדרבא, זאָלען זיי וויסען; האָב איך דאָך אָבער מורא פאַר׳ן שווער... ער וועט געוואָהר ווערען, פערמסר׳ן מיך

פאַר חוה׳לען... און וואָס וועט זיין ? זי וועט וויינען ! זי וועט זיך די אויגען אויסוויינען !

ענטלויפט ער, יאָגט מען איהם נאָך, חאַפּט איהם איינער אָן פאַר אַ פּאָלע.

— איך זעה, עס איז שלעכט, ער וועט אָברייסען די פּאָלע... דערמאָהן איך מיך אין יוסף הצדיק, לאָז איהם איבער די קאַפּאָטע און ענטלויף ווייטער.

ער לויפט און לויפט, ביז ער פערלויפט ערגיץ אונטער דער שטאָדט, שלאָגט זיך אָן אין אַ בערגעל, פאַלט און בלייבט ליעגען.

— ליעגענדיג אַזוי, וואָס מיינט איהר, דערזעה איך ? קברים דערזעה איך... אַ היילינ אָרט געוועזען! צי בין איך, נישט וויסענדיג, פאַר שרעק אַריבערגעשפּרונגען די צוים פון בית־עלמין, צי עס איז קיין צוים גאָר נישט געוועזען, וויים איך נישט ביז היינט...

נאָר אַ מאָרגנער עולם אמת. די מצבות שטעהען נישט איין אַ רגע, זיי שאָקלען זיך... פּלוצים הויבען אָן פון אונטער זיי אַרויסצוקריכען מתים...

— איהר האָט אייך דערשראָקען ?

— חס ושלום! מתים זענען קיין גאַסען־יונגען נישט. איך רעד מיט זיי:

„וואָס האָט איהר אייך, — פרעג איך — אין אַ פּראָסטען מיטוואָך פאַר חצות דאָ פערזאַמעלט ?״

„איין אומגליק, זאָגען זיי, האָט זיי פּאַסירט. אונטער די מצבות האָבען זיך אָנגעזאַמעלט גאַזען״... „דערשטיקט צו ווערען״ זאָגען זיי.

דערווייל שלאָגט דער זייגער 12.

די מתים לאָזען זיך אין שטאָדט אַריין דאַוונען און איך ציה מיך אויס אויף דער ערד, לעג צו איין אויער, איך וויל הערען, וואָס דאָרט טהוט זיך.

— און איהר האָט געהערט?

— אידאי! ווי אַ שטורם אונטער דער ערד! אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, ווי אַ קעסעל-פויק ... טראַ—טראַ—טראַ—טאָ—דאָ—באָק! טראַ—טראַ—טראַ—טאָ—דאָ—באָק! אין מיטען, דערהער איך, אַ שמועס צווישען צוויי קולות אונטער דער ערד.

— פלאַצען? פרעגט איין קול.

— צו פריה! ענטפערט דאָס צווייטע.

— ווען דען?

— ס'וועט זיין אַ סיגנאַל...

— ווען וועט זיין דער סיגנאַל?

— אַז די פרוכטען וועלען רייף זיין אויף די ביימער... ער שווייגט.

— דאָס איז עס אין גאַנצען? מעהר האָט איהר נישט געהערט.

— שפּעטער האָב איך געהערט נאָך אַ שמועס. דאָס הייסט דעם סוף פון יענעם שמועס. אַזוי האָט מען גערעדט:

— ווער וועט, פרעגט אַ קול — געבען דעם סיגנאַל.

— חנינא, ענטפערט מען, וועט געבען דעם סיגנאַל.

מילא, לויף איך געשווינד אין שטאָדט אַריין צו חוה'לען און פרעג זי אויף חנינאַ'ן. זאָגט זי, אַז חנינאַ'ס איז דאָ אַ סך: חנינא דער וואָבערניק, חנינא פרוש, וואָס איז ערגיץ אַוועק און איבערגעלאָזט אַ ווייב מיט קינדער, ימח שמו... חנינא דער שמש פון „סומך נופלים". חנינא פועל בטל.... און געה ווייס!

— און אַהער — פרעג איך, — ווער האָט אייך געבראַכט?

— בין אַליין געקומען, — ענטפערט ער כמעט מיט אַ שמאָלץ — אַליין געקומען, פון שווער ענטלאָפען...

— און חוה'לען גאָר אַוועקגעוואָרפען?

— אָודאי! — מאַכט ער חזק — ווי דען! נאַר איינער
זי קומט צו מיר.
— ווען?
— יערען אָבענד...
— יערען אָבענד?
— ... קומט זי צו רייטען אויף דער לבנה..
— און פאַר׳ן מולד! פרעג איך.
ער גיט אויף מיר אַ קוק מיט כעס און בזיין צוזאַמען.
— אַזוי, — זייערט ער פון צווישען די ציין, — אַזוי..
אַ היקר ודורש... אַ נאַז-קיקער, אַהאַ!
ער איז פון מיר אַוועקגעגאַנגען מיט שלעכטע געדאַנקען
איך מוז איהם בערוהיגען.

דער קדוש.

וואָס אַ וועלט איז! חוה'לע, דעם גאַזעמאַנס ווייב, קומט צו רייטען אויף דער לבנה, און שפּרינצע, יונה דעם הייליגענס ווייב — אויף אַ בעזעם!

חוה קומט איהר אונגליקליכען מאַן טרייסטען, אונטער־האַלטען, יענע ברענגט בראָנפען מיט קיכלעך און קליין געלד פאַר די וועכטער, זיי זאָלען דעם קדוש נאָך פעסטער האַלטען; נישט אַרויסלאָזען אויף דער ליכטיגער שיין!

חוה איז איין איינפאַכע כשר'ע יודענע, טהוט ווי דער מאַן וויל; שפּרינצע — דער הייליגער יונה דערצעהלט, אַז, שטעהענדיג מיט איהר אונטער דער חופּה, האָט ער באַלד דער־פיהלט אַ ריח פון פּעך... ער האָט געוואָלט שרייען, האָט אָבער דער רב דערווייל אָנגעהויבען די ברכה און דער פאָטער האָט איהם שטילערהייט דערלאַנגט אין פּלייצע.

שפּעטער, אַז ער האָט אָנגעהויבען שרייען, אַז זי איז אַ מכשפה, אַ לילית, האָט מען איהם נישט געגלויבט, געהייסען וואַהנען... און, אַז ער האָט שיער נישט בעקומען דאָס חולה־נופל פאַר שרעק, האָט מען איהם געבונדען און אַהער געשיקט...

און זי איז אַ מכשפה! ווען נישט איהר כשוף, וואָלט ער שוין לאַנג געוואָרען אַ רואה ואינו נראה און וואָלט נעלם געוואָרען.

די דאָקטוירים, ימח שמם, לאָזען איהך נישט, זיי נייטען

איהם צו עסען טרפות, צו טרינקען נסך... און ער קען גאָר־נישט טהון!

אָבער גאָר־נישט!

אין הימעל דאָרט האָט ער, דער קדוש, אַ גרויסע דעה, אַ סך צו זאָגען; דאָ אין שפּיטאָל — גאָר נישט! וואָלט ער געווען נישט קיין קדוש נאָר אַ צדיק, אַ בעל מופת, וואָלט ער געקענט אָבשפּרעכען, צוזאָגען; וואָלט ער געהאַט ביי זיך האָטש איינס פון די מיליאָנען שליסעלעך, וואָס עפענען ביי מענשען הערצער און קעשענעס, — באַ! וואָלט ער געווען פריי, געלעבט אַ וועלט! אָדער ער וואָלט אַליין פערלעגט אַ געשעפט, אָדער עס וואָלט זיך געפונען איין אימפּרעסאַריאַ אויף די גוטע זאַכען... ער אָבער, איין אמת'ער דאָן קישאָט, האָט זיך אונטערגענומען בייצושטעהן גאָט מיט דער מלחמה מיט'ן שטן... ווער וויל זיך עס אַריינמישען אין אַזאַ זאַך? וואָס האָט מען דערפון? האָט מען איהם טאַקי אַהער געשיקט. וויל מען זיין פּרצוף נישט זעהן.

ער איז דאָך ביי זיך נישט אָבגעפאַלען... אַז איך העלף איהם, מוז ער מיר אויך העלפען... נישט אַצונד, אין שפּעטער... אין צווייטען, אין דריטען גלגול!

דערווייל, — וואָס זאָל ער טהון?

אַ שם האָט ער, נאָר די ליפּען האָט מען איהם מטמא געווען. ער קען דעם שם מיט אומריינע ליפּען נישט אַרויסזאָגען!

די געזונדטע האַלטען, פערשטעהט זיך, דעם קדוש פאַר משוגע, אַלע זענען פון שפּרינצה'ס צד... און די משוגעים?

פערשיעדען!

פיעל גלויבען אין איהם.

אחשורוש זאָגט, אַז איהם טהוט זעהר הנאה, וואָס דער קדוש איז געקומען אין זיין מדינה אַריין. ער האָפט, אַז ער וועט האָבען אַ שטאַרקע פעולה אויפ'ן יונגען דור, אויף די מדות...

יוחנן מלמד, גערט זיך אין זיין דרך. ער זאָגט: מען מוז גלויבען! אַ מענש, זאָגט ער, קען זיך אַליין נישט מאַכען פאַר אַ רשע, אָבער פאַר אַ צדיק — מהיכא תיתי! אז ער וויל, איז ער!

גאַזעמאַן ציהט מיט'ן אַקסעל:

— די גאָונען, זאָגט ער, ווע'לען אַ סך פרעגען, ווער עס איז אַ צדיק און ווער עס איז אַ רשע!

יענטעל די קרעמערין, רעכענט נאָך ראש השנה צו עפע־נען זיך אַ קלייטעל מיט בוימעהל צום אָבשפּרעכען.

זי קלאַפּט יונה'ן אין דער פּלייצע און זאָגט: אז דו וועסט מיך נאָר פאָלגען, וועט גערן אַ געשעפט; אחשורוש וועט אויך הנאה האָבען...

דער קדוש דרעהט זיך אָב, וויל נישט וויסען פון קיין געשעפטען, נאָר דער רעשט עולם אז ער הערט: קדוש, שפּרינגט ער באַלד אונטער, זאָגט דריי מאָל קדוש...

עס קאָסט איהם אַ סך?

איין לייב פילוסוף איז דעם קדוש אַ שונא אויפ'ם לעבען. מיר דאַכט זיך פאַר קנאה. ער רייצט זיך מיט'ן שטענדיג.

ער גערט צו, נעמט איהם אָן ביי דער גאָמבע, הויבט איהם דעם קאָפּ אין דער הויך און פרעגט:

— עסט באמת טרפות, קדוש?

— אודאי!

— נאָך וואָס טהוסט דו עס?

— איך מוז דאָך, איך וועל דאָך שטאַרבען פאַר הונגער!

— און אז מען שטאַרבט פאַר הונגער וואָס איז? גערט מען דאָך ערשט אין גן עדן אַריין!

דער קדוש ענטפערט געלאַסען:

— איך קען נישט שטאַרבען פאַר הונגער, — איך מוז, — זאָגט ער גאַנץ ערנסט — פערברענט ווערען... מי באש

— פאַר וואָס גראָד באש —

— דער גוף זאָל פערברענט ווערען! און פייער גערייניגט ווערען... די גזרה איז אַזוי!

איין אַנדער מאָל פרעגט איהם ליב פילוסוף:

— און ווען וועסט דו שוין פערברענט ווערען, קדוש?

דער ענטפערט געלאַסען:

— ווען עס וועט קומען די צייט.

פון דעמאָלט אָן, פלעגט ער איהם וואָס אמאָל פרעגען:

— נאָך נישט? אַלץ נאָך נישט צייט?

איינמאָל האָט איהם דער קדוש געענטפערט:

— איך האָב נישט קיין צינדהעלצלעך!

דערוויף רופט זיך אָן יענטעל, אַז זי האָט סחורה מכל המינים, אַז זי איז גרייט אַלין אַוועקצוגעבען דעם הייליגען יונג, און אַלץ בחנם, על כל פנים, בחצי חנם, נאָר קיין צינדהעלצלעך האָט זי נישט... מען לאָזט נישט אַריין!

— זעהסט! טריאומפירט דער קדוש.

— ביזט פאָרט אַ ליגנער, שרייט גיפטיג ליב פילוסוף

דִי שְׂרֵפָה אוּן נָאךְ דֶער שְׂרֵפָה.

דער קדוש איז דאָך קיין ליגנער נישט געווען; ער האָט זיינס געטהון.

געשעהן איז עס אין אַ מולר־נאַכט: איך געדענק עס ווי היינט:

די קראַנקע זענען איינגעשלאָפען, דער קדוש האָט זיך שטיל אַראָבגעכאַפּט פון בעט, שטיל געעפענט דאָס פענסטער; ער איז אַרויסגעשפּרונגען און איז אַריין אין אָפענעם פערד־הויז. דאָרט האָט ער ביי אַ פערשלאָפענעם וועכטער אַרויסגענומען (ליב פילוסוף זאָגט: אַרויסגעגנב'עט) פון קעשענע אַ פעקיל זאַפּאַלקעס —

די רעשט איז לייכט צו פערשטעהן.

דאָס דול־הויז איז אַלט, זעהר אַלט...

יוחנן מלמד זאָגט, אַז עס איז נאָך פון המן'ס צייטען... ליב פילוסוף — פון קודם מתן תורה... דער קדוש האָט גע־גלויבט — מששת ימי בראשית... בעשאַפען געוואָרען איז עס ערב שבת בין השמשות, מיט די שדים און מזיקים, וואָס וואַקסען אַרום „צוזאַמען"... סיי ווי סיי אַלט איז עס, אַלט און טרוקען; ממש אויסגעדאַרט...

און דאָס האָלץ, אַז עס האָט נאָר אַ פונק דערשמעקט, האָט עס אויפגעפלאַקערט מיט אַ שמחה, מיט אַ גדולה!

איך האָב געזעהן ווי באַלקען האָבען זיך אַליין אויסגע־דרעהט און מיט אַ ציטער פון איין אמת'ן בעל תאוה, זיך גע־געהנט צום פייער... אַ זייל, האָב איך געזעהן, האָט זיך אויסגעקרימט ווי אַ האַלבע רייף און אַריינגעלעגט דעם קאָפּ אין דער בראַנד!

עס וויל ברענען, עס דאַרף, אַ פּנים, ברענען!

און דאַך, — ווי שרעקליך איז אַ שׂרפה! און נישט דאָס פייער איז אַזוי שרעקליך, דאָס פייער איז שעהן און גרוים, דרך־ארץ האָב איך פאַר פייער, וואָס רייניגט אַלץ... נאָר דאָס געשריי, דאָס געפּילדער איז נישט צום אויסהאַלטען!

דאָס געיאָמער פון קראַנקע, דאָס קנאַקען פון באַלקען, פון ווענד, דאָס רעדערן, סיקען און פייפען, די געשרייען פון דער פאָזשאַרנע־קאָמאַנדע, די אַפּוטרופּסים מיט היזך אויסגעשרי־גענע עצות — פוי!

אַזאַ קאָנצערט, הערט זיך נאָר אין גיהנם...

דאָס פייער ווערט אויך בייז! גאַנצע בונטען פלאַמען יאָגט עס אויף די לייט. עס וואַרפט אויף זיי מיט באַלקען! מיט טהירען און פענסטער; אַ מלחמה! אַ שרעקליכע מלחמה!

און ער?

ער, דער קדוש, שטעהט זיך אויפ'ן שפּיץ דאַך, אין מיטען פייער, אַרומגענומען ביז'ן גאַרטעל מיט רויטע און בלאָהליכע שלאַנגען...

און ער שטעהט, און רופט, און זיין קול שניידט זיך דורך דעם גאַנצען גיהנם'דיגען גערודער און שלאָגט זיך צו צו יעדענס האַרץ...

— „שמע ישראל!" רופט ער!

אויסער דעם קדו"ש האָט דאָס פייער קיינעם נישט גע־שאַדט.

דאָס דול־הויז איז געוועזען אַסעקורירט; דול־הייזער אַסעקורירען זיך איינער ביים צווייטען, דאָקטאָרען קריגען

גייע אינסטרומענטען צו אָפּעראַציעס... די פּאָזשאַרנע־קאָמאַנדאָ — געלד, אַפּוטרופּסים — כבוד, וועניג איינגעשטעלט דאָס לעבען האָבען זיי זיך, און די משוגעים האָט מען דערוויִיל אַריינגענומען אין איין סאַלע...

פערשטעהט זיך, אַז וואָס מעהר משוגעים עס פערזאַמעלט זיך אויף איין אָרט, שטאַרקער פיה'ען זיי זיך; און וואָס מעהר די משוגעים פיהלען זיך שטאַרקער, פיהלען זיך שוואַכער די וועכטער.

דער לאַרם געהט טאַקי ביז'ן הימעל אַריין.

יענטעל איז דאָ אויך איין איינגעהערין, פיהרט דאָס רעדעל.

— דאָס געשעפט, — זאָגט זי — פערגרעסערט זיך; דער ריוח ווערט דאָך קלענער; קוים פרנסה. זי האָט, נעביך, צו דערנעהרען אַ קראַנקען מאַן מיט אַ גאַנץ געזינדעל.

און דאָס געזינדעל, ווי זי זאָגט, בעשטעהט, פון צוויי טעכטער אַלמנות מיט קינדערלעך, צוויי טעכטער מיט מענער און אויך מיט קינדערלעך, אַ חוץ קינדער פון ערשטען מאַן...

זי האַנדעלט: מיט קרושקעלעך פון ברויט, פּיצלעך טיטון פון אָבגעבּרענטע פּאַפּיראָסען, שטיקלעך ליינוואַנד און טוך, רעשטלעך פון ליכט. טהייל מאָל איז אַ שטיקעל שנייץ אויך אַ סחורה.

אַלס געלד געהען שטיקלעך גלאָז, קאָליערט גלאָז איז גאָר גאָלד אין דער מע'ה... קאָליערט פּאַפּיער, איז באַנקאָ־צעטעל, ווייס — קוויטלעך אין וועקסלען.

און זי שרייט:

— רוצחים! דאָס איז מיין גאַנץ עשרות די סחורה! וואָס גנב'עט איהר? וואָס רייסט איהר? וואָס ציהט איהר מיר די קליי פון די ביינער?

די קונים שוויינען אייך נישט.

זיי שרייען, אַז זי בעריסט, גיט פאַלשע וואָג און מאָס.

אַחשורוש, דער מלך פון הודו — דער אויווען רעכטס — ביז כּוש — די טהיר אין קיך אַריין לינקס, — געהט אַרום

מיט אַ גדלות, פערשרייבט מיט אַ נאַסען פינגער, אויף אַ שויב צי אויף אַ וואַנד, דעם חשבון פון „מסים וארנוניות״, וואָס איהם קומט שוין פון מסחר...

— איך בין דיך מתרה, יענטעל! דו פאַלסט אריין אין טורמע!

— זרח, — רופט ער צו אַ קונה, — דיר וועל איך אויך נישט שענקען! איך זעה — ווילסט מאַכען פליטה: פון אַמעריקאַ וועל איך דיך ביי די האָר הייסען אַהער שלעפּען! איך האָב דאַרטען אויך מיינע לייט! נישט קשה!

איין אַנדערן רופט ער צו:

— קויף אין פערקויף אַנדערטהאַלב-מיליאָן פוד, קריעגסט דו אַ „פּאַציאַטנע״!

מהייל מאָל רוקט ער זיך צו צו גאַזעמאַן, וואָס זיצט פערטראַכט אין אַ ווינקעלע, אָדער צו ליב פילוסוף מיט יוחנן מלמד, וואָס זיצען אין אַ זייט פערזונקען אין אַ וכוח וועגען תכלית פון דער וועלט, פון מענש און אַלערליי אַנדערע זאַכען...

ער שטעלט זיך אָב, לעגט אַ פינגער אויף דער נאָז און זאָגט:

— שווייגט בעסער...

אַ'נישט, לעגט ער זיי נאָר פאַר אַ האַנדעלס-פערטראַג... און אַזוי רודערט זיך ביז דער האָהן קרייעט.

פאַר וואָס גראַד ביז דער האָהן קרייעט? פאַר וואָס שפּיעלט דער האָהן מיט'ן קרייען אַזאַ גרויסע ראָלע אין שפּיטאָל?

— זאָרי, שפּיעלט ער, — זאָגט אַחשורוש, און „זאָרי״ פערשטעהט מען איז אַ גרויסע זאַך.

— סימנא בעלמא — זאָגט דער מלמד. — מען האָט געדאַרפט אַ צייכען, וואָס עס איז פאַר אַ צייכען, האָט מען זיך אָנגעחאַפּט אין האָהן...

ליב פילוסוף זאָגט. אַז עס מוז דאָך עפּיס שמעקען דערינען. דען, פאַר וואָס דוקא אַ האָהן, נישט אַ הוהן?

— אַ הוהן קרייעט נישט, קען נישט קרייען, — פאַלט איהם יענטעל מיט כעס, אין די רייד אַריין, — צו מיינע שונאים'ס קעפּ — —

— בייטעל נישט, — ענטפערט ליב קאַלט ווי אייז... היהנער בטבע זענען גלייך צו העהנער... זיי וואָלטען געקאָנט קרייען, נאָר מען האָט זיי אָבגעוואָהנט... אַז אַ הוהן קרייעט קוילעט מען זי...

— ווייטער די אייגענע קשיא, פאַר וואָס? — מאַבט יוחנן.

— איך וועל קלערען דעריבער, זאָגט ליב. און, — ניט ער צו שטאָלץ — עס איז צייט... איך אייל מיך נישט! נישט דאָס וויסען איז דער עיקר, נאָר דאָס קלערען!

איך וויל אויך קלערען נאָר מיין קאָפּוועהטאָג וואַקסט פון טאָג צו טאָג, זייט די משוגעים זענען צוזאַמען, איז סכנת נפשות... די טויזענדער נייע וועגען, וואָס זיי זוכען אין אַלע זייטען, קרייציגען זיך און פערקניפּען; שווינדעלט פאַר די אויגען אַ בעשטענדיגער, בליצענדיגער קאַלעידאָסקאָפּ מיט פערפּלאָנטעטע ברענענדיגע ליניען... דער מוח וויל מהיל מאָל פּלאַצען. איך קלער שוין אַפילו נישט, ווער איך בין, אַ רופא צי אַ חולה, וויל, איך בין זיכער, אַז אויב איך בין נאָך נישט משוגע, וועל איך עס היינט מאָרגען ווערען.

דער משולח

דער משולח.

ער געהט, און דער ווינד צויאָגט די פּאָלעס און די ווייסע באָרד.

אַלע מאָל חאַפּט ער זיך אָן מיט דער רעכטער האַנד אין דער לינקער זייט! עס גיט איהם אַלע מאָל דאָרט אַ שטאָך. ער וויל זיך דאָך נישט מודה זיין; ער וויל זיך דוקא איינרעדען, אַז ער טאַפּט נאָר ביי דער בוזעם־טאַש.

— איך זאָל נאָר דעם קאָנטראַקט מיט דעם געלד נישט פערלירען! אַט פאַר דעם מבלומר'שט ציטערט ער.

— און אַפילו עס שטעכט, איז אויך אַ נאַרישקייט! איך האָב נאָך, געלויבט איז גאָט, גענוג כח אויף אַזאַ שליחות. אַנדערע אין מיינע יאָהרען וועלען שוין קיין וויאָרסט נישט אָבגעהן, נאָר איך, געלויבט איז זיין ליעבער נאָ־ען, דאַרף נאָך נישט צו קיין מענשען און פערדיען מיר אַליין מיין ברויט... געלויבט איז גאָט, מען געטרויעט מיר געלד!

— ווען איך האָב מיין אייגענס — טראַכט ער ווייטער — וואָס מען געטרויעט מיר, וואָלט איך אין שליחות צו זיעבעציג יאָהר נישט גענאַנגען; וויל אָבער דער רבונו של עולם אַזוי, איז אַזוי גוט!

עס הויבט אָן צו פּאַלען גראָבע פלאַבעס שנויי; ער ווישט זיך אַלע מאָל דאָס פּנים.

— איך האָב נאָך — טראַכט ע׳ — אין גאַנצען אַ האַלבע מייל, אָ ווא! אויך מיר אַ גאַנג! אַ סך נעהנטער ווי ווייטער! ער דרעהט זיך איבער — מען זעהט שוין אַפילו נישט דעם שטעדטישען

זייגער, נישט דעם קלויסטער, נישט די קאַזאַרמע. „גו, שמריה, פאָהר!“

אין שמריה פאָהרט אין דעם נאַסען שניי; די אַלטע פיס קאָפּען זיך אַריין און אַרויס. — „געלויבט איז גאָט, עס איז קיין גרויסער ווינד נישט!“

גרויס, האָט אַ פּנים, ביי איהם געהייסען אַ שטורם־ווינד; דער ווינד איז געוועזען געווגוג שטאַרק און געיאָגט גלייך אין פּנים אַריין, אַז עס האָט איהם אַלע מאָל אָטהעם פערפעהלט; ער האָט איהם אַרויסגענאַרט אַלע טרעהרען פון די אַלטע אויגען, וואָס האָבען איהם געשטאָכען ווי שפּילקעס. נאָר אויף די אויגען ליידט ער תּמיד.

פאַר'ן ערשטען געלד, פאַלט איהם איין, קויפט ער זיך וועגס־ברילען. — אַזוינע גרויסע, קיילעכדיגע; זיי זאָלען די גאַנצע אויגען פערשטעלען.

גאָט זאָל וועלען — טראַכט ער — וואָלט איך צו דעם אויך געקומען! עס זאָל נאָר זיין אַלע טאָג אַ שליחות, און ווייט, גאָר ווייט! געהן, ב"ה, קען איך, וואָלט איך מיר שוין אָבגעשפּאָרט אויף אַ פּאָר ברילען...

ער דאַרף אפילו אַ שטיקעל פּעלצעל אויך. עס וואָלט איהם לייכטער געוועזען אויף דער ברוסט... ער רעכענט איבער, אַז דערווייל האָט ער נאָך אַ וואַרעמע קאַפּאָטע!

— זי זאָל זיך נאָר נישט רייסען, וואָלט זי גאָר וואָהל געוועזען. ער שמייכעלט מיט פערגעניגען. דאָס, — טראַכט ער — איז נישט קיין היינטיגע קאַפּאָטע, קיין קיי און שפּיי, קיין שפּינוועבס! נאָר פּערציייטישער לאַסטיג; דאָס, וועט מיך איבער־לעבען! און אָהן אַ שפּאַלט, דאָס איז אויך אַ מעלה; זי צופליהט זיך נישט אַזוי ווי אַ היינטיגע סחורה, און פון פּאָרענט פערלעגט זי זיך אויף איין איל!...

— אַ פּעלצעל — טראַכט ער ווייטער — איז אייגענטליך בעסער. אַ פּעלצעל איז וואַרעם, גוט וואַרעם. נאָר אַלץ פריהער ברילען. אַ פּעלצעל איז נאָר גוט ווינטער און ברילען דאַרף מען תּמיד, דען זומער, אַז עס מאַכט זיך אַ ווינד און יאָגט דעם

שטויב גלייך אין די אויגען אריין, איז ערגער ווי ווינטער!

און עס בלייבט, אז פריהער זענען ברילען, דערנאך ערשט א פעלצעל! דער אויבערשטער זאל נאר העלפען, ער זאל אבנעמען דעם ווייץ... א פיער גילדען וועט ער א וודאי חאפען...

און ער שלאפעט ווייטער, און דער נאסער שניי פאטשט איהם אין פנים אריין, דער ווינד ווערדט אלע מאל שטארקער און די זייט שטעכט אלע מאל מעהר.

— דער ווינד זאל זיך נאר וועלען איבערדרעהען! נאר מן הסתם — טראכט ער — איז אזוי גלייכער, צוריקצוועגס וועל איך מעהר מיער זיין, וועל איך איהם דעמאלט האבען פון הינטען! א דעמאלט וועט עס גאר אנדערש געהן! אלץ פערזארגט! גרינג אויפ'ן הארץ!

ער האט זיך געמוזט אבשטעלען א רגע און דעם אטהעם חאפען. דאס שרעקט איהם א ביסעל איבער:

— וואס איז אזוינס מיט מיר געשעהן? וועניג פרעסט און ווינטען האב איך אויסגעהאלטען אלס קאנטאניסט? פרעגט ער זיך טרויעריג און האלב דערשראקען.

און ער דערמאהנט זיך זיין סלוזשבע אלס ניקאלאיעווסקער סאלדאט. פינף און צוואנציג יאהר רייגע סלוזשבע אונטער דער ביקס, חוץ די קינדערשע יאהרען אלס קאנטאניסט. ער איז זיך געניג אנגעגאנגען אין זיין לעבען, געמארשירט איבער בערג און טהאל, אין שניי און פרעסט און א ערליי זאווערוהעס. און וועלכע שנייען, וועלכע פרעסט! די בוימער פלעגען פלאטצען, פויגעלעך פלעגען טוירט אראבפאלען אויף דער ערד — און דער רוסישער סאלדאט איז געגאנגען פריש, לעבעדיג, און נאך דערצו א ליעדעלע געזונגען א טרעפאק, א קאמארינסקי און מיט די פיס צוגעקלאפט!

דער געדאנק, אז ער האט גאנצע פינף און דרייסיג יאהר אויסגעהאלטען די פארצייטיגע סלוזשבע, אויסגעשטאנען אלע צרות, אלע שנייען, אלע ווינטען, אלע שלעק, הינגער, דארשט און נויטען, און א געזונדער אהיים געקומען — דער געדאנק מאכט

איהם גרוים! ער הויבט אויף דעם קאָפּ מיט גדלות און נעהט מיט נייעם כח.

— האַ, האַ, וואָס איז גאָר ביי מיר אַזאַ פּרעסטעל? אין רוסלאַנד, דאַכט זיך, איז געווען עפּים אַנדערש!

ער געהט, דער ווינד ווערדט אַ ביסעל שטילער, עס ווערדט אַלע מאָל טונקעלער, עס פאַלט צו די נאַכט.

„אויך מיר אַ טאָג — טראַכט ער — אַ טל ומטר'ל!... און ער הויבט זיך אָן מעהר צו יאָגען, עס זאָל איהם נישט די נאַכט בעפאַלען. נישט אומזיסט געהט ער שבת אין שולבעל לערנען תורה, ער ווייסט: מען דאַרף אַרויסגעהן און צוריק־קומען בכי טוב!

ער פיהלט אַ ביסעל הונגער, און אַ טבע האָט ער, אַז ווען ער ווערט הונגעריג, ווערט ער לוסטיג! ער ווייסט, אַז אַפּעטיט איז אַ גוטע זאַך; זיינע סוחרים, וואָס שיקען איהם אין שליחות, וויינען תמיד נאָר אויף דעם, וואָס זיי זענען קיינמאָל נישט הונגעריג! ער האָט, ב"ה, אַפּעטיט! אויסער, אַז ער איז נישט בקו הבריאה ווי, למשל, נעכטען; ער איז קראַנק געוועזען, האָט זיך איהם געדאַכט, אַז דאָס ברויט איז זויער.

— גנה, וואו איז עס זויער געווען; זעלנעריש ברויט! אַמאָל אפשר יאָ, אָבער היינט? באַקט פּאַניע אַזאַ ברויט, אַז די יודישע בעקערס מעגען זיך בעהאַלטען. און געקויפט האָט ער אַ פּריש ברויט! עס איז געווען אַ מחיה צו שניידען. ער איז אָבער נישט געוועזען בקו הבריאה, עפּים האָט איהם אַ קעלט געיאָגט דורך די ביינער.

— נאָר געלויבט איז דער, וואָס ער איז נישט ווערטה זיין נאָמען צו גערענקען, עס טרעפט זיך איהם זעלטען!

אַצונד האָט ער אויך אַפּעטיט, ער האָט אפילו אין קעשענע ברויט מיט אַ שטיקעל קעז... דאָס שטיקעל קעז האָט איהם דעם סוחר'ס ווייב געגעבען, לעבען זאָל זי און געזונד זיין! זי איז טאַקי אַ בעל צדקה, זי האָט אַ יודיש האַרץ.

— זי זאָל נאָר נישט אַזוי קללה'ן — טראַכט ער — וואָלט זי געווען גאָר אַ וואָהלע יודענע!... ער דערמאַהנט זיך אין זיין געשטאָרבען ווייב.

— גאָר מיין שפרינצע ניעפריטשקעס! זי האָט אויך געהאַט אַ גוט האַרץ, און אַזאַ טבע צו קללה'ן. וואָס פאַר אַ קינד איך האָב אַוועקגעשיקט אין דער וועלט אַריין, האָט זי געוויינט ווי אַ ביבער, חאָטש אין דער היים האָט זי זיי געשאָלטען מיט טוידטע קללות! ווער שמועסט — דערמאַהנט ער זיך — אַז איינס איז געשטאָרבען! זי האָט זיך געוואָרפען גאַנצע טעג ווי אַ שלאַנג אויף דער ערד, געהאַקט זיך מיט די פויסטען אין קאָפּ אַריין.

איינמאָל האָט זי גאָר געוואָלט וואַרפען אַ שטיין אין הימעל אַריין!

— „אָט, זעהסט דו — טראַכט ער — גאָט מאַכט זיך אַ סך פון אַ נאַרישע יודענע!... זי לאָזט אָבער נישט אַרויס־נעמען די מטה מיט'ן מת! זי פאַטשט אויס די ווייבער, דער חברה גישאים רייסט זי אויס די בערד!"

„אַ שעהנע גבורה האָט געשטעקט אין דער שפרינצען! עס האָט זיך געדאַכט אַ פליג, און אַזאַ כח, אַזאַ כח!..."

— פאָרט, זי זאָל עס מיר מוחל זיין, אַ גוטע געווען! זי האָט אפילו מיך אויך נישט פיינד געהאַט. חאָטש זי האָט מיר קיינמאָל קיין גוט וואָרט נישט געגעבען!

געשריגען האָט זי: אַ גט, אַ גט! אַז נישט וועט זי אַזוי ענטלויפען! נאָר וואו האָט זי געוואָלט אַ גט!

ער דערמאַהנט זיך עפּיס און שמייכעלט...

די מעשה איז שוין לאַנג, לאַנג... דענסטמאָל איז נאָך גע־ווען די קאָנסומציע און ער איז געווען אַ נאַכט־וועכטער, אין אַרום־געגאַנגען גאַנצע נעכט מיט'ן אייזערנעם שטעקעלע, מען זאָל נישט אַריין־גנב'נען בראָנפען!

סלוזשבע האָט ער געקענט, ביי פאַניען איז אַ גוט חדר, ער האָט גוטע מלמדים געהאַט!... פאַר טאָג, ווינטער איז עס געווען, עס קומט איהם אָב־בייטען דער טאָג־וועכטער, חיים

יונה — איז שוין אויפ'ן עולם אמת — און ער געהט אהיים גע-פרוירען, פערשטארט! ער קלאפט ביי דער טהיר און זי שרייט איהם ארויס פון בעט:

„געה אין דער ערד צריין! איך האב געמיינט דיין נאמען וועט אהיים קומען".

אהא! זי איז בעז נאך פון נעכטען ביי טאג! ער קען זיך אפילו נישט דערמאהנען וואס נעכטען איז אזוינס געוועזן, נאר זיין האט דאך עפיס געמוזט.

— „פערמאך דאס מויל און עפען!" שרייט ער.

— „דעם קאפ וועל איך דיר עפענען!" הערט זיך א קלארע תשובה.

— לאז מיך אריין! שרייט ער.

— אין דער'ערד אריין געה! ענטפערט זי

און ער האט זיך מישב געוועזן און איז געגאנגען אין בית המדרש אריין. ער האט זיך געלעגט שלאפען אונטערן אויווען. צום שלים-מזל איז געוועזען א סוואנד, ער איז פערגארעט געווארען, און מען האט איהם אהיים געטראגען א טויטען...

„א קליינינקייט האט דעמאלט שפרינצע איבער-געארבייט!" ער האט שפעטער גאנץ גוט געהערט וואס זי האט איבער-געארבייט.

מען זאגט איהר: עס איז גאר נישט, א סוואנד.

ניין! זי וויל נאר א דאקטאר; זי האט בדעה צו חלש'ן, צו ווארפען זיך אין וואסער אריין, און שרייט נאר: מיין מאן מיין מאן, מיין תכשיט!

ער נעמט צוזאמען אלע כחות, זעצט זיך אויף און פרעגט זי געלאסען!

— שפרינצע, ווילסט א גט?

— נעם איין... זי האט דאך נישט געענדיגט די קללה און ארויסגעלאזט א געוויין...

— שמריה, ווי מיינסט דו, גאט וועט מיך נישט שטראפען פאר מיינע קללות, פאר מיין רשעות?...

קוים איז ער אָבער געזונד געוואָרען — צוריק די אייגענע שפּרינצע: אַמויל אויף רעדער, אַ צונג אויף שרויפען, און אייזען שטאַרק, זי קראַצט ווי אַ קאַץ, האַ, האַ! אַ שאָד שפּרינצע! זי האָט אפילו קיין נחת פון די קינדער נישט דערלעבט.

עס מוז זיי גוט געהן אויף דער וועלט; אַלע בעלי מלאכות. די מלאכה לאָזט נישט שטאַרבען פאַר הונגער! כח האָבען זיי, אין מיר אַריין געראָטען; אַיי וואָס, זיי שרייבען נישט, וואָס איז? אַליין קענען זיי נישט, און געה בעט ערשט איין אַנדערן, יענער זאָל שרייבען! און וואָס פאַר אַ טעם האָט אַזאַ בריעף? ווי איבער-געשוועבקטע יויך! און גלאַט מיט דער צייט... יונגע קינדער פערגעסען... עס מוז זיי דאָך גאָר גוט זיין...

נאָר שפּרינצע געביך ליעגט אין דער ערד! אַ שאָד שפּרינצע!

— אַזוי ווי קאָנסומציע האָט אויפגעהערט איז זי געוואָרען אוים מענש! טאַקי, איידער איך האָב מיך געזעגנט צום שליחות, צו זאָגען דעם פּריץ: יאַשניע פּאַניע, נישט וואַשע וויסאָקאָ בלאַגאָראָדיע, איידער מען האָט מיר געטרויעט קאָנטר-אַקטען מיט געלד — האָט געפעהלט דאָס שטיקעל ברויט...

מילא איך, זעהסט דו, אַ מאַנספּערשוין, אַ געוועזענער קאַנטאָניסט, עסט מען נישט אַ טאָג! איהר אָבער איז עס געגאַנגען, אימשטיינס געזאָגט, אינ'ם גאַנצען לעבען! אַ נאַרישע יודענע, זי פערלירט באַלד די כחות, זי האָט שוין אפילו נישט געקאָנט שעלטען, דער גאַנצער שייגעץ איז איהר פון קאָפּ אַרויס, און נאָר געוויינט...

עס איז מיר נמאס ומאיס געוואָרען פאַר'ן לעבען... עפּיס האָט זי גאָר מורא געקריגען פאַר מיר! זי האָט גאָר מורא געהאַט צו עסען, מיר זאָל נישט פעהלען, אַז איך זעה, אַז זי האָט מורא, בין איך ביי קיראַוש, איך שריי, איך שעלט! למשל: פאַר וואָס געהסט דו נישט פּרעסען?! איך פאַל אַמאָל אין אַ רציחה אַריין און וויל זי פּשוט שלאָגען, נאָר גיעה שלאָג אַ וויינענדיגע יודענע, אַז זי זיצט פערלעגט די הענד און ריהרט זיך נישט! איך לויף צו מיט איין קולאַק, שפּיי אין איהם נאָך

אָן, און זי ענטפערט מיר: „עס פריהער דו אָב, איך וועל גאָך־דעם עסען!” און איך האָב געמוזט פריהער אָבבייסען פונ'ם ברויט, און איהר איבערלאָזען די רעשט...

אמאָל נאַרט זי מיך אַרויס אין גאַס אַריין: איך וועל שוין עסען, געה נאָר אין גאַס אַריין; געה, אפשר וועסט דו עפּיס פערדיענען, און מכלומר'שט שמייכעלט זי דערביי, און גלעט מיך אמאָל!

און אַז איך געה אין קום צוריק, טרעף איך כמעט דאָס אייגענע ברויט! זי רעדט מיר איין, אַז זי קען נישט עסען קיין טרוקענס, זי דאַרף גאָר אַ גריץ!

ער בויגט אַראָב דעם קאָפּ, גלייך עס וואָלט איהם געדריקט אַ שווערע לאַסט און די טרויעריגע געדאַנקען יאָגען:

— און וואָס פאַר אַ ילולות זי האָט געמאַכט, אַז איך האָב געוואָלט מיין שבת'דיגע קאַפּאָטע, אָט די וואָס איך טראָג — פערזעצען! מעשים האָט זי געאַרבייט און געלאָפען און פערזעצט איהרע מעשענע בענטש־לייכטער, און ביז אין טויט אַריין שוין געבענטשט אין קאַרטאָפעל!... פאַר'ן טויט האָט זי מיר מודה געווען, אַז זי האָט קיין מאָל נישט געוואָלט קיין גט, אַז זי האָט נאָר אַ בעז מויל געהאַט.

— די צונג, די צונג, האָט זי געשריגען, רבונו של עולם, זיי מיר מוחל די צונג! און איז מאָקן געשטאָרבען אין איין פחד. מען זאָל איהר אויף יענער וועלט נישט הענגען אויף דער צונג!

— גאָט, מאַכט זי צו מיר, וועט קיין רחמנות אויף מיר נישט האָבען; איך האָב צופיעל געזינדיגט! נאָר אַז דו וועסט קומען, נישט באַלד, חס ושלום! איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר, אַז דו וועסט קומען, געדענק, האָב מיך אַראָב פון תליה! זאָג דעם בית דין של מעלה, אַז דו האָסט מיר מוחל געווען!

זי האָט באַלד פערלוירען די געדאַנקען, אַליין גערופען די קינדער! עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זיי זענען דאָ אין שטוב, אַז זי רעדט מיט זיי, און האָט זיי אויך געבעטען מחילה.

אַ נאַרישע יודענע, ווער וואָלט איהר נישט מוחל געווען.

ווי אַלט איז זי געווען אין גאַנצען? אפשר אַ יאָהר פופציג! אַזוי פריה געשטאָרבען! אַ קלייניגקייט, אַז אַ מענש נעמט זיך אַליין צו דאָס לעבען, אַז וואָס מען טראָגט אַרויס פון שטוב צו פערזעצען, טראָגט מען אַרויס האַלב געזונד, שטיקער פלייש!...

טאָג אויף טאָג איז זי גרינער און געלער, קלענער און דאַרער געוואָרען.

זי האָט געזאָגט, אַז זי פיהלט ווי דער מאַרך טריקענט איהר אין די ביינער... זי האָט געוואוסט, אַז זי וועט שטאַרבען!...

ווי האָט זי ליעב געהאַט די שטוב מיט אַלע זאַכען! וואָס מען האָט אַרויסגעגעבען, אַ בענקעל, אַ בלעכענע עסע, איך ווייס וואָס, האָט זי עס בעגאָסען מיט ביטערע טרערען! זי האָט זיך מיט יעדער זאַך געזעגענט ווי אַ מאַמע מיט אַ קינד!... מישטיינס געזאָגט, אַרומגעכאַפּט און כמעט געקישט... „אָהאָ! מאַכט זי, ווען איך וועל שטאַרבען, וועסט דו שיין נישט זיין אין שטוב!"

אַ מעשה, אַ נקבה איז פאָרט אַ נאַר! אַ רגע איז זי אַ קאָזאַק אין כפּידניצע, און אַ ליאַדע וואָס — ערגער ווי אַ קינד! וועהסט די שוין, ביי שטאַרבען איז אַ וודאי אַ חלוק צי מיט אַ בענקעל צי אָהן אַ בענקעל!...

— פע! — האַקט ער זיך אַליין איבער די געדאַנקען, — וואָס מיר קומט אַלץ אין קאָפּ אַריין, דורך די פּוסטע זאַכען געה איך וואַלגע.

— נו, זעלנערישע פיס, טראָגט ווייטער! — קאָמאַנדירט ער מיט זיך.

ער קוקט זיך אום — אַרום און אַרום שניי; אויבען — אַ גראָהער הימעל מיט שוואַרצע שמאַטעס געלאַטעט; — גאָר מיין אינטערשטע קאַפּאָטע! — טראַכט ער — שיינעט מיט לאַסטיקענע לאַטעס! רבונו של עולם, דיר פעהלט אויך קרעדיט אין געוועלב?

דערהייל נעמט אַ פראָסט. די באָרד און די וואָנסעס זענען אייז, אין גוף איז אפילו נישט קשה, דער קאָפּ איז גאָר וואַרעם, אויפ'ן שטערן פיהלט ער טראָפּען שווייס; נאָר די פיס ווער'ען וואָס אַמאָל קעלטער און שוואַכער.

שוין נישט ווייט, ער האָט דאָך חשק זיך אָבצורוהען און ער שעמט זיך פאַר זיך אַליין. דאָס ערשטע מאָל דאַרף ער זיך אָברוהען ביי אַ שליחות פון צוויי מייל וועג. ער וויל זיך נישט מודה זיין, אַז ער איז איין אַכציגער און עס איז שוין צייט דערויף.

ניין, ער מוז געהן... נאָר געהן... כל זמן מען געהט, געהט מען, עס טראָגט זיך; קוים גיט מען נאָך דעם יצר הרע און מען רוהט זיך אָב, ווערט מען שוין אַ לייט!

מען קען זיך גלאַט פערקיהלען, שרעקט ער זיך אַליין איבער, — און וויל זיך אַלץ אויסרעדען דעם שטאַרקען חשק צום אָברוהען.

— נישט ווייט שוין צום דאָרף, דאָרט וועל איך אויך צייט האָבען!

— דאָס, — טראַכט ער — וועל איך יאָ טהון: איך וועל נישט געהן גלייך צום פריץ... ביים פריץ מוז מען וואַרטען אַ שעה אין דרויסען... נאָר גלייך צום יוד.

— חאָטש גוט, — טראַכט ער — וואָס איך האָב נישט קיין מורא פאַר דעם פריצ'ס הונד; פון דעסטוועגען, ביי נאַכט, אַז מען לאָזט אָב דעם בורען, איז פאָרט אַ סכנה; איך האָב מיט אפילו מיין וויטשערע, און בורי האָט ליעב קעז, פאָרט בעסער פריהער אויסרוהען די ביינער! איך וועל מיר פריהער געהן אריין צום יוד, אָנוואַרמען זיך, וואַשען זיך, עפּיס עסען...

און עס קומט איהם וואַסער אין מויל אריין; ער האָט פון אין דער פריה אָן נישט געגעסען; נאָר דאָס איז אַ קלייניגקייט, איהם אַרט נישט, וואָס ער איז הונגעריג; ער האָט הנאת דערפון: אַז מען איז הונגעריג, איז אַ סימן, אַז מען לעבט! נאָר די פיס!...

ער האָט נאָך אין גאַנצען אַ צוויי ווייערסט, ער זעהט שוין אַרויס דעם פריצ'ס גרויסע שאַפּע... נאָר די פיס זעהען נישט, זיי ווילען זיך דוקא אָברוהען!

— און ווידער פערקעהרט, — טראַכט ער זיך, — וואָס איז, אַז איך וועל מיך אַ ביסעל אָברוהען? אַ מינוט, אַ האַלבע

מינוט! אפשר יאָ? לאָז מיך נאָר פּרובען! אַזוי לאַנג פּאָלגען מיך די פיס, וועל איך זיי אויך אַמאָל פאָלגען!

און שמריה זעצט זיך אין דער זייט אויף אַ בערג׳ל שניי. אַצונד הערט ער ערשט ווי דאָס האַרץ קלאַפּט אין איהם ווי אַ האַמער און עס שטעכט, און דער קאָפּ שוויצט...

ער דערשרעקט זיך... צי ווערט ער נישט קראַנק? ער האָט ביי זיך פרעמד געלד! ער קאָן בלייבען, חס ושלום, חלשות... און ער טרייסט זיך: געלויבט איז גאָט, וואָס קיינער געהט נישט! און אפילו עמיץ זאָל געהן, וועט איהם אויך נישט איינפאַלען, אַז איך האָב געלד ביי מיר... מ׳שטיינסגעזאָגט, ווען מ׳געטרויעט געלד!... נאָר אַ קאַפּ זיצען, דערנאָך וואַליי!

נאָר די ברעמען פאַלען איהם צו ווי בליי.

— ניין, הויב דיך אויף שמריה, ווסטאַוויי! קאָמאַנדירט ער מיט זיך.

קאָמאַנדירען קאָן ער נאָך, אָבער אויספיהרען נישט, ער קען זיך נישט ריהרען. איהם דאַכט זיך דאָך אַז ער געהט, אַז ער געהט אַלע מאָל שטאַרקער! אָט זעהט ער שוין אַלע הייזלעך... דאָ וואָהנט אַנטעק, דאָרט באַזילי; ער קען זיי אַלע, ער דינגט ביי זיי פוהרען... צום יוד איז נאָך ווייט, נאָר גלייכער צום יוד... מ׳טרעפט דאָרט אַמאָל מזומן... און איהם דאַכט זיך, אַז ער געהט צום יוד׳ס הייזעל; נאָר עס רוקט זיך אָב אַלע מאָל ווייטער, ווייטער... מן הסתם דאַרף אַזוי זיין... עס ברענט דאָך אַ פרעהליך פייער׳ל אויפ׳ן קוימען, דאָס גאַנצע פענסטער׳ל איז לוסטיג און רויט, די גראָבע מירל שוימט אַ וודאי אַ גרויסען טאָפּ קאַרטאָפעל, און זי איז איהם שטענדיג מכבד מיט אַ קאַרטאָפעל; אַ פערגעניגען אַ הייסע קאַרטאָפעל! און ער רוקט זיך ווייטער. אַזוי דאַכט זיך איהם אבוואהל ער זיצט אויף איין אָרט.

דער פראָסט האָט אַ ביסעל געלאָזט, עס הויבען אָן פאַלען ברייטע, דיקע פלאַכעס שניי.

איהם איז, אַ פנים, אויך וואַרעמער געוואָרען אין דער שניי-קאַפּאָטע. און עס דאַכט זיך איהם, אַז ער איז שוין ביים

יור אין שטוב. מירל זאַיערט די קאַרטאָפעל, ער הערט ווי דאָס וואַסער גיסט זיך, זיור, זיור, זיור, און אַזוי גיסט זיך פון זיין לאַסטיקענער קאַפּאָטע אויך. יונה גיהט אַרום און זינגט אונטער דער נאָז; זיין שטייגער איז צו זינגען נאָך מעריב, ווייל דעמאָלט איז ער הונגעריג, און מאַכט אַלע מאָל: „נו מירל!"

נאָר מירל יאָגט זיך נישט: „וואָלנער טהיט זיך בעסער!"

— צי שלאָף איך און עס חלומט זיך מיר? ווערדט ער ראַפּטום פרעהליך־דערשראָקען. עס דאַכט זיך איוהם, אַז עס עפענט זיך די טהיר און עס קומט אַריין זיין עלטערער זוהן... חָנָה! חָנָה! אָה! ער דערקענט איהם! וואָס טהוט ער דאָ? נאָר חָנָה דערקענט איהם נישט, און ער מאַכט זיך נישט וויסענדיג... חאַ, האַ, חאַ! ער דערצעהלט יונה'ן, אַז ער פאָהרט צום טאַטען, ער האָט דעם טאַטען נישט פערגעסען! און יונה ממזר זאָגט איהם נישט, אַז דער טאַטע זיצט אויפ'ן באַנק־בעטעל!... מירל האָט צו טהון: זי איז פערנומען ביי די קאַרטאָפעל, זי וועט נישט מפסיק זיין; זי שמייכעלט נאָר, זי רייבט די קאַרטאָפּעל מיט'ן גרויסען הילצערנעם לעפעל און שמייכעלט!

— אָה! חָנָה מוז זיין רייך, גאָר רייך! אַלץ איז אויף איהם גאַנץ, און אַ קייט... אפשר טאָמביק? ניין, אַ וודאי גאָלד! חָנָה וועט נישט טראָגען קיין טאָמביקענע קייט, ח"ו... חאַ! חאַ! האַ! — ער גיט אַ קוק אויפ'ן פיעקאַליק... האַ! חאַ! חאַ! — ער פלאַצט שיער פאַר געלעכטער. יעקעל, בערעל, זכריה... אַלע דריי... האַ! חאַ! האַ! זיי האָבען זיך בעהאַלטען אויפ'ן פיעקאַליק, דאָס איז גנבים! חאַ! האַ! חאַ! אַ שאָד שפּרינגצע, אַ שאָד! זי זאָל חאָטש אויך האָבען דאָס נחת! דערזוויל בעשטעלט חָנָה צוויי גענז. „חָנָה! חָנָה! דערקענסט מיך נישט? איך בין עס!..." און איהם דאַכט זיך, אַז ער צוקושט זיך מיט חָנָה'ן...

— הערסטו, חָנָה, אַ שאָד די מאַמען, זי זאָל דיך זעהן!... יעקעל, בערעל, זכריה, אַראָב פון פיעקאַליק! איך האָב אייך באַלד דערקענט! קומט אַראָב, איך האָב געוואוסט, אַז איהר וועט קומען! אַ והא ראיה, איך האָב אייך מיטגעבראַכט קעז,

אמת'ן שאַפּענען קעז! זעהט נאָר, קומט קינדער, איהר האָט דאָך עפּים ליעב זעלנעריש ברויט! וואָס? אפשר נישט? אמת אַ שאָד די מאַמע!

און עס דאַכט זיך איהם, אַז אַלע פיער קינדער האָבען איהם אַרומגערינגעלט און האַלטען איהם און קישען און דריקען זיך צו איהם צו.

— נאָר וואָלנע, קינדערלעך! וואָלנע, דריקט מיך נישט צו שטאַרק! איך בין שוין נישט קיין יונגער מאַן, איך בין איין אַכציגער!... וואָלנע, איהר דושעט מיך, וואָלנע, קינדערלעך... אַלטע ביינער! וואָלנע, איך האָב געלד אין קעשענע! מיר, ב"ה, געטרויעט מען געלד!... גענוג, קינדערלעך, גענוג!...

און עס איז געוועזען גענוג... ער איז געבליבען פערשטאַרט מיט דער האַנד אויף דער בוזעם-קעשענע. —

י. ל. פרץ

אַלֶעגָארְיֶען.

פערלאג „פראגרעס“. ווארשא.

АЛЕГОРИ И. Л. ПЕРЕЦЪ

Тип. Левинъ-Эпштейна, Варшава, Павлиная 38
1910.

אינהאלט:

I.	ווינסען , אידעען און „איזמען" .	5
II.	פראמעמעאום .	8
III.	בענייט א תליה (א מעשה)	11
IV.	עולם הבא (א סצענע)	15
V.	וועגען א שווימער , א ראך=בעשלעגער און א פארצעלייען=מיירעלע (דריי טרויעריגע געשיכטען) .	20
VI.	אפען	27
VII.	אביסעל נאטור=געשיכטע (א סצענע)	29
VIII.	ווי אזוי די וואלד=ישיבה איז בטל געווארען	33
IX.	דער בארד (א מעשה'לע)	43

I.

וויסען, אידעען און „איזמען".

וויסען איז איינפאַך ליכט-העלער טאָג.

נאָר דאָס ליכט פילט נישט אויס דעם רוים, דער טאָג — די צייט, דאָס וויסען — דאָס לעבען...

אונזער גאַנצע וויסענשאַפט איז אַ גראָשענדיג ליכטעל אין איין אונענדליך פינסטערער הייל.

אין פינסטערע ערטער, אין פינסטערע צייטען לייכטען אונז אידעאַלען, פינקלען און שימערן אידעען, בליצען „איזמען" און שלאַג-ווערטער.

אידעאַלען זענען ליכטיגע, הויכע שטערן אין די ווייטע ברייטע הימלען.

דערוויַל, ווענינגסטענס, נישט צום דערגרייכען, נישט צום דערלאַנגען;

און דאָס מערהסט איז מען פון זיי נישט צופריעדען:

— איך קאָן זיי נישט אַנטאַפּען! קלאָגט זיך דער בלינדער.

— נישט צום איינבייסען! בייזערט זיך דער הונגעריגער.

— וואָס פאַר אַ טעם האָט עס? פרעגט דער פיינשמעקער, דער פייכיגער בעל-הבית.

— מען זאָל זיי ווענינגסטענס קענען אָברייסען און בענוצען אַלס קאַטיליאָן-שטערן אין קאַרנאַוואַל, זאָגט זיין זוהן דער טענצער, און דער יונגער זוהן דער פּעסימיסט, וואָס איז שוין געוואָרען מיט צוקנווידערטע נערווען און אַ מאַגען-קאַטאַר, שמייכעלט ווייער:

— צי פערמאָגט נישט דאָס זעלבע יעדער גליה־וואָרם? צי בליצן נישט איבער יעדען זומפּ, איבער יעדען געמויזעכטס?

און אויך דער פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק וויל בעסער זיין נאַכט־לעמפּעל, וואָס בעלייכט איהם זיינע ד׳ אמות, פון „צווי און צווי אַ פיער״ . . .

נאָר די פיהרער פון קאַראַוואַנען אין זאַמדיגען סטעפּ, פון שיפ אין אָקעאַן מיט בעהאַלטענע פעלזען און ריפען, ווייסען, וואָס ש ט ע ר ע וואָס א י ד ע אַ ל ע ן זענען.

אויפ׳ן שווייס־ און בלוט־פערגאָסענעם פעלד צווישען מערב און מז שפּראָצען בלומען־אידעען . . . זיי שפּראָצען, בליהען, וואַקסען, לעב בלייבען שטעהן, פערליערען סעקונדען־ווייז דעם גלאַנץ מיט׳ן זאַפט; וועלקען, פערשטויבען און פערשווינדען . . .

נישט וואָהר און נישט פאַלש זענען אידעען, נאָר פריש און אַל בליהענדיג אָדער פערוועלקט.

אַז מען טראָגט איך צו אַ אידעע, בוינט צו די נאָז: פרישע נעה און שטעקט איך אויף דער ברוסט, אַלטע — וואַרפט אַרויס. ווער איז ווייכהערציג זאָל דערביי לאָזען אַ טרעהר.

מיינט אָבער נישט, אַז די פרישע אידעע איז וו א ה ר, אַז זי דער אָבגלאַנץ פון דער מאָרגענדיגער זון . . .

נאָר פאַר אַלטע אידעען — היט איך!

אויב עס געפעלט איך נישט דער הייַנטיגער טאָג, האָט אַ רעכט: ער זאָל זיין דער בעסטער, וואָלט ער אויך דער לעצטער וועזען — האָפט איהר אויף מאָרגען, וואויל איך: עפּעס אינוו זאָגט איך, אַז איהר האָט נאָך וואָס צו דערלעבען, נאָר זוכט נישט בילד אין דעם נעכטיגען טאָג, מאָלט איך נישט דעם „שפּעטער״ מיט שווייס־בלוטיגע פאַרבען פון דער פערגאַנגענהייט; הויבט נישט אויף אַלטען לאַפּען פון מיסט פאַר אַ הייליגען פאָהן און זוכט נישט קיין מען אויפ׳ן בית־הקברות . . .

ווילט איהר בלומען, זוכט איך פרישע.

פ ל ע נ א ר י ע ן.

פּאַרע שטײנער זענען „איזמען", דאָס זענען ליכט-פענגער, ליכט-שוואַמען. נאָר דאָס, וואָס זײ שלינגען איין, גיבען זײ נישט אַרויס צוריק; דערצו ווערט נאָך דער שטראַהל אין די שטײנער פערשידען-אַרטיג געבראָכען.

דערפון קומט דער פלעמיג-פינקעלדיגער גלאַנץ, וואָס טרייסט אונזער אויג אין דער פינסטער, וואָס דערמאָהנט אָן פערלוירענעם און צוריק-געהאַפּטען טאָג; בעגנינגען זיך מיט דעם ליכט קאָנען אָבער נאָר קינדער, ווײַבער און לעדיג-געהער...

בײַם פײַנסטען ברילאַנט קאָן מען קײן בוך לעזען, קײן בריעף שרײַבען, קײן אַרבײַט פערריכטען, — דערצו דאַרף מען דעם טאָג מיט זײַן אײנפאַכען ליכט.

II.

פְּרָאמֶעטֶעאוּס.

רציחה'שע נקמה!

דאָס שטאָהלענע געטליכע האַרץ!

אַ נאַקעטען, האָט ער מיך מיט קאַלטע אייזערנע קייטען צום קאַל־טען פעלזען צוגעשמידט.

און פון דער פייכט־קאַלטער הויך לאָזט זיך איין אָדלער, אַ שוואַר־צער, ברייט־פליגעלדיגער אָדלער, מיט איין אונבאַרמהערציג־קאַלטען בליק אין אויג...

און דאָס קאַלטע אונגעהייער, דער קאַלטער פעלז וועט פון מיר זאַפּען און זאַפּען דאָס וואַרעמקייט פון האַרץ, און דער מערדערישער אָדלער וועט עסען פון מיר די לעבער...

און איביג, אייביג וועל איך ליידען!

דער מערדער ——

די געטליכקייט האָט ער מיר נישט צוגענומען, די אונשטערבליכ־קייט — נישט! אייביג זאָל שלאָגען דאָס האַרץ, דער פעלז זאָל האָבען פון וואָס צו ציהען. און אייביג וועט צוריק און צוריק וואַקסען די לעבער, דער אָדלער זאָל האָבען אייביג צו פרעסען!

אזוי וויל ער, יופיטער —

אזוי איז ער זיך נוקם!

און פאַר וואָס?

ליכט האָב איך ביי'ן איהם געגנב'ט, ליכט — אַ פונק פייער פאַר אָרעמע מענשען!

אַלץ וויל ער זאָל זיין איינגעזונקען אין פינסטערן תהום און פון

דאָרט אַרויפקוקען מיט בעגייסטערט נאַרישע אויגען צו די געטער אויפ'ן
לימפּ, צו די וואָס זיצען איינגעהילט אין פּרעכטיגען ליכט, עסען אַמבראָזיאַ
און טרינקען נעקטאַר!

און ער וועט זיך פון צייט צו צייט אַראָבלאָזען אין פינסטערן תהום
אַריין, און געשטאַלט באַדיי פון אַ קוה — אַרויסצוחאַפּען אַ שעהנע און אַ
טהייערע פּערל פון ים...

און איך האָב זיי ליכט געבראַכט —

חאַ — חאַ — חאַ — עס איז גענוג אַ פונק ליכט! ביי'ן אַ פונק ליכט,
ועהען די געטער, זעהט דער אָלימפּ אַנדערש אויס — און יופּיטער וואָס
קען שוין די קוה-פעל פון זיך אין גאַנצען נישט אַראָב-וואַרפען...

וואָס לאָזט זיך דער אָדלער אַזוי לאַנג אַראָב?

וואָס בעטייטען די רעדער וואָס ער מאַכט אין דער לופט אין דער
הויך?

וויל ער מיך פריהער נאָך שרעקען — איז נישט די שרעק גרעסער
פאַר דער ערגסטער שטראָף?

האַ — ווי שאַרף עס ענטפערט די לופט אויף יעדען ריהר פון די
שוואַרצע פליגעל, אויף יעדען שניט פון די שפּיציג-שוואַרצע ברייטע
מעסער...

און ער שווימט און שווימט...

גאָט אין הימעל איז עס נישט — — —

וואָס?

עס איז דאָך אונמעגליך!

פאַר וואָס? פאַר אַ פונק פייער! אין פייער און פלאַם איינגעטונקטע
געטער זאָלען קאַרגען אַ פונק פייער! יופּיטער וואָס דונערט ביי יעדער
לייכטסטער געלעגענהייט, אויף יעדען געבורטס-טאָג פון דער יונגסטער אָלימ-
פּישער סוברעטע, ביי יעדער מאָלצייט, טהייל מאָל פאַר זיך אַליין ביי
יעדען הויך — זאָל קאַרגען אַ פונק?

די גנבה אַרט זיי, און מערקורי, און אַנדערס, און אַלע...

און וואָס וועלען זיי די אָרעמע מענשען מאַכען פון אַ פונק?

פייער וועלען זיי מאַכען, חאַ, חאַ, חאַ! קעלבער וועלען זיי בראָ-
טען, פאַר זיך, פאַר דיר אויך יופּיטער!

און אז ס׳וועט דיר אַרוים פון האַלז, וועט דיך שמעקען אַ ביסעל געבראָטען קעלבערנער רויך!

ניין — נאַרישע מענשען, נאַרישע געטער!
קעלבער בראָטער, קעלבער פרעסער...
פאַר וועמען, פון וועמען וועל איך ליידען...
ניין — טויזענד מאָל ניין!
עס איז אַ מיראזש, אַ וויסטער חלום — מען דאַרף נאָר די אויגען אויפרייסען!

געווים אַ שטיק שוואַרצער, פערגליווערטער, טוידטער וואָלקען בלאָנדזשעט פערוויסט אַרום אין דער לופט — נישט קיין אָדלער — וואָס פאַר אַ פעלז, חאַ—חאַ—חאַ! קיצלען לאָזט ער זיך, קראַצען, איך שיל איהם, ווי אַ קעכין אַ קאַרטאָפעל — אַ ווייכער נאַרישער פעלז...

און די קייטען —
חאַ — חאַ — חאַ!
שטרוי, פוילערישע שטרויענע שטריק — —
שפרינג אויף פראָמעטע!

דו האָסט פון דיין אייגענם אַ שוואַרצען חלום געליטען... קיין פעלז קיין קייטען, קיין אָדלער, קיין יופיטער, קיין אָלימפּ...
וואו האָסט דו אַ פונק פייער גענומען!
הא, וואָס!
פראָמעטע — חאַ — חאַ — חאַ!
געווים אויך אַ חלום — — —
אַ וואַהנזיניגער חלום, אַ ליגנער אַ גרעקס אויסגעטראַכטע מעשה-
ווער פראָמעטע, ווען פראָמעטע —
וואָס פאַר אַ פונק פייער...
עס איז פינסטער, נאַכט.
אַ אַ — —
נאָך אַ ביסעל שלאָפען!
צי בין איך נישט אַ פּורים-רב נאָך אַנ׳איבעריג גלעזעל!

III.

בענייט אַ תליה.

אַ מעשה.

אין אַ געוויסער מדינה זענען געווען, ווי געוועהנליך, געוועהנליכע מענשען, ניט אין גאַנצען גוט און פרום, ניט גאָר אין גאַנצען שלעכט, נאָר אַזוי — מיטעל־מעסיג; איינער אַ ביסעל ערגער, איינער אַ ביסעל בעסער, ווי אַ מענש און ווי אַ מאָל.

און דער מלך פון דער מדינה איז געווען זעהר אַ קלוגער שופט, וואָס האָט פערשטאַנען, ווי אַזוי שלום צו מאַכען צווישען גאָט און לייט, צווישען לייט און לייט, און עס איז קיינמאָל ניט געקומען צו קיין שאַרפע שטראָפען. ער האָט שוין אין זיך אַ כח געהאַט צו שטילען דעם כעס פון מענשען: איינצוהאַלטען דעם בייזען, איבערצורעדען דעם איינגעשפּאַרטען, און ניט גאָר וואָס אין זיין צייט האָט מען קיינעם ניט געקעפּט, ניט געהאַנגען, נאָר פון תפיסה אפילו האָט זיך די מלכה געמאַכט אַ הוהנגער־שטייג — קיינער איז ניט געזעסען. אַ זינדיגען מענש פלעגט ער הייסען אַריינוואַרפען אין פּושקע פאַר אָרעמע לייט, שענקען אויפ'ן שפּיטאָל און — גענוג.

— עס וועט קומען אַ צייט, האָט דער מלך געזאָגט, ווען מענשען, קוקענדיג אויף דער תליה, וואָס שטעהט אין מיטען מאַרק, וועלען בשום אופן ניט פערשטעהן נאָך וואָס מען האָט אַריינגעשטעקט אין דער ערד אַזאַ קלאָץ!

נאָר דאָס זאָגענדיג, דאָט דער מלך אָבגעקרעכצט, און קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס דער קרעכץ בעטייט.

דאָס האָט אָבער בעמערקט די בת מלכּה, דעם מלך'ס איין-איינציגע טאָכטער, און האָט זיך איינגעשפּאַרט, דער פאָטער זאָל איהר אויסזאָגען וואָס ער מיינט מיט'ן קרעכץ.

און דער מלך האָט איהר ניט געקאָנט אָבזאָגען און האָט איהר אויסגעזאָגט בסוד סודות, אַז ער קרעכצט, ווייל ער האָט מורא פאַר צוויי מענשען: די גאַנצע מדינה, זאָגט ער, קאָן מען פיהרען, ווייל דאָס זענען מענשען, וואָס אין זיי איז דאָס גוטע מיט דעם שלעכטען אויסגעמישט, און ווען זיי קומען צו איהם, פאַלט דאָס שלעכטע אראָב און דאָס גוטע קומט ארויף.... צוויי מענשען אָבער האָט ער אין דער מדינה, וואָס איינער האָט אין זיך סאַמע גוטעס אַליין און דער צווייטער רשעות אַליין. אַז די ביידע — האָט דער מלך מורא — וועלען זיך אַמאָל צוזאַמענטרעפען, וועט זיין גאַנצע חכמה ניט העלפען, וועט מען ווייטער הענגען און קעפּען.

די בת מלכּה האָט זיך פערטראַכט, געקלערט און געקלערט און ניט פערשטאַנען וואָס דער מלך מיינט.

— עס, מאַכט זי אוועקוואַרפענדיג מיט דער האַנד, פאַרט אַן אַלטער!

איינמאָל איז אין דער עיר-המלוכה, אין דער רעזידענץ, געווען אַ גרויסער יריד און עס זענען זיך צוזאַמענגעפאָהרען און צוזאַמענגעקומען אַלע מענשען פון דער מדינה. צווישען זיי זענען אויך געווען די צוויי מענשען, פאַר וועלכע דער מלך האָט מורא געהאַט: דער גאָר גוטער, און דער גאָר שלעכטער.

און עס איז געשעהן אַזאַ מעשה:

אַז דער גאָר שלעכטער האָט דערזעהן די לעערע תליה אין מיטען מאַרק, האָט ער געזאָגט הויך פאַר אַלע:

— עולם, עס איז אַ רחמנות אויף אייך! איהר האָט שוין לאַנגע יאָהרען ניט געזעהן דאָס נחת, ווי פּושעים הענגען און דריגען זיך אין דער לופטען...

— אמת, אמת! האט אנגעהויבען דער עולם צו מורמלען.
דאס האט געהערט דער נאר גוטער און האט זיך אנגערופען:
— עולם, מזל מיט ברכה איז מיט אייך! גאט און שעהנע מלאכים זענען מיט אייך; איהר לעבט אזוי גוט און אזוי פרום, אז קיינער פון אייך האט נישט פערדיענט מען זאלל איהם הענגען.
— אמת, אמת! האט דער עולם ווייטער געמורמעלט.

— ניין, האט זיך אנגערופען דער נאר שלעכטער, די וועלט איז קיין הימעל נישט, דא וואהנען קיין מלאכים נישט! עס איז בלויס זינד; נאר דא זענען אזוינע פושעים, אזוינע רשעים, אזוינע זינדיגע פאר גאטט, אז איינער האט מורא דעם צווייטען צו פערקלאגען, עס זאלען זיינע אייגענע זינד נישט ארויס אויף דער זון און דעריבער שטעהט די תליה לעדיג!

דער עולם שווייגט, און איז אפילו א ביסעל אין כעס.
דער גוטער וויל אנהויבען צו רעדען, נאר דער שלעכטער לאזט איהם ניט קומען צום ווארט...
— רבותים! האט ער ווייטער אויסגעשריען, — אויב איך זאג נישט אמת, בעווייזט! לאמיך זעהן, עמיץ פון אייך זאלל זיך פיהלען אזוי גוט, אזוי פרום אזוי ריין פאר גאטט און פאר לייט, ער זאל קיין מורא נישט האבען און אנווייזען מיט'ן פינגער, וועמען מען דארף הענגען! מען זאל קיינעם נישט דארפען הענגען איז אונמעגליך!
דער עולם רוקט זיך צוריק ווי דערשראקען.

— איהר זעהט, פושעים! שרייט דער שלעכטער, איהר זעהט, ווי אמת מיינע ווערטער זענען! הא! נו, וועל איך אייך בעווייזען, אז איך בין ריין! אז איך האב קיין מורא נישט!
— אט דעם דארף מען הענגען! און ער האט אנגעוויזען אויף נאר דעם גוטען.
דער עולם האט זיך נאך מעהר דערשראקען.
דער גוטער וויל ווייטער רעדען, נאר דער שלעכטער לאזט איהם ווייטער נישט קומען צום ווארט.
— נישט אומזיסט האט ער אייך געלויבט! נישט אומזיסט! די תליה וויל ער אונטערברענגען! די תליה אהן וועלכער איהר וואלט אראב פון זינען וועג און אייערע קינדער וואלטען אן גאט פערגעסען. ווערגט איהם!

ווער וויל בעווייזען, אז ער איז נישט זיין קרוב, ניט זיין גואל — ניט זיין שותף, ניט זיין גלייכען. — ווער עס וויל נישט פערדעקען פרעמדע זינד, כדי מען זאל זיינע אויך פערדעקען, דער זאל העלפען הענגען!

און אז דער שלעכטער האט ארויסגענומען א שטריק פון בוזעם, האבען זיך אויסגעשטרעקט הונדערטער הענד צו הילף און אין א רגע ארום איז דער נאר גוטער געהאנגען...

ניט אומזיסט האט זיך דער מלך געשראקען — מען האט די תליה בענייט...

IV.

עוֹלָם הַבָּא.

אַ סְצֶענֶע.

שפּעטליכער אָבענד. אין דער מיט שטוב אַ געדעקט טישעל צו דער וועטשערע. רעכטס איין אויסגעלאָשענער קוימען. לינקס צוויי בעטען, פון פאָרנט, אין דער טיעף ביי די פענסטער, אַ ווארשטאט מיט כלים פון אַ טאָקער. אַ טונקעל ברענענדיגער לאָמפ איבערן טיש.

פערזאנען: גבריאל און סעריל — א יונג פאר פאלק.

סעריל (זיצט ביים טיש און דרימעלט, אָנגעשפּארט מיט׳ן קאָפּ אויף די הענד. וועקט זיך, הערענדיג גבריאל׳ס טריט).

גבריאל (קומט אריין) גוטען־אָבענד!

סעריל אַזוי שפּעט! (געניצט) וואָס האָסט דו דיך אַזוי פערזוימט? (ציהט זיך אויס) די וועטשערע שטעהט שוין אונטערן קישען (געניצט) וואש דיך.

גבריאל (אויף־און־אָפּ געהענדיג) עט, סעריל, יאָ וועטשערע, נישט וועטשערע! נו, אַ תכלית!

סעריל (וואָס האָט געוואָלט צוגעהן נעהמען פון אונטערן קישען די וועטשערע, שטעלט זיך אָב פערוואונדערט) וואָס איז מיט דיר, גבריאל?

גבריאל מען עסט וועטשערע... מען שלאָפט... מען לעבט... נאָר ווי אַזוי לעבט מען? ווי אַ מויל־וואורף אין דער ערד! זיי ווייסען, די ביתּ־

המדרש־לײט! אז מען קוקט אין ספרים אַרײַן, װײסט מען! אַלץ שטײט דאָרטן, אַלץ! אַט האָב איך הײַנט, צװישן מנחה און מעריב, בײַ׳ם אויװן זיצנדיק, אונטערגעהערט, װי זײ רעדן. װאָס זאָל איך דיר זאָגן? קרעפּלעך אַװעקצושטעלן!

סעריל (גײט צו׳ן איהם צו נעהנטער) כ׳האָב דיר טאַקי הײַנט געמאַכט קרעפּלעך! פון נעכטיגן פלײש... האָסט ניט געגעסן.

גבריאל (מיט אַ פאָרװאורף) אַ יודענע בלײַבט יודענע! פערגעס אַ רגע אַן עסן... דו זאָלסט הערן דעם ויכוח!

סעריל װעגן װאָס?

גבריאל... ניט װעגן װײץ אָדער קאָרן, װי אונזערע בעלי־בתים בײַ דער מזרח־װאַנד...

סעריל װעגן מלחמה?

גבריאל נאַרעלע... װעגן עולם הבא!

סעריל (װיל װײַטער צוגעהן צום בעט) װעסט דערצעהלן בײַ װעטשערע...

גבריאל (ניט צופריעדן) װאַרט אַ װײַלע! איך זאָג דיר, מויל און אויערן אויפצושטעלן. בערעלע מלמד, דאָס קלײנטשיגע, דאָס דאַרע... דאַכט זיך אַ פליעג, און אַז ער רעדט — פלאַמט איהם אַ פײַער אין די אויגן... און נאָך אײנער, עפּיס אַ חסיד, דאַכט זיך, אַ פרעמדער. רעדן זײ! זאָגט בערעלע פשוט, — ער איז דאָך אַ דרדק׳ער מלמד — זאָגט ער, װי בײַ דיר אין טײַטש־חומש שטעהט... איך הער דאָך! באשר בכן, מען װעט עסן און טרינקען, ניט אַזױ װי דאָ; בעסער! און װי הײסט בעסער! דו װײסט דאָך: שור־הבר... עס צוגעהט, זאָגט ער, אין מויל. הײַנט — לויתן, מן הסתם פעטע, גרויסע שטיקער, ער איז, נעבעך, אַ אויסגעהונגערטער, בערעלע, פיהל איך, װי ער האָט אַ פול מויל מיט װאַסער, עס צוגעהט, זאָגט ער טאַקי אין מויל. הײַנט — װײַן! אַלטער װײַן, ער האָט׳ן עפּעס אויסטערליש אָנגערופן, כ׳קען ניט נאָכזאָגן, נאָר מששת ימי בראשית, זאָגט ער. און, זאָגט ער, ליכטיג װעט זײַן אין אַלע װינקעלעך. פון דער שכינה אַ שײַן, אַ מין אָבגלאַנץ און אין דעם אָבגלאַנץ, פערשטעהסט דו מיך (האַלב זינגענדיג) װעלן זיצן די צדיקים מיט גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ און קװעלן, און הנאה האָבן, ממש שמעלצן זיך פאַר תענוג!

סעריל מען זאָל נאָר זוכה זײַן, רבונו של עולם! (טרויעריג) כ׳האָב

נאָך אפילו די ר' מאיר-בעל-נס-פושקע נישט פול... שוין אַ האַלב יאָהר אז זי הענגט!

גבריאל הער אָבער נאָר ווייטער! דער חסיד זאָגט אנדערש: עס וועט זיך ווייטער פיהרען, זאָגט ער, פונקט ווי דאָ! נאָר פערשטעהסט דו מיך, אָהן דאגות, אָהן עגמת נפש, אָהן אַ פּיצעל צער! פערשטעהסט? אַ וועלט, ווי די וועלט, נאָר אָהן אַלעס שלעכטען. בדומה למשל: נעהם, זאָגט ער, אַ בעל עגלה, אַ שמייסער. פון וואָס האָט אזאַ מענש הנאה? פון גוטע פערד, פון אַ גוטען וואויל-יונגערישען קנאַק מיט דער בייטש. זאָגט דער רבונו של עולם: מהיכי תיתי! און אויב ער פאָהרט נישט אין שבת אריין, איז נישט עובר אויף צער-בעלי-חיים, נאַרט נישט אָב מיט די צעטלען, שלעפּט נישט אַרוים פון די זעק — פאָהרט ער דאָרט ווייטער! אזוי האָט ער פון רבינ'ס מויל געהערט, און זיין רבי האָט עס פון בעל-שם! הכלל — פאָהרט ער! און שמירען די רעדער דאַרף ער נישט... שמן זית גיסט זיך אויף זיי. אויף די רעדער! און אַ וועג האָט ער ווי אויפ'ן טיש... און אַ בייטש, למשל, פון עלפענביין, אַ שטריקעל למשל פון זייד! און עס קנאַקט איבער אַלע ש"י עולמות... ממש עס דונערט! און פערד, צוויי פּאָר, דריי פּאָר, פיער אויך... ווי איינעם קומט... „נאַשפּיץ" און אין דער ברייט... און פערד — לייבען, אָדלער... עס פליהט! כהרף עין פון איין עק וועלט צו דער צווייטער, און צוריק...

סערל און אזוי שטענדיג?

גבריאל אז ער האָט הנאה דערפון! דאָס הערסט דו דאָך, איז זיין גן-עדן! און עס איז אַ יושר אויך! וואָס מען ווינשט זיך, זאָגט ער, אויף ד ע ר וועלט, האָט מען אויף י ע נ ע ר, דער רבונו של עולם גיט נאָך יעדען בעזונדער זיין תענוג... אַ בעטלער זאָגט ער, ווינשט זיך גוטע בעלי-בתים — האָט ער! שטעהען פאַר איהם אָפען אַלע טהירען... מען בעשיט איהם מיט גראָשען, ווי אַ כלה מיט האָפען! דאָס איז שוין מיין משל... און ער געהט און געהט... און אָט למשל, צום ביישפּיעל: אַ כשר'ער מלמד, וואָס ווינשט זיך איין עהרליכער מלמד? גוטע תלמידים ווינשט ער זיך, פלינקע קעפּעלעך, עלוים... און דער דאַגערשטאַג זאָל איהם נישט דערעסען... די רביצין זאָל איהם נישט קראַצען אין אויער: אויף שבת און אויף שבת! האָט ער עס, קנעלט ער דאָרט ביי פאַמע-ראָדנע גבירים. האָט ער די בעסטע און שענסטע תלמידים, מאַקי גיטע שפּעלעך... פאַשעט ער זיי מיט תורה! און עס וואַקסען פון זיי למדנים

ארוים, גרויסע למדנים, רבנים, צדיקים גרויסע... יעדען זמן לאזט ער ארוים א גאון, און דאס איז זיין גן־עדן! א פאר מאל אין יאהר קומען צ איהם זיינע תלמידים צו גאסט, דער רב, יענער רב, דער צדיק, יענער צדיק, שמעלצט ער זיך טאקי אין זיי, זאגען זיי איהם דאס אלץ האבען מיר פון אייך, רבי! וואס?

סעריל (טרויעריג) דאס איז נישט פאר אונז געדאכט.

גבריאל פון א טאקער האט ער נישט גערעדט. דערצעהלט האט ער נאך וועגען א דין. עס איז געווען ערגיץ אין א שטאדט א דין, האט ער געפסק'עט שאלות, איז ער אבער א גוטער געווען, א בריליאנט, אי אוהב ישראל. „כשר" פלעגט ער ענטפערן מיט א שמחה. ביי „טרפה האט ער כמעט געוויינט, ער האט געוואוסט, וואס עס הייסט יודישע שאדען, ווי שווער עס קומט עפיס אן! אפילו ביי א ערדערן טעפעל פלעג ער וויינען! בפרט א הוהן אויף שבת; ווער שמועסט — פסח'דיגע כלים. האט ער טאקי געציטערט, אז ער האט געזעהן אריינקומען מיט שאלה! טאמער, חס ושלום, וועט מוזען זיין טרף! און טאג און נאכט האט ער גאט געבעטען, נישט וועגען עשירות, נישט וועגען פרנסה אפילו, נא זיין ליעבער נאמען זאל איהם בעשערען סאמע כשר'ע שאלות! און זי ליעבער נאמען האט אויסגעהערט זיין געבעט. זיצט ער דארט און פסקע שאלות, און קוועלט: וואס א שאלה עס קומט, איז אלץ כשר... כשר א כשר! און די שמחה זיינע איז גרויס אין לשער! נאך יעדער שאלה גער ער זיך א טענצעל איבער דער שטוב... זינגט ער פאר גרויס תענוג. ווי א פוינעל זינגט ער!

סעריל (האלב דערשראקען) ווייסט, גבריאל, עפיס א מין עול הדמיון?!

גבריאל אבי גוט! זאל זיין אין עולם הדמיון. און אז א יוד זאגט ער, איז א בעל־צדקה, א מכנים־אורח... א יוד, וואס גיט נישט אבי אבצוקומען און נישט מיט בזיון, נאר טאקי מיט א יודיש הארץ מיט א גוט אויג, ער האט נחת דערפון, וואס ער גיט... אזא יוד — זאג ער — זיצט אויף יענער וועלט אין א גרויסער שטוב, א סאליע מ אפענע טהירען אין אלע פיער זייטען... אויפגעפראלט! און א גאנץ יא איז ביי איהם פורים... צי חנוכה! און א געדעקטער טיש מיט אלערי שמראדלען, חלות מיט זאפערן, פיש און פלייש, און פלוימען... הי משקה! און ער זיצט ביי אפענע זעקער געלד און טהיילט, סאמע גאלדע

מטבעות טהיילט ער און רופט: עסט, רבותים, עסט און טרינקט! לחיים, לחיים! און נעהמט געלד! און דאָס מויל ווערט איהם נישט מיער פון וויני שעווען, און די האַנד נישט אָבגעשוואַכט פון טהיילען. עס וואַקסען איהם די כחות פאַר פרייד, זיי בעגייען זיך איהם פון טאָג צו טאָג... און אָרעמע לייט קומען אָן און געהען אַוועק, קומען און געהען... קומען קומען זיי, בלאַסע, אויסגעמאַטערטע, אויסגעדאַרטע און פער'מרה־שחורה'טע, און אַרויס געהען זיי פרעהליך און לוסטיג, זינגענדיג און טאַנצענדיג... און ער זיצט און קוועלט און שעפּט נחת, און עס וואַקסט אין איהם דער־פון דאָס האַרץ... וואָס האָסט דו זיך פערטראַכט, סעריל?

סעריל כ'ווייס? כ'קלער: וויפיעל מען דאַרף אָרעמע לייט, אַ בעל־הבית זאָל האָבען גן־עדן?

גבריאל אַ יודענע בלייבט יודענע! גיב שוין בעסער וועטשערע! (מאַכט ליכטיגער די לאָמפּ).

V.

וועגען אַ שווימער, אַ דאַך־בעשלעגער און אַ פּאָרצעלייען־מיידעלע.

(דרײַ טרויעריגע געשיכטען).

פאַר אונזערע היימיש־געבאַקענע פילאָזאָפען מאַמריסטען, דאָס הייסט פאַר די אַלע, וואָס רעדען פיעל, און הערען אַזוי ווענִיג, האָב איך דרײַ טרויעריגע געשיכטען צו דערצעהלען: וועגען אַן׳אויסטערלישען שווימער אויפ׳ן היימישען טײַכעל, וועגען אַ בלעכער, בעסער געזאָגט אַ דאַך־בעשלעגער, וואָס האָט נישט געוואָלט אַראָבלאָזען קיין אויג פון דאַך, און וועגען אַ שטיקעל פּאָרצעלײַ, וואָס מען האָט אַרויסגעוואָרפען פון אַ הויך פענסטער...

און ראשית דער שווימער איז אַן׳אויסטערלישער שווימער געווען. אַ פרייד געווען צו קוקען, ווי ער מאַכט מיט די הענד אויפ׳ן וואַסער־שפיגעל, טהיילמאָל נאָר מיט די פינגער פון די הענד, למשל, בײַם שווימען אויפ׳ן רוקען, און טהייל מאָל נאָר מיט די פינגער פון די פיס אַליין. מאַנכע פּאָליטישע מענשען שאָקלען מיט זיי, על פי סוד. אין די שטיוועל, און דער — פראַנק און פרײַ איבער׳ן היימישען טײַך, וואָס פליסט שטיל און געלאַסען אונטער דער קהל שטוב, מיט דער מקוה, שוהל און בית־המדרש צוזאַמען, און לאָזט זיך העט, העט ווײַטער, פון וואַנען דאָס אַלץ זעהט זיך אַרויס, ווי שוואַרצע, ציטערדיגע פינטעלעך. נאָר נישט וועגען די פינטעלעך געהט עס; וועגען שווימער, וועגען דעם גרויסען, אויסטערלישען שווימער פון אויבען, איבערן שפיגעל פון היימישען טײַבעל, אונטערן שפיגעל פון הויכען הימעל! אַ פּעט מענשעל איז עס געוועזן, און ווי בעקאַנט איז פעטס לײַכטער ווי וואַסער, און דעריבער שווי-

מען פּעטשע אַזוי לײַכט פון אויבען, און אַז ער פלעגט נאָך אָננעהמען פּולע לונגען מיט לופט, פלעגט ער בלײַבען שטיל אויסגעצויגען אויפ'ן שפּיגעל פון טײַך; אַפּילו מיט די פינגער פון די פיס נישט געריהרט! און אַזוי שטיל, אַזוי בשלום־ושלוה'דיג, אַז פון ווײַטענס האָט זיך געדאַכט: אַ טויטער וויעגט זיך שטיל איבערן וואַסער... אַ דערטרונקענער שווימט צום ברעג... נאָהנט ערשט האָט מען געזעהן, אַז ער לעבט און האָט אָפענע אויגען; אָפענע בלאָהע, חאָטש ניט טיפע אויגען, וואָס קוקען ארויף, ארויף גלײַך אין הימעל אַרײַן... און ניט נאָר אויפ'ן רוקען שווימט ער! בערימט איז אויך געווען זײַן „קלאַפּטער": אַ האַנד נאָך אַ האַנד, אָהן געראויש, אָהן אַ שפּריץ — קוים, קוים פון אויבען דאָס וואַסער געגלעט! אָדער „פּראָש־פּראָש", געשווינד, אײַלענדיג... נאָר דאָס פלעגט ער בענוצען בײַם אַוועק־שווימען ווײַט, ווײַט פון קהל־שטוב, פון מקוה, שוהל און בית־המדרש, צו וועלכע ער פלעגט דערנאָך צוריק־קומען „קלאַפּטער", אויפצוזוכען זײַנע מלבושים צוריק צו קומען צו קהל...

מיט איין וואָרט: שעהן פלעגט ער שווימען. אַמאָל אויך ווײַט; אָבער קיינמאָל נישט טיעף! אונטערטוקען זיך, אָדער ווי מען רופט עס: „נורקיווען" איז נישט געלעגען אין זײַן נאַטור! ער האָט זיך איבערן טײַכעל ווי געגליטשט... פון אויבען, פון אויבען...

וואָס אונטען טהוט זיך, ווי עס לעבט זיך אונטען, צווישען זאַמד און שלײַם און אָהן אַ ליכטיגען שטראַהל, — דאָס האָט איהם קיינמאָל נישט אינטערעסירט... אונטען איז נישט שעהן, אפשר נאָר — צו טיעף...

אָבער בשעת ער פלעגט אַרומשווימען פון אויבען האָט אונטען נישט גערוהט! גאָט ווייסט פון וואַנען עס איז אויפ'ן זאַמד אַ זאָמען געפאַלען, אַ לעבעדיגער זאָמען, און דערפון איז אַ וואַסער־פלאַנץ אַרויס... קיין ציטרין, קיין פּאָמעראַנץ, קיין אתרוג — דאָס מוז שטעקען אין פעטער ערד און באָדען זיך אין לופט, נאָר אַ קבצנ'ישע וואַסער־פלאַנץ, וואָס איז יוצא מיט'ן גרינעם ציטריגען וואַסער־שײַן און צוואַקסט זיך אין דער נאַסער פינסטערקייט פון שעה צו שעה... און וואַקסענדיג צושפּרייט זי זיך, פערוויקעלט זיך און ציטערט בײַ יעדער בעוועגונג פון שטילען וואַסער, און דאָך אַרבייט זיך עס פּאַמעליך, פּאַמעליך אַרויף אַ געמיינע, נאָר אַ פּרוכטבאַר וואַסער־פלאַנץ... אין דער לענג און אין דער ברייט וואַקסט זי... דערפון אָבער האָט דער אויסטערלישער שווימער נישט געוואוסט. און פון וואַנען? ער פלעגט זיך נישט אונטערטוקען, נישט טיעפער אַראָבלאָ-

זען, האט די וואסער-פלאנץ אהן זיין וויסען זיך צוּוואקסען און אהן זיין וויסען זיך געמעהרט, און אז דער אויסטערלישער שווימער האט פּלוצי לונג אנגעריהרט זי מיט א פּיס, איז עס נישט צו זיין גוטען געוועזען!

עס איז איהם פּלוצלונג איינגעפאלען: „טריט וואסער!“ ער פּרובט און געהט טריט וואסער, און טרעפט צו דער וואסער-פלאנץ און פערטשעפּעט א פּוס אין עפּעס קאלטעס, וויכס און לענגלעכס. ער דערשרעקט זיך: פון וואנענט? וואס? קען ער דען נישט דעם טייך? און שרעק איז דער ערגסטער יועץ!... ער האט זיך אנגעהויבען ארויסצוארבייטען, ארויסצוּ וויקלען זיך פון די לאנגע, קאלטע, ווייכע שלאנגען, און האט זיך אליין אין זיי וואס א מאל מעהר פערפּלאָנטעט... וואס מעהר ער האט געארבייט מיט'ן קערפּער, מיט הענד און פיס, וואס מעהר ער האט זיך געווארפען פאר שרעק, מעהר פערוויקעלט האט ער זיך אין דער ארעמער קבצנ'ישער וואסער-פלאנץ, וואס וואקסט פון אונטען ארויף, און אלץ שטארקער און שטארקער האט עס איהם אראב און אראב געצויגען!...

אט זעהט שוין דער הימעל נישט מעהר פון גרויסען, ווייטען שווימער ווי א קאפּ; דער שעהנער לייב איז שוין פערשוואונדען... אט נישט מעהר, ווי שרעקליכע, אפען-געריסענע שווימער-אויגען... אט שוין נישט מעהר ווי עטליכע לענגערע האר, וואס קריכען איבער'ן וואסער ווי שווארצע ווערעמלעך, ענדליך ווערט דאס אויך פערשוואונדען...

אוים שווימער!

נישט בעסער האט אויסגעפיהרט א געוויסער דאך-בעשלעגער, וואס האט זיך, נאך יאהרען פון מיה און מאטערניש, צו א הויך הייזעל דער-שלאגען. ביליג האט ער עס געקויפט און באלד זיך גענומען דעם דאך צו בעניין. פאר וואס גראד דעם דאך? וויל דאס קען ער, דאס איז זיין מלאכה, צו דעם ברויך ער קיינעמס האנד, קיינעמס עצה נישט!

פרעמדס האט ער פיינד!

און אז ער האט בענייעט דעם דאך, האט ער שוין פון איהם קיין פוס און קיין אויג נישט אראבגעלאזט. עס איז און מוז בלייבען דער רייכ-סטער, דער שענסטער און דער שטארקסטער דאך אין שטאדט. וואס אין קע-לער טהוט זיך, איז נישט זיין זארג; דערויף איז ער קיין מבין נישט. וואס עס הערט זיך נאך טיעפער, ביים פונדאמענט, איז נישט זיין זאך.

אויפ'ן דאַך, אין דער העכסטער הויך, איז פאַר אַ דאַך־בעשלעגער, אַזוי פריי, אַזוי גוט... און אַ דאַך פערלאַנגט אַנ'אויג! ווינטער מוז ער אָבקעהרען דעם שניי... קוים עס פאַלט אַ ביסעל שניי, ער שטעהט שוין אויבען מיט'ן בעזעם! זומער צייט האָט ער נאָך מעהר צו טהון מיט'ן דאַך! אַט בעוויַיזט זיך אַ גרעזעל (גאָט ווייסט, פון וואַנען דער ווינד האָט זיך גענומען) אין אַ שפּעלטעל צווישען צוויי בלעכען — רייסט מען עס אויס... אַ ניט צוואַקסט זיך דער קבצן און צושפּאַרט די בלעכען פון אויבען! אַט בעוויַיזט זיך ערגיץ אויף אַ בלעך אַ שטיקעל שפּרענקעלע, אַ פלעקעל אַ געלס, דאָס איז געפעהרליך! עס הויבט אָן ראָסטען; און ער האָט מיט זיך אַ קליין טעפּעלע סמאָלע מיט אַ פּענזעל און פערחאַפּט, און פערשמיערט... אַ מאָל בויגט זיך אויס אַנ'עק פון אַ בלעך, פון ווינד, צי פון דער זון, עס ווערט זיך באַלד איבערלעגען ווי אַ „פּאָפּליניק" — געשווינד לויפט ער נאָך בליי און לייט־אייזען — די בלעך ווערט זיך שוין נישט ריהרען!...

און אַזוי טאָג אויף טאָג, טאָג אויף טאָג! זאָל דער הימעל זעהן, ווי ער היט אָב זיין אייגען דאַך און נחת האָבען פון זיין גלאַנץ...

אונטען האָט זיך דערווייל אויך עפּיס געטהון...

אין קעלער אַריין איז וואַסער גערונען. רעגען־וואַסער, שניי־וואַסער און אַזוי פון גאַס — רינשטאָק וואַסער... פון דעם ווייסט קיין דאַך־בעשלעגער נישט. פונדאַמענט און קעלער זעהען נישט זיין פאַך... און ווען ער איז פּלוצלונג געוואָהר געוואָרען... נישט צו זיין נוטען איז עס געוועזען!

פּאַמעליך, פּאַמעליך, חאָטש אָהן זיין וויסען, איז דאָס וואַסער צו די פונדאַמענטען צו, און האָט זיי אונטערגעוואַשען, דורכגענעצט, צווישען ציגעל און ציגעל זיך אַריינגעדריקט און דעם גאַנצען פונדאַמענט צורודערט...

אויבען שטעהט דער דאַך־בעשלעגער און קלערט: ווי גלאַנצט דער דאַך! ווען ער האָט לבנה און שטערען, וואָלט ער אַ הימעל געוועזען! און אין דער זעלבער רגע: טראַך! נאָך אַ מאָל: טראַך!

צי דונערט פון ריינעם, בלאָהעם הימעל?

ניין. דער ריינער, בלאָהער הימעל איז רוהיג; נאָר דאָס הויזעל פּלאַצט און פאַלט און בעגראָבט דעם דאַך־בעשלעגער אין זיך!

מיר בלײַבט נאָך די דריטע, די לעצטע מעשה. אַ מאָל איז געווען אַ קאַרטאָפל-קינד... אין אַ הײל אין דער ערד איז עס געבוירען געוואָרען (גאָט ווײסט, פון וואַנען דער זאָמען האָט זיך דאָרט גענומען!) און דאָרט האָט עס געלעבט און געקווענקעט, געלעבט און געקווענקעט.

דער זאָמען, וואָס גאָט ווײסט, פון וואַנען ער האָט זיך גענומען, האָט נאָר אַ מוטער געהאַט. און די מוטער האָט איהם קוים מיט קאַרטאָפל און ניִשט צו דער זאַט געשפײַזט, מעהר האָט זי איהם ניִשט געקענט געבען, אַפילו קײן נאָמען ניִשט! קאַרטאָפעל — דאָס ווײסט יעדער דאָקטאָר — פערמאָגט אין זיך ווײניג פאָספאָר און אָהן פאָספאָר קענען זיך די בײנער רעכט ניט ענטוויקלען. בײנער דאַרפען: פיש, פלײש און דער עיקר—מילך. די האָבען אַ סך פאָספאָר אין זיך און דערפון ווערען די בײנער געבויט. דאָס קינד וואָס האָט זעלטען אַ מאָל אַ ביסעל וואַסערדיגע מילך געזעהן, — און פלײש און פיש אין דער שענסטער שמחת-תורה-נאַכט אַפילו אין חלום ניט געזעהן! האָט דעריבער שמאָלע שוואַכע בײנדלעך געהאַט... און ווי מאָגער און ווי דאַר עס איז ניט געווען, ווי ווײניג פלײש עס האָט אויף זיך ניט געהאַט, האָבען עס די שוואַכע פיסלעך ניט געקענט דערטראָגען, זײ האָבען זיך געבויגען אונטער דער לאַסט; ווי צווײ פײלענבויגען האָבען זײ זיך אויסגעדרעהט... און דאָס קאַרטאָפעל-קינד האָט זיך אין דער נאַסער, פינסטערער הײל אויף אַלע פיער גערוטשט...

טהײל מאָל האָט זיך עס אויך פון דער הײל אַרויסגערוטשט. בפרט אין אַ שענעם זומער-טאָג... עס האָט געבענקט אַרויס און אַרויס... און געבענקט האָט עס: ניט צו דער זון, ניט צו ליכט און וואַרעמקײט אָדער צו פרײַער ליבט... נאָך וואָס? עס האָט געבענקט צום קאַלך! וואָס מען האָט אַלם מיסט אויפ'ן פרײַען פעלד פאַר דער הײל צושפרײט... דאָס קינדס אינסטינקט האָט איהם אונטערגעזאָגט: עס קאַלך, עס האָט איהם געיאָגט צום פאָספאָר אינ'ם קאַלך!...

און עס האָט זיך גערוטשט אויף אַלע פיער דאָס קאַרטאָפעל-קינד אין דער נאַסער, פינסטערער הײל, און טהײל מאָל האָט זיך עס אויף אַלע פיער אַרויסגערוטשט פון דער הײך, און אָהן דער מוטערס וויסען — קאַלך געלעקט... זי וואָלט עס ניט דערלאָזט!

מיט אַ מאָל אָבער האָט זיך דעם קינדס לעבען פערבעסערט. די מוטער איז ניט רײַכער געוואָרען, האָט אויך קײן בעסערע אַרבײט ניט

בּעקומען. געשעהן איז עפּיס אין דרויסען: אַ שטאָרט־עושר האָט זיך, נישט ווייט פון דער הייל, אַ זומער־וואָהנונג, אַ קליין פּאַלאַצעל געבויט; — די קיך פון פּאַלאַץ איז אויסגעקומען פּונקט קעגען דער הייל; און פאַר דער קיך איז זיך אַ בּערגעל מיסט געוואַקסען, פון טאָג צו טאָג, פון שעה צו שעה, און אין דעם בּערגעל איז פאַר'ן קאַרטאָפעל־קינד אַ גן־עדן, אַנ־אוצר געוועזען, אַנ'אוצר פון אַלערליי שירים פון רייכען טיש...

דעמאָלט האָט עס דעם קאַלך פערגעסען, און האָט זיך, ווי אַ וואָרעם, אין מיסט געגראַבעלט, איבּערן בּערגעל מיסט געצויגען און גע־שפּייזט זיך...

אויף יענער זייט פּאַלאַץ האָט זיך אַ גאָרטען צוואַקסען, אַ גאָרטען מיט בּלומען... נאָר אַזוי ווייט האָבּען דעם קאַרטאָפעל־קינדס פיסלעך נישט געטראָגען... און: נאָך וואָס בּלומען? איבּער'ן קאָפּ האָט זיך אַ ליכטיגער, בּלאָהער הימעל געצויגען; וואָס האָט עס צום הימעל? אַזוי הויך הויבּט דאָס קאַרטאָפעל־קינד דאָס אָנגעלאָפּענע קעפּעל מיט די וואַ־סעריגע אויגען נישט אויף!... אין בּערגעל פאַר דער קיך האָט עס גע־גראַבּעלט, גאַנץ אָפּט אַפילו די הענד נישט בּענוצט, און גלייך מיט'ן הונ־געריגען מויל געשלונגען...

אויפגעהויבּען דעם קאָפּ האָט עס שפּעטער, שפּעטער, ערשט אין מיטען זומער, ווען עס האָט זיך שוין געהאַט אָנגעגעסען כמעט צו דער זאַט, ווען די פיסלעך האָבּען זיך אַבּיסעל געשטאַרקט און אויסגעגלייכט... און אויך דעמאָלט, נישט צום הימעל, נאָר צו די פענסטער פון פּאַלאַץ, פון איבּער דער קיך... און דערזעהן האָט עס — ווייסע פאָרהאַנגען...

איינמאָל דאָך האָבּען זיך די פאָרהאַנגען צורוקט און צווישען זיי האָט זיך עפּיס בּעוויזען — אַ קליין, ראָזיג קינד, מיט גרויסע, גרויסע אויגען און אַ ווייס, מיט שטערנדלעך בּעשאָטען, קליידעלע... פערציטערט איז דאָס קאַרטאָפעל־קינד אָדער דאָס מיסט־קינד געבּליבּען... און האָט לאַנג, לאַנג פון פענסטער קיין אויג נישט אַראָבּגעלאָזט. נישט געקאָנט אַראָבּלאָ־זען! דער פאָרהאַנג האָט זיך צוריק פערמאַכט, און ער האָט אַליין געקוקט און געקוקט... אין די וואַסעריגע אויגען האָט אָנגעהויבּען אַ ליכטיגער שטראָהל צו בּלאָנדזיען... בּיי נאַכט האָט ער וואונדערליכע, נישט פער־שטאַנענע, חלומות געהאַט; דאָס קליינע מיידעלע (עס איז אַ קליין מיי־דעלע געוועזען) איז פערשוואונדען געוואָרען, נאָר דאָס קאַרטאָפעל־קינד האָט שוין אויפגענומען אין אָרעמען הערצעל איהר זיסע געשטאַלט. ער האָט ז:

שוין נישט פערגעסען! ער האט זי פערשלאָסען אין זיך, ער זעהט זי בּיי טאָג, ער חלום'ט פון איהר בּיי־נאכט... א הייליגען סוד האט ער אין זיך איינגעשלאָסען, און ער פלעגט זיך שוין ארויסרוטשען פון דער הייל נישט צוליעב דעם קאלך, אפילו נישט צוליעב שיבים אין מיסט, נאר צוליעב דעם פענסטער מיט די ווייסע פארהאנגען, צווישען וועלכע ער האט א מאל דאס בּעסטע און דאָס שענסטע געזעהן און ער האפט, און הערט נישט אויף צו האפען, נאך א מאל עס צו זעהן...

און ער האט זי דערזעהן נאך א מאל...

נאר דאס איז שוין נאר, גאר סוף זומער געווען... און אויך נישט צו זיין גוטען...

מען האט זיך פון פּאלאץ ארויסגעצויגען.. צוריק אין שטאדט אריין... מען האט די פאָרהאנגען אראָבגענומען, מען האט א פענסטער געעפענט און פלוצלונג האט א האנד אנגענומען דאס קליינע געהאַפטע, גע'חלום'טע מיידעלע און פארן קארטאפעל־קינד אין מיסט ארייגעשליידערט...

און דאס קליינע געהאפטע, גע'חלום'טע האט אויף א בּיין געטראָפען, און עס האט געפּלאצט דאס געהאַפטע, גע'חלום'טע פאָרצעלייען־מיידעלע, און עס איז ארויס — א בּיסעל זעגעכץ!...

און דער מוסר דערפון?

1) נעמט טיעפער!

2) קוקט אויף די פונדאמענטען און זיים וויסען, אז —

3) פארצעלייענע אידעאלען, וואס מען ווארפט פון דער הויך פאר קארטאפעל־קינדער זענען פול מיט זעגעכץ...

VI.

אפען.

ערגיץ וואו, אין אפריקא צי אמעריקא, אבער דאס איז געוויס — אין א טראפישען וואלד האבען נייגיעריגע אפען געוואהנט.

אפען, וואס האבען שטודירט, נאטירליך — אויסענווייניג; קיין ליטעראטור איז נישט געווען. פאר דאס פלעגט מען פיעל, זעהר פיעל רעדען. די זון איז שוין לאנג אונטערגעגאנגען, און דער „עולם" צוזעצט זיך אויף די בוימער אין רעדלעך און מען רעדט און קנאקט ניס, קנאקט ניס און רעדט און דורכאויס איבער זעהר הויכע, טיפע און ברייטע פילאזאפישע פראגען.

איינער שטעלט א פראגע, דער צווייטער ענטפערט, א דריטער פאלט אריין אין די רעד. דער פארזיצענדער קלינגט — איך מיין: קלאפט מיט'ן ווידעל אן א טרוקענער צווייג, — עס נעמט זיי קיין שלאף נישט, און מען זיצט אזוי לאנג, ביז די זאך ווערט ווירקליך און אין גאנצען קלאר, דעמאלט נעמט מען א קוויטעל און מען קלעבט אויף אויף דער זאך, און מען שרייבט אויף אויפ'ן קוויטעל: אזוי און אזוי הייסט די זאך, דאס און דאס איז זי. און דערגלייכען און פון די קוויטלעך וועט אמאל ווערען א ליטעראטור... איך ווייניגסטענס, צווייפעל נישט דערינען.

איינמאל האט איין אף געשטעלט די פראגע:

— וואס איז אזוינס א מענש?

דער „עולם" ווערט פערבליפט! עס האט זיך זיי געדאכט, אז מען האט זיי אומגעריכט און מיט אמאל אין א פינסטערן אבגרונד אריינגעווארפען...

דא איז שוין א פינסטערניש, דא וועט מען שוין הענד און פיס צוברעכען...

און עס ווערט איין אונרוהיג געקלעטערײ און געשפרינגערײ אויף און איבער די צווייגען, מען הענגט זיך אויף די עקען מיט'ן קאפ אראב, שפרינגט אויף צוריק מיט אפענע מיילער, פון וועלכע עס קומט דאך קיין רעכט ווארט נישט ארויס, — אז מען האט קיין מענשען נישט געזעהן.

און אז עס ווערט שפעט, זעהר שפעט, די שטערען הויבען זיך אן זו בלייבען און די ווייבער רופען אין נעסט אריין ארויסשטעלענדיג

פּים און נעגעל — קלינגט דער פּאָרזיצענדער מיט'ן עק און ערקלערט:
די פראגע ווערט אָבגעלעגט ביז עס וועט ענטלויפען אנ'אָף פון א טהיר-גאָרטען אין פּאריז, בערלין, וויען צי ניו-יאָרק און וועט זאָגען...
און זיין ליעבער נאָמען האָט געהאָלפען: אנ'ענטלאָפענער האָט זיך בעוויזען, — זאָג, ברודער, וואָס איז אַזוינס מענש?
בלאָזט ער זיך אָן:
מענשען קען ער, פיעל; זעהר פיעל מענשען געזעהן!
נישט אַלע טראָגען ביקסען און שיעסען אין וועלדער, ווי מען זאָגט אין וואַלד. נישט אלע אפילו זענען מחדש די לבנה און גיבען זיך דערביי „שלום עליכם". פערשידען: טהייל האָבען פיעל ווייבער, טהייל שטאַרבען אין לייבצוועקליך — אָבער נישט דאָס בעצייכענט, נישט יענץ!
מען קען זיך זאָגאַר פיהלען אַלס מענש און קיין מענש נישט זיין... אַז מען האָט נישט אַלע אטריבוטען וואָס מען דאַרף, איז שלעכט!
דאָס איז אָבער פעסטגעשטעלט: אַז אַזוינער, וואָס געהט אויף צוויי פּים (דאָס איז אָבער דאָס מינדסטע) און טראָגט ווינטער א שאָפען-פּעלץ (דאָס איז שוין עפּים!) און זומער — ציסוציאַ, און וואהנט שעהן, און עסט גוט, און טרינקט נאָך בעסער, אהאַ! שאַמפּאַניער הייסט דאָס געטראַנק! אַזוינעם רופט מען: מענש! מען זאָגט: ער איז א מענש! בפרט אַז מען האָט דיענער, קאָטש און פערד...
— אַה! ווערט א פרעהדיג געברום פון אַלע זייטען.
דער ענטלאָפענער אַף גיט צו:
און א בעוויי: האָט ווער נישט וואָס צו פרעסען, זיין חרפּה צו פערדעקען און וואו דעם קאָפּ אנידער צו לעגען, קומט דער פּאָליציי-מאַן וואַרפט איהם אין פּנים אַריין: אונמענש! חאַפּט איהם ביי'ם קראַגען און פיהרט איהם ערגיץ אַוועק... ער דאַרף צווישען מענשען זיך נישט ווייזען... אַזוינעם בעהאַלט מען ערגיץ, ווי גענז, אין א שטייג...
און נאָך א מאָל — אַה!
דערנאָך האָט מען די פראגע געשטעלט: וואָס איז אַזוינס נאַציאָן; האָט זיך אָבער אויסגעוויזען אַז ערשטענס איז צו שפּעט, צווייטענס די קעפּ שוין צופיעל צושרויפט און דריטענס, אַז יעדערער קען זיך דערויף ענטפערן, געשטיצט אויף דער געגעבענער בעצייכנונג פון „מענש" —

VII.

אַ ביסעל נאַטור־געשיכטע.

(אַ סצענע).

פערזאָנען: לעהרער און שילער.

לעהרער (אין מיטען פאָרטראַג): אַלזאָ לעבט דער מוילוואָרף אונטער דער ערד. זיינע נאָהנטע קרובים, ווי מיר האָבען געזעהן, לעבען אויף דער ערד, עטהעמען פריי אין דער לופט, ער לעבט זיין געוועהנליך לעבען אין דער ערד. טהיילמאָל, — טרעפען טרעפט זיך עס אַמאָל זומער־צייט ביי נאַכט, — פערבענקט ער זיך צום פרייען לעבען אויף דער ערד, און ער קומט אַרויס שפּאַצירען. ביי טאָג ווען די זון שיינט טהוט ער עס נישט. עס זעהט אָבער אויס, אַז אפילו דאָס שוואַכע ליכט פון די לבנה און שטערען ביי נאַכט שמעקט איהם שוין אויך ניט גוט, וואָרום זיין שפּאַציער אויף דער ערד דויערט נישט לאַנג, און אפשר האָט ער אויף דער ערד שונאים אַ סך און ער אַנטלויפט פאַר זיי, און באַהאַלט זיך צוריק אין דער פינסטערניש...

שילער: וואו, אייגענטליך, געפינט ער זיך?

לעהרער: ביי אונז — אומעטום. ער בעוואָהנט לאַנקעס, פעלדער, וועלדער, נאַטירליך — נישט פון אויבען. אויבען לעבען אַנדערע, ער לעבט אונטער די לאַנקעס, אונטער די פעלדער און וועלדער... פאַר אַ גויט, אַז ער בעגעגענט אונטער דער ערד אַ וואַסער, און אפילו אויף דער ערד, אַז ער לאָזט זיך אַרויס אין אַ זומער־נאַכט שפּאַצירען —

שווימט ער. אז מען דארף, קען ער שווימען אויך... פון אויסזעהן איז ער גאר „קיין מעשה ניט" — אהן א האלז, קײלעכדיג־לענגליך; גרויסע ברייטע פים צום גראבען אין דער ערד. טראגען טראגט ער זיך פיין; א קורץ־העריג זיידען פעלצעל, א נאז האט ער אויך א פיינע: דערפיהלט אלץ פון דער ווייטען, אויך א גוט אויער: הערט, וואס ארום טהוט זיך. און א קינסטלער איז ער: גראבט אויסטערליש פיינע קאנאלען אונטער דער ערד; א וואהנונג און א פעסטונג צוזאמען!

דערפאר האט ער זעהר שעהנע אויגען, שווארצע, ברענענדיגע, נאר קליינע ווי מאן־קערנדלעך. און ער קען זיי שטענדיג אריינציהען צוריק אזוי, אז זיי ווערען אין גאנצען פערשוואונדען אין דעם פיין בעל־בתי'שען פעלצעל. א צייט־לאנג האט מען דעריבער געמיינט, אז ער האט גאר קיין אויגען נישט! אז ער זעהט נישט; עס האט זיך אבער אויסגעוויזען, אז דאס איז פאלש... אז ער בעהאלט נאר די אויגען, ווייל כל־זמן ער לעבט אונטער דער ערד, קען ער זיי נישט בענוצען... אונטער דער ערד איז נאטירליך פינסטער... און אפשר לאזט ער זיך דעריבער אפטמאל ארויס אויף א שפאציר איבער דער ערד, ער זאל קענען חאטש אויף א ווײלע די אויגען בענוצען! צ'ניט וואלט ער זיי אין גאנצען פערלארען!

שילער: ווי אזוי?

לעהרער: עס איז שוין אזא געזעץ אין דער נאטור! דאס געזעץ זאגט: אלץ, וואס נוצט נישט, וואס ארבייט נישט, געהט פערלארען, ווערט פערניכטעט; אלץ וואס לעבט, מוז ארבייטען, און אויב עס ארבייט, ווערט עס געשפייזט. די ווארעמע חיות מיט רויטען בלוט (און צו זיי געהערט דער מוילווארף אויך) האבען א הארץ, וואס שפייזט אלע גליעדער מיט בלוט, עס שלאגט אריין דאס בלוט אין אלע ווינקעלעך, אין אלע קעמערלעך פון גוף און דערנעהרט זיי דערמיט. אז מען וויל, צום בײשפיעל, פריי ווערען פון א ווארצעל אויפ'ן לייב, בינדט מען איהם שטארק ארום מיט א דינעם זיידענעם פאדעם; אויף אזא אופן האקט מען איהם איבער דעם צופלוס פון בלוט, ווערט ער נישט געשפייזט, קען ער נישט לעבען, אויסגעהונגערט, ווערט ער איינגעשרומפען, אויסגעדארט, שטארבט ער און פאלט אראב, ווי א געשטארבען בלאט פון בוים. דאס הארץ זאגט טאקי: „באכילתכם כך עבודתכם"! דאס הייסט: אזוי ווי איהר עסט, אזוי מוזט איהר ארבייטען! און, ווירקליך, א גליעד, וואס ארבייט נישט — פערגעהט.

ןס טרעפט, אז מען מוז א קראנקען פערבינדען א פערוואונדעטע האנד, אדער פוס, זיי זאלען זיך רוהיג אויסהיילען. די פערבונדענע האנד אדער דער פוס ארבייטען ניכט און בעוועגען זיך ניכט א צייט. און דערנאך, אז מען נעמט אראב די בינדע, זעהט מען זיי אויסגעדארט, פיעל מאגערער, ווי די צווייטע האנד אדער דער צווייטער פוס...

שילער: און ביים מח?

לעהרער: ביים מארך איז אויך דאס זעלבע. מענשען, וואס מען האלט לאנג פערשפארט אליין אין דער פינסטער, פערליערען דעם מענשליכען פערשטאנד, די פעהיגקייט צו דענקען... דאס זעלבע איז אויך מיט אויגען. מאסען בעשעפענישען, וואס לעבען שוין לאנג אין דער פינסטער אונטער דער ערד, האבען שוין גאר קיין צייכען פון אויגען ניכט...

די אבער האבען שוין געמוזט גאר אין גאנצען אן ליכט פערגעסען. עס חלומט זיי שוין ניכט פון ליכט; זיי בענקען שוין ניכט דערצו...

שילער: און די, וואס פערגעסען ניכט און בענקען?

לעהרער: די טהוען זיך אן עצה. דער מוילווארף חאפט זיך פון צייט צו צייט ארויס אויף דער ליכטיגער שיין... די זון ווארט איהם שוין וועה געטהון, בעגנינט ער זיך מיט לבנה און שטערען... אנדערע — — —

שילער: וואס טהוען אנדערע?

לעהרער: טיעף אין וואסער איז אויך פינסטער. דורך די ערשטע עטליכע קלאפטער זעהט זיך נאר א גרינגליכער שיין, א ציטערינגער, צוזוארפענער, וואס טיעפער איז אלץ פינסטערער און פינסטערער. און די ימים זענען טיעף, זעהר טיעף. אין דעם דייטשען ים האט מען געפונען טיעפע ערטער ביז 5 הונדערט מעטער, אין מיטעללענדישען ים — ביז 4200 מעטער, אין אטלאנטישען אקעאן האט מען אויסגעמאסטען טיעפענישען ביז 7 טויזענד, און אין שטילען אקעאן — ביז 8513 מעטער... מען זאל א היין אריינלאזען א הימאלאישען בארג, וואלט ער קוים ארויסגעשטארט מיט'ן שפיץ... ווי פינסטער מוז דארט זיין אויפ'ן גרונד! און דאך לעבען דארט פערשיעדענע אונגעהויערע בעשעפענישען, ווי צום ביישפיעל דער פאפוגיי-פיש, און זיי זעהען!

שילער: ווי אזוי?

לעהרער: זיי שאפען זיך זייער איינען ליכט. ווי אזוי לייכט

א גליה־וואָרעם אין דער פינסטער? ער גיט פון זיך אַרויס ליכט, און יענע פיש האָבען אַזוינע אויגען, וואָס שטראַהלען פון זיך ליכט אַרויס, און זעהען בײַם אייגענעם ליכט...

שילער: אַלע?

לעהרער: ניין! פאַרהאַן אַזוינע, וואָס האָבען אָן ליכט פערגעסען און די האָבען די אויגען פערלאָרען!... כּדי צו בעשאַפען זיך אייגען ליכט מוז מען בענקען נאָך ליכט! —

VIII.

ווי אַזוי די וואַלד־ישיבֿה איז בטל געוואָרען.

(איבעראַרבייטונג).

עס איז געוועזען פאַרצייטענס...

פון דעסטוועגען איז פונקט אַזוי ווי היינט פּריה־מאָרגען אויפגעשטאַנען די זון, מען האָט געקלאַפּט אין שוהל און ותיקין זענען געלאָפען דאַווענען; פונקט פאַר נאַכט האָט זיך די זעלבע זון געלעגט און אָנגעהויבען אונטערגעהן און מען האָט ווייטער געדאַווענט. יעדען פּריה־מאָרגען איז די ערד אויפגעשטאַנען ווי תחית המתים און די פויגעלעך האָבען געזונגען אַ שבח צום בורא עולם, וואָס האָט צוריק אָבגעגעבען די נשמות, און פאַר נאַכט האָט זיך די ערד וואָס אַ מאָל מעהר איינגעהילט אין אַ נעפּעל און איינגעשלאָפען, און די פויגעלעך האָבען אָבגעזונגען זייער קריאת שמע און באַהאַלטען זיך אין די נעסטען... און דעמאָלט ערשט איז לעבענדיג געוואָרען אין די בתי מדרשים. אינעווייניג האָבען געציטערט קליינע פלעמלעך, ווי נשמה ליכטלעך, און פון דאָרט איז אַרויסגעשוואומען אַ טרויעריג ווייבער נגון, ווי אַ הספד אויף דער געשטאָרבענער וועלט!... אין מיטען — האָט מען געקלאַפּט צו חצות...

ווייטער נישט — איין טאָג איז גלייך געוועזען צום צווייטען, איין נאַכט צו דער צווייטער. נאָר טהייל מאָל פלעגט זיך דער הימעל פערציהען מיט וואָלקען, פלעגט זיך צוהיצען, צובייזערן — פלעגט מען זאָגען שכחו וגבורתו... אויסלעגען ספרים ביי די פענסטער און פערשטעקען זיך אונטערן איבערבעט...

ווי היינט פלעגט טרעפען, אַז אין מיטען דער שטילער נאַכט, נאָהענדיג צו חצות, האָט אַ יוד, נישט ווילענדיג אויפגעהויבען די אויגען

צום הימעל, און געזעהן ווי אַ שטערן גליטשט זיך אוים, פּאַלט אַראָב, נאָט ווייסט וואו אהין, אין ים צי אין שאול תחתית אַריין; פלעגט ער אָבזיפצען: אַ שטערן גליטשט זיך אוים, מכּל־שכּן אַ בשר ודם! — —

און מען האָט ווייטער געלעבט. איין טאָג איז גלייך געװען צום צווייטען, איין נאַכט צו דער צווייטער; שטיל און רוהיג — אויסער אַז עס זענען דורכגעגאַנגען זעלנער און מען האָט אויף עטליכע טעג צושטעלט זיי אין די הייזער, פלעגט זיך הערען געשרייען פון טהיר און פענסטער — אָדער, אַז אין בית המדרש האָט זיך אָבגעשטעלט אַ גלות־ליידענדער־פּרוש און האָט דערצעהלט מעשיות פון ל״ו צדיקים אָדער פון לצים וואָס האָבען איהם גענאַרט אויפ׳ן וועג...

עס פלעגט זיך אויך טרעפען, אַז עמיץ איז נפטר געוואָרען, פלעגט זיין אַ לויה, פלעגען אין דער שטילער גאַס קלינגען זילבערנע צדקה־פּושקעס, דער שמש פלעגט רופען: צדקה תּציל ממות, קרובים האָבען געוויינט, ווייבער — מעהר און שטאַרקער...

פונקט אזוי ווי היינט!

נאָר אַזוינע ישיבות, ווי דעמאָלט זענען געווען, איז שוין היינט נישט דאָ!

די בעריהמטע ישיבה איז געווען אַ פּרושים־ישיבה אין אַ ווילדען וואַלד.

די ישיבה איז געווען אין סאַמע מיטען וואַלד. נאָר אַרומגעצוימט על פּי קבלה מיט אַ שם... קיינמאָל האָט אהין קיין חיה רעה נישט פערבלאָנדזשעט, קיין יעגער־קויל נישט געטראָפען און עטליכע וויערסט אַרום האָט אפילו קיין פויגעל נישט געזונגען, מען זאָל זיי נישט שטערען אין לערנען. געלערנט האָט מען ווינטער אין היילען, זומער אונטער׳ן פריי־ען הימעל. יעדער פּרוש האָט זיך געהאַט זיין קלעצעל פון אַ בוים. אַז עס פלעגט אַ מאָל קומען אַ נייער תלמיד, האָט זיך תּוך כּדי דבור אונטער־געשניטען אַ בוים, איבערגעלאָזט פאַר׳ן נייעם תלמיד דאָס „קלעצעל" און איז זיך אַוועקגעגאַנגען און האָט שטיל זיך אַוועקגעלעגט אין אַ זייט.

געגעסען האָבען זיי שוואַמען, וואַלד־אויבס, רויזען־בלעטלעך, פּער־שידענע וואָרצלען — ערב שבת ויום טוב פלעגט זיך באָדן אין דער

פריַה הערען אַ געבּלעקערײַ , וואָס פלעגט קומען אַלץ נעהנטער און נעהנטער; דאָס האָט דער וואָלד געשיקט דער ישיבה קרבּנות — עטליכע ווידער לכּבוד שבּת, און דער ראש הישיבה פלעגט אַליין שחט'ען און די תּלמידים בּשר מאַכען ...

טאָג און נאַכט האָט מען געלערנט, נאָר אין אַ יומא דפגרא האָט מען דערצעהלט פון משיח'ס צײַטען, פון די עשׂרת השבטים, פון די נסים אויפ'ן ים הקרוש! און וויפיעל תּלמידים אַזוי פיעל בּריליאַנטען האָבען אונ־טער די שטערען געלײַכט; אויפ'ן ראש הישיבה האָט נישט אַנדערש ווי די שכינה גערוהט!

און טעם גן־עדן האָט מען געפיהלט, ווען מען איז געקומען צו רבּה בּר בּר חנא'ס מעשה'ליך ...

„איינע האָט איהם אויסגעשטעלט אַ פליגעלע ... די צווײַטע אַ פיסעלע" ...

מיט אָפענע מײַלער האָט מען געהערט.

איינמאָל אָבער איז די הײליגע שטילקײַט פון דער ישיבה צורורערט געוואָרען.

ווי פון די עולמות העליונים איז עמיץ אַראָב מיט אַ קאָזיאָלעק און געפאַלען דעם ראש ישיבה צו די פיס!

עס פלעגט טרעפען, אויבּוואָהל זעלטען, אַז פון פּרושים וואָס ליי־דען גלות, פלעגט אַמאָל איינער זוכה זײַן צו דערזעהן די ישיבה און אַרײַנגעלאָזט צו ווערען פון שם הקודש...

— אָבער נאָך וואָס קאָזיאָלקעס? — בּײַזערט זיך אַבּיסעל דער ראש ישיבה.

דער געפאַלענער הויבּט זיך אויף, עפענט דאָס מויל, דער ראש ישיבה מײַנט ער וויל בּעטען מחילה און מאַכט אַוועק מיט דער האַנד:

— נו, נו, בּטול תּורה — זעץ דיך און לערן! ...

עס איז אָבער אַ טעות געווען. קיין בּוים האָט נישט „מפנה מקום" געווען, און דער אויפגעהויבּענער האָט געזאָגט:

— איך בּין נישט קיין פּרוש, רבּי, אַ דאָרף־שנײַדער בּין איך; די פּרושים קוקען זיך איבּער איינער מיט'ן צווייטען.

— ווי רען קומסט דו אהער איבער דעם צוים? — פרעגט דער ראש ישיבה.

דאס שניידער'ל זאגט, אז ער האט קיין צוים פאר די אויגען נישט געזעהן...

עס האט זיך איהם אויסגעלאזט די ארבייט אין איין דארף, איז ער געגאנגען איבער'ן וואלד אין א צווייטן דארף אריין, איז עס אבער ביי נאכט געוועזן, האט ער זיך געהענדיג פערדרימעלט, פערבלאנדזעט און פאר טאג איז ער געקומען אין א פרעמד דארף אריין, דער ערשטער פרעמדער הונד איז איהם בעפאלען, איז ער צוריק געלאפען אין וואלד, דער הונד נאך, ער לויפט, דער הונד לויפט נאך, פלוצים האט ער איהם אנגעכאפט ביי א פוס, האט ער זיך געגעבען א ריס אויס, געמאכט א קא־זיאלעק און —

— „בין איך געקומען אהער — האט דאס שניידער'ל מיט א גע־לעכטער'ל געענדיגט — האט איהר עפים צו נעהמען אין מויל אריין?

— קינד מיינס — זאגט דער ראש ישיבה ערנסט — עס איז נאך צייט צו רעדען פון חומר...

נאר זיי וויסען, קינד מיינס, אז די ישיבה איז ארומגעצוימט מיט א שם־הקודש, אז קיין שום מענש און קיין שום חיה ועוף קען די צוים נישט אריבער — קוק ארויף צום הימעל? זעהסט דו דא א צייכען פון א פויגעלע? ער „רום רקיע" האב'מיר זיך פערצוימט, און אויב דו ביזט אריבער איז עס א סימן, אז עס איז נישט פשוט, — עס איז קיין פרעמדער דארף געוועזן, קיין פרעמדער הונד געוועזען — עס איז מעשה־נסים! דאס האט דיך זכות אבות אהער געטריבען. פאלג מיך, נעם א ספר און זעץ דיך און לערן!

א נאהנטער בוים האט געהערט דעם ראש־ישיבה'ס רייד און האט זיך אנגעהויבען צו שאקלען, א סימן, אז ער וויל אבטרעטען דאס ארט דעם נייעם תלמיד, נאר דאס שניידער'ל ענטפערט:

— לא מיט א ספארעק, רביניו! איך האלט גאר נישט פון איער זיצען און לערנען...

א גרויסע קונץ — מאכט ער ווייטער — צו זיצען אין וואלד! אהן דאגת פרנסה, אהן ווייב און קינד און לערנען! גערט בעסער אין שטאדט אריין, און טהוט עפים! איהר ווילט ארארבערענגען משיח'ן, וואס? אומזיסט איער ארבייט, איערע 20—30 נעהען דעם מאנטעל פאר'ן מלך המשיח, יא?

און דאָרטען זיצען הונדערטער און טויזענדער וואָס טראָגען אויף, וואָס איהר נעהמט !

און דאָס שנײַדער'ל מאָלט זיך אויס, וואָס אין שטאָדט טהוט זיך, ווי דער יצר הרע האָט אַרײַנגענאַרט דעם גאַנצען עולם אין אַ זאַק אַרײַן און מען בײַסט און מען ווערגט זיך איינס דאָס אַנדערע איבער דער פינ־סטערער פרנסה...

זײַן שוואַרץ שפּיציג בערד'ל ציטערט, די אויגען ברענען ווי קוילען, די הענד ציטערן און וואַרפען זיך, פײַער שיט זיך איהם פון מויל — —

— סדום־ועמורה — זאָגט ער — 99 מענשען הונגערן און פערקויפען די נשמה פאַר אַ שטיקעל טרוקען ברויט, דער הונדערטסטער זיצט ווי אַ פליעג אויף אַ פלאַסטער האָניג און ווערט אַנגעשוואָלען און פערזינדיגט זיך די יאָהרען...

מענער פערקויפען די נשמה, ווײַבער דאָס לײַב; מען קויקעלט זיך באַרג אַב אין גיהנום אַרײַן — וואָס וועט העלפען אייער תורה?

דער ראש ישיבה מיט די פרושים לאָזען אַראָב די קעפּ.

— וואָס העלפט דאָס אַראָבלאָזען די קעפּ? — לאַכט דאָס שנײַדער'ל — אויב איהר ווילט דוקא משיח זאָל קומען, הערט אַ ש נ ײַ ד ע ר י ש ע עצה! אָדער ש ו ו ײַ ג ט און זינדיגט מיט, וועט ווערען „כלו חייב", אָדער געהט און זאָגט מוסר, שרײַט: „גוואַלד, רוצחים" און זײַט „מחזיר למוטב", וועט זײַן „כלו זכאי"... אַ ניט — וואַנצען! — און דערווײַל — אַדיע! דער הונד איז שוין אוודאי צוריק אין דאָרף אַרײַן.

עס געדויערט אַ ווײַלע, איידער די פרושים זענען צו זיך געקומען און האָבען מיט אַ געשרײַ: עזות־מהוצף־פנים, זיך אַ וואָרף געטהון „קורע נדג" צו זײַן דאָס שנײַדער'ל...

דאָס שנײַדער'ל האָט אָבער שוין צײַט געהאַט צו מאַכען אַ קאָ־יאָלעק צוריק, און איז נעלם געוואָרען צווישען די ביימער.

— אַזאַ רשע, אַזאַ רשע! — קריטשען די פרושים מיט די צייהן.

דער ראש ישיבה אָבער גיט אַ צייכען, זיי זאָלען שווײַגען.

— שווײַגט, קינדער, — זאָגט ער טרויעריג, — ער איז גערעכט דאָס שנײַדער'ל (אויב עס איז נאָר אַ פראָסטער שנײַדער'ל געווען, ניסט

אֵליהו הנביא!) ער האָט אונז געזאָגט, וואָס מען דאַרף טהון? וואָס ז
דאַרף טהון!

די פּרושים שווײַגען, טראַכטענדיג: אפשר טאַקי אֵליהו... אַזוי
שווינד נעלם געוואָרען... און דער ראש ישיבה הייסט זיך דערלאַנגען ס
שטעקען.

— איך געה אין שטאָדט, קינדער! איך וועל טהון ווי דאָס
דער'ל האָט געהייסען! איך וויל מיך פּרובען ראַנגלען מיט'ן ס"ם — און אי
בלײַבט דאָ און לערנט און בעט פאַר מיר רחמים!

אַלע זאָגען צו, און מען דערלאַנגט איהם דעם שטעקען, וויר
האָט בעפוילען.

ער איז געגאַנגען גלײַך פאַר זיך און די הייליגע בעהאַלטענע ם
האָט איהם דורכגעלאָזט!

שוין דרײַ מאָל האָבען די פּרושים מחדש געווען די לבנה, א
דער ראש ישיבה האָט זיך נישט געוויזען, ערשט נאָכ'ן פּיערטען ס
החודש בײַ'ם שלום עליכם, עליכם שלום! האָט ער זיך בעוויזען. י
תּלמידים זענען איהם אַ קעגען געלאָפען מיט פרייד — נאָר ער האָט
אָבגעשטעלט מיט דער האַנד, און איז, אַ וואָרט נישט רעדענדיג, אַ
געגאַנגען אין זײַן הייל אַרײַן.

זיבען טאָג האָט ער געהאַט התבודדות, זיבען טעג און זיבען נ
זענען די תּלמידים געשטאַנען נישט טויט נישט לעבענדיג און געווט
און ערשט אויפ'ן אַכטען טאָג איז ער אַרויסגעקומען פון דער הייל ון
האָט זיי דערצעהלט, וואָס עס איז מיט איהם אין די דרײַ חדשים געשו

און דעם וועג פון ישיבה אין שטאָדט אַרײַן האָט ער דערצעט
שטיל, געלאַסען און אפילו מיט אַ שטיקעל נחת...

געהענדיג האָט ער געלערנט אויסענווענדיג הלכות סוכּה!...

בײַ טאָג און בײַ נאַכט האָט אַרום איהם געבּרילט פון חיות רע,
צווישען די בוימער איז געווען אַ רעש'נדיג פליהערײַ, לאַבערײַ, גג
גערײַ, ער האָט זיך אָבער נישט אומגעקוקט און ווײַטער געלערנט. א
פאַר מאָל איז איהם עפּיס געפלויגען איבער'ן קאָפּ, וואָס אַ מאָל נידריר
און נידריגער, געקלאַפּט מיט די פליגעל, עפּיס געקראַקעט, ער ט
אפילו קיין אויג נישט אויפגעהויבען... מעהרסטענטהיילס איז ער ט

פערמאַכטע אויגען געגאַנגען און אין גאַנצען איינמאָל — דורך אַ פרעמדע מחשבה, וואָס האָט זיך איהם מיט געוואַלד אַרײַנגעריסען אין מיטען גמרא אַרײַן, זיך אָנגעשלאָגען מיט'ן שטערן אָן אַ בוים. ער האָט זיי אַ צײַכען געוויזען. פאַר טאָג נאָר האָט ער געהאַט גובר צו זײַן גרויסע מניעות — די פויגעלעך מיט זייער שירה! עס ווערט אַזאַ געשריי, אַ געלאַרם!... נאָר מען איז איהם בייגעשטאַנען (ער וואַרפט אַ דאַנקבאַרען בליק צו די תלמידים) און די פויגעל־שירה האָט איהם נישט שטאַרק מבלבל געווען... אַ פאָר מאָל האָט זיך עפּיס אַ טײַכעל פאַר די פיס פערוואַלגערט, האָט ער זיך אָבגע'טובל'ט און אַריבער געגאַנגען. טהייל מאָל האָט ער קיין ערד נישט געפיהלט אונטער די פיס, נאָר געגאַנגען איז ער — מען האָט'ן אַרויסגעהאָלפען (ווײַטער אַ דאַנק די תלמידים מיט אַ ליעבליכען בליק).

איינמאָל איז ער אָבער נישט אַרוים מיט גרוים נצחון... אין 7 טעג נאָכ'ן אַרויסגעהן פון אָרט... ער איז געקומען צו אַנ'אָרט וואו דער וואַלד איז מקטיר זײַן קטורת צום רבונו של עולם... עס זענען אַרויסגעפליִיגען ריחות, עס האָבען זיך ממש געהוידערט בשמים, זיי האָבען זיך איהם איינגעזאַפּט דורך אַלע אברים, און ער איז אָבגעשוואַכט געוואָרען, דאָס לערנען האָט זיך איבערגעריסען („ציִ האָט איהר גראָד דעמאָלט גישט מבטל תורה געווען, קינדער"), איין בורא עולם ווייסט, צו וואָס ער וואָלט געקומען, ווען נישט וואָס עמיצער האָט זיך בעוויזען אין פריצ'ישע קליידער, אויף אַ פערד, און האָט איהם דערלאַנגט מיט עפּיס אַ ווייכס איבער די אַקסעל... דאָס האָט איהם אויפגעוועקט...

און אַזוי ווײַטער, ביז'ן שטאָדט אַרײַן.

אַז ער איז אָבער געקומען צו דער שטאָדט, האָט זיך דאָס קול ווי איבערגעבראָכען, טהייל מאָל הייזעריג געוואָרען. די אויגען האָבען טרוקען געברענט און איבער די פרושים'ס פנים'ער איז געלאָפען זײַן הייסער אָטהעם — —

— טאַקי סדום ועמורה! — קרעכצט דער ראש ישיבה — פון טהיר צו טהיר איז ער געגאַנגען — קיין רעכטער ביסען!

רבנים — רבונו של עולם — רבנים! אַרבייטען מיט דער תורה ווי מיט אַ האַק... זיי אַרבייטען מיט איהר טאָג און נאַכט, ביז זי ווערט שטומ־

פנים, און זיי שאַרפען זי ניִשט... פרעסען אויף חתונות, בריתן און אלער־ליי סעודות און פסק'נען פון „חיי־אדם״... דער פראַסטער עולם איז פער־גרעבט, קינדער געהען אַרום אָהן תורה, אָהן עברי... די בעלי בתים — רחמנא ליצלן — פרעסער און זויפער און וואָכערניקעס... מען טרעט די תורה מיט די פיס... ווייבער אין די אייגענע האָר... יונגען געהען אַרום און פייפען, די מיידען לערנען זיך כלי־זמר זיין און שפּיעלען אויף אַלע כלים...

און ער זאַמעלט די זינד און פערשרייבט זיך אין זכרון, סוף כל סוף וועט ער געהן אין בית המדרש און וועט זיי זאָגען, הייסע סמאָלע וועט ער זיי גיסען אויף די קעפּ...

צולעצט אָבער האָט ער גאָר אויף אַ מיאוסע זאַך געטראָפען...

ער איז אַרויסגעגאַנגען התבודדות אין גאַס און אויסגעלעגט זיך אין קאָפּ די חטאים, און פון אויבען בעשמירט יעדען חטא מיט זיין עונש אין גיהנם, פלוצים גיעט איהם אַ בליץ פאַר די אויגען... 12 ליכטיגע פענ־סטער מיט אַ מאָל... אַ סעודת מצוה צי וואָס? ... ער געהט אַריין... אַ וואָלקען רויך, ער זעהט גאָר ניִשט... אַרויס שלאָגט אַ ליכט פון שבעת הימים און אינעווייניג אַנ'ענן כבד... עס בייסט זיך די אויגען אויס... צו וואָס אָבער געוועהנט זיך ניִשט אַ מענש? ... ער האָט אָנגע־הויבען צו זעהן...

און דער ראש ישיבה פערברעכט די הענד, צוויינט זיך ווי אַ קליין קינד און דערצעהלט, וואָס ער האָט געזעהן...

געפרעסען און געטרונקען האָבען זיי, ביי קליינע און גרויסע טישלעך געזעסען... און זכרים און נקבות צוזאַמען... און געגעסען אומגעוואַשען, אויפגעשטאַנען אומגעבענשט... אויפ'ן אָרט פון תורה — נבול פה גע־רעדט, און אויף אַלערליי לשונות, וואָס ער האָט גאָר ניִשט פערשטאַנען, נאָר אין די זינדיגע אויגען געלעזען... חלשות'דיגע חצופות מיט'ן גאַנ־צען פּאַסקודסטווע אין דרויסען האָבען אַרומגעטראָגען שוימענדיגע קופּעל ביער, גלעזער ווין... דער רויך איז געווען פון פּאַפּיראָסען מיט ציגאַרען, אַפילו ווייבער האָבען געריובערט, און פון דאַמפענדיגע מאכלים — אינדיקעס, געגנז, קאַפּהעהנער און אַנדערע — אודאי עופות טמאים... דאָס האָבען אויך מיידען אַרומגעטראָגען... און איינער גיעט זיי אַ קניפּ, דער צווייטער אַ חאַפּ אויף דער שוים, דער דריטער אַ טשמאַקטש אין באַק...

רבונו של עולם, רבונו של עולם... ווילסט טאַקי כולו חייב?

און די פרושים האבען אראבגעלאזט די אויגען און געזיפצט און דער ראש ישיבה דערצעהלט ווייטער:

דערנאך האט עפּיס א קונצען מאכער קונצען געמאכט, אין לופטען געפלויגען, דורך רייפען, פייער געשלונגען און גלאט חוזק געמאכט — אריבערגעשפרונגען א שטרוי וכדומה. און דער עולם לאכט, קוקט און פאטשט מיט די הענד, און זינגט אין עפּיס אזוינע פאסקודנע שירים. תפלות רחמנא ליצלן... און דאס הארץ וויינט אין מיר... רבונו של עולם, די שעהנע קולות, וואס דארפען דיך לויבען, וואס טהוען זיי? און אין דער זייט איז געשטאנען א מין קאסטען, א גרויסער שעהנער קאסטען, אודאי פון פימסענהאלץ... און פון פארנט זענען געשטאנען צוויי מנורות, ריכטיג א מנורה און לינקס א מנורה מיט אנגעצונדענע ליכט... און פלוצים איז איינע, א חצופה, צוגעגאנגען, אנגעטהון ווי אין תכריכים, דאס ווייסקייט האט געבלענדט... און זי איז צוגעגאנגען, געעפענט א שטיק קאסטען און אנגעהויבען קלאפען אין קאסטען אריין מיט לאנגע פינגער, און פון קאסטען ארויס האבען אנגעהויבען ארויסצימבלען שדים ורוחות, און עס האט געצימבעלט און געקלונגען, טהייל מאל ממש געדונערט, טהייל מאל האט עפּיס ארויסגעוויינט ווי א נשמה בעט זיך תקון — — — זעה איך שוין, וואס דא טהוט זיך, ווי ווייט דער כשוף געהט; לויף איך אין דער מיט אריין, חאפּ א בײַנקיל, שפּרינג ארויף מוסר זאגען — צושמעטערן...

די שטימע פון ראש ישיבה האט זיך ווייטער אבגעבראכען, און מיט נאך א גרעסערען געוויין האט ער צוגעגעבען:

— ווייס איך נישט, צי איך האב א שלעכטען שפרונג געטהון — ווארום ווען שפּרינג איך? — צי איז דאס בײַנקיל לאס געוועזען — — — אראבגעפאלען בין איך...

און דאס גאנצע גיהנם איז אויפגעשפרונגען און עס ווערט ווייטער א געפּאטשערײַ... די רשעים האבען געמיינט, עס איז ווייטער א קונצען־מאכער, וואס פעלט פאר חוזק וועגען...

איינע פון די חצופות אבער האט געזעהן, אז עס איז נישט קיין כשוף מאכען...

און דער ראש ישיבה צוגיסט זיך שוין מיט געוויין:

און זי איז צוגעגאנגען, און האט מיך אויפגעהויבען, און האט מיך מיט די פאסקודנע פינגער געגלעט איבער'ן פנים און האט מיך מיט א

פּאַסקודנע ווינגענדיג פויגעל־קול געפרעגט, צי האָב איך מיך, חס־ושלום נישט עפּיס געטהון, און אז איך האָב אַ שעהנע באָרד, און אז אלטע לייט האָט זי ליעב...

און זי האָט מיך רחמנא ליצלן מטמא געווען, דער מוסר איז מיר פון קאָפּ ארוים... איך בין אנטלאָפען אין וואַלד, ש״י טבילות געמאַכט, איך האָב מיך געבאָרעט אפילו מיט׳ן שם, ער זאָל מיך אריינלאָזען...

און ער וואַרפט אַנ׳אומגליקליכען בליק אויף די תלמידים:

— אפשר האָט איהר פאַר מיר נישט ערנסט מתפלל געווען?

נאָר די תלמידים האַלטען אַלע אראָבגעלאָזען די קעפּ און שווייגען... די פּנים׳ער זענען געררויטעלט, אַ פּנים בושה...

— בין איך צוריק געקומען — ענדיגט דער ראש ישיבה — היינט, קינדערליך איז שפּעט... וועל׳ן מיר געהן שלאָפען אין די היילען. מאָרגען, נאָר מאָרגען פאַר טאָג וועל איך אייך וועקען — אהין געהן וועל איך שוין ניט, ניין — צו דעם דאַרף מען פאַרצייטיגע צדיקים... נאָר דאָ וועלען מיר מאַכען תקונים, סגופין... תפלות... מוירען וועלען מיר ברעכען...

צו מאָרגענס אָבער איז אויסער דעם ראש ישיבה שוין קיינער נישט געווען...

אומזיסט האָט ער געררופען און געוועקט... דער עולם איז ביי נאַכט אין שטאָדט אריין...

און אַזוי איז די ישיבה בטל געוואָרען...

עס קען, חס־ושלום, בלייבען ביי כולו חייב...

IX.

דֶער בַּארְד.

(אַ מעשה'לע).

אין די ערגסטע צייטען זענען פאראַן גוטהאַרציגע מענשען וואָס האָבען ליעב, ווענינגסטענס, גוטע בשורות אָנצוזאָגען, און אַז דעם דיכטער איז געבוירען געוואָרען דער ערשטער לעזער, האָבען זיך געפונען גוטע לייט, וואָס האָבען זיך אויפגעהויבען אויפ'ן העכסטען שטאָק און זענען געקומען אין דיכטערס דאַך־שטיבעל אַריין, אָנזאָגען איהם אַ מזל טוב.

— מזל־טוב דיר, דיכטער, מען הויבט דיך אָן לעזען און פערשטעהן.

און אַז דער דיכטער האָט זיך נישט דערפרעהט, האָבען זיי צוגעגעבען:

— אמת, איין שוואַלב מאַכט קיין זומער נישט, דאָך איז ער נישט וויים; עס וועט קומען דער טאָג, ווען דיינע ליעדער וועלען אַרויסקלינגען פון אַלע פענסטער, דיינע מעלאָדיען וועלען געזונגען ווערען אין די הויף די מוטער וועט מיט דיין ליעב־זיס געזאַנג איינשלעפען איהר ליעב קינד דיינע געפליגעלטע ווערטער וועלען זיין אין חתן־כלה'ס מויל און דער אָרעמער בלינדער בעטלער אין גאַס וועט פערהאַלטען די פאַרבייגעהער מיט דיינע זיס־קלינגענדיגע ריימען,

אזוי האָבען די גוטע מענשען געזאָגט און דער דיכטער איז דאָך נישט פרעהליך געוואָרען און האָט זיי מיט אַ טרויעריגע שטימע געענטפערט:

— איך האָב איך פאַר דער גוטער בשורה נישט מיט וואָס אויפצונעהמען, נעכטען האָב איך מיך מיט מיין קאַנאַרעק מיט'ן לעצטען שטי־

קעי צוקער צוטיילט. פאר דאס. אויב איהר ווילט, וועל איך אייך א מעשה'לע דערצעהלען...

זיי האבען א זיס־ווערליכע מינע געמאכט און זענען בעשטאנען.

— אין אלטע צייטען איז אין איין אלטע שטארקע בורג א יום־טוב געוועזען — א דרייפאכיגער יום־טוב. דער הער פון דער בורג האט זיין נאמען־טאג געהאט, ער איז צוריקגעקומען פון שלאכט־פעלד אלס זיעגער און — ער האט זיך מיטגעבראכט א יפת־תואר — א געפאנגענע.

אילוימינאציע .

אויף די גרינע, קאלטע בריסטען פון וואסער, וואס רינגעלט ארום די בורג, זענען ברענענדיגע פעסער סמאלע געשוואומען. די אלטע מויערן זענען בעהאנגען געווען מיט גירלאנדען און פערשידען־פארביגע לעמפלעך ביז די העכסטע שפיצען. די איינוואהנער פון טהאל האבען די גאנצע נאכט אויף די קליינע דעכלעך וואך געהאלטען און די פונקען, וואס זענען אויף זיי פון דער בורג געפלויגען — אבגעשארט, ווי מיט בלוט אנגעגאסענע רוחות־אויגען, האבען די גאטישע פענסטער געפלאמט...

און אין סאלאן, וואו די גרויסע סעודה איז געווען, בליצט! עס פלאמען די שמעקעדיגע וואקס־ליכט, עס פינקלען דיאדעמען אויף די דאמען־קעפ, די גארטעל ביי די הערן, עס בלאנקט זילבער, גאלד און קריסטאלען־געשיר אויפ'ן טיש און פלאקערן די פנימער פון וויין, די דאמען־אויגען שלאגען פונקען — — —

און דאך איז נישט היימליך ביים טיש.

— וויין, ווייב איז דא — זאגט מיט א געראנצעלטען שטערן דער באראן — וואו איז געזאנג?

— גרויסער. מעכטיגער זיעגער — האט מען געענטפערט — עס זענען אין דיין לאנד בארדען געווען... האבען זיי פאר דיר פרעכע לידער געזונגען און מיר האבען אויף דיין בעפעהל, זיי געהאנגען!

— איז קיין איינציגער געבליבען, ער זאל זינגען ביים טיש?

די הויף־לייט שווייגען, נאר איין אלטער קאמערדינער געדענקט זיך בוקענדיג און זאגט:

— איינער, וואס האט נאך ניט די ערהע געהאט פאר דיינע אויגען צו זינגען, איז געבליבען; ער איז אין טהאל... זיין מוטער שטארבט.

און ער זיצט ביי איהר בעט און פערזאָגט מיט זיין געזאַנג די שרעק פאַר'ן טויט פון איהרע אויגען.

— ברענגט'ן! קלינגט דעם באַראָנס קורצער בעפעהל —
און מען האָט'ן געבּרענגט אין קייטען געשמידט.

— ווילסט מיך טויטען — זאָגט דער באַרד — טהו עס באַלד, זאָל זיך מיין נשמה מיט מיין מוטערס נשמה טרעפען אויפ'ן וועג...

— זינג! בעפעהלט דער באַראָן.

— נעהמט איהם די קייטען אראָב! ווענדט ער זיך צו די האַלאַבּאַרדען, וואָס האָבען איהם געבּרענגט.

— וואָס זאָל איך דיר זינגען? פרעגט דער באַרד.

— זינג פון מיין זיעג — פון די שטעדט, וואָס איך האָב פערבּרענגט, פון די שלעסער, וואָס איך האָב צערשמעטערט, פון העלדען-העלזער, אויף וועלכע איך האָב מיין פוס געשטעלט, פון די בּלוטיגע קעפּ אויף די שפּיצען פון אונזערע שפּיזען — פון גלאַנץ פון די טייערע אוצרות, וואָס מיר האָבען געראַובט!

— דאָס קען איך נישט, באַראָן! פערכּשופט איז מיין ציטער, און ריהר איך אָן איהרע סטרונעס, וועלען די טייכען בּלוט, וואָס דו האָסט פערגאָסען, אָנהויבען זידען... און דאָס געקרעכצערייִ און געשיל־טערייִ פון די געמוירדעטע וועט זיך וועקען, און דאָס געפּייפעריי פון די פייערדיגע שלאַנגען, און דאָס פערשטיקטע האָרכלעריי פון געשענדעטע פרויען און די שרעק-רופען פון געשפּאַלטענע קינדער — דאָס אַלץ וועט זיך וועקען — און נישט פרייער וועל איך אייך געבען, נאָר שרעק — שרעקליכע אַנגסט. אייערע אויגען וועלען אייך פון די קעפּ אַרויסקריכען, אייערע האָר וועלען זיך ווי די שלאַנגען צוואַרפען —

— שווייג! בעפעהלט דער באַראָן און זיך איינהאַלטענדיג, זאָגט ער ווייטער:

— נו, זינג די שענהייט פון מיין געפאַנגענער ליבשאַפט, זינג איהרע אויגען, און פערגלייך זיי צו די שטערען, איהר בּלאַס געזיכט — און פערגלייך עס צום ריינסטען מאַרמאָר, איהר שלאַנקען קערפּער — און פער־גלייך עס — נו, געפין דו דעם פערגלייך.

— הייליג איז מיין ציטער און ריין — ענטפערט דער באַרד, —

קיין שאנד און זינד שפּילט זי ניט... עס וועט איין סטרונע פּלאַצען נאָך דער צווייטער... איהר אונגליק נאָר קען איך זינגען — די וואונדען, וואָס וועלען איהר אַרויסשפּראָצען אונטער דיינע זינדיגע קושען, דאָס פערלעשען פון איהרע אויגען, וואָס דו וועסט אויסזויגען מיט דיינע שאַנדּ־דורשטיגע ליפען:

— שווייג! נאָר ער האַלט זיך ווייטער איין, ער וויל דעם דריי־פאַכיגען יום־טוב זיך ניט צו שאַנדען מאַכען — זינג פון פרייד — פון ווייַן, וואָס פּערלט זיך אין גאָלדענע — —

— בלוט פּערלט זיך אין דיין בעכער — האַקט איבער דער באַרד — שוויים און בלוט זופען דיינע ליפען — —

און דער באַראָן גיט א ווינק, ער זאָל שווייגען, און ווענדט זיך צו זיינע העררען:

— דריי מאָל האָט מיר געענטפערט דער באַרד, צי האָט איהר פערשטאַנען זיינע רעד?

— קיין וואָרט — ענטפערן אַלע, ווי איין מאַן.

— איהר האָט איהם דאָס לעבען געדעטעט — זאָגט דער באַראָן — און איהם פערשליסט!

און אין פינסטערן קעלער זיצט דער באַרד. דריי מאָל אין טאָג דערלאַנגט מען איהם דורך א לאָך אין דער וואַנד ברויט מיט וואַסער. אין דער פינסטערקייט זעהט ער אפילו נישט די האַנד, וואָס דערלאַנגט עס איהם...

— נעביך — זיפצען אָב די גוטע לייט וואָס האָבען די בשורה געבראַכט.

— און דאָך — דערצעהלט דער זיבטער — איז ער גליקליך געוועזען. וויַיל גליק שטעקט אין דער מאַכט. נאָר ווער, האָט ער געדעכענט, איז שטאַרקער פאַר איהם?

נישט קיין העלד געבוירען, קיין וואָפען נישט געטראָגען, קיין הערשער־רעכט פון קיינעם נישט געירש'נט, און דאָך ציטערט פאַר איהם די בורג, ציטערט איהר הערשער! מען ציטערט פאַר זיין וואָרט, פאַר'ן שטילסטען קלאַנג פון זיין ציטער!

ער זיצט אין דער פינסטער און זיין נשמה באָדט זיך אין ליכטיגען גחת: איך בין דער שטאַרקער, מיך איינעם מוזען זיי אַלע היטען, זיי, די שטאַרקע, די בעוואָפענטע, די הערשער!

און עס פליסען אוועק שטונדען, טעג, וואָכען, מאָנאַטען און יאָה־

רען — ער צעהלט זיי נישט; ער פיהלט נישט דעם גאַנג פון דער צייט: איהרע שטילע פליגעל בעריהרען נישט זיין געזיכט, און זייער גערויש קומט נישט אין זיינע אויערן אַריין — ער פיהלט נאָר זיין אייגענע קראַפט און גאָנץ פון איהר שטילען און זיכערן תענוג! אַרמאַטען און טראָמפּייטען קענען זיין שוואַכע שטימע נישט פערשטילען! מען ציטערט פאַר איהם, פאַר שרעק האָט מען איהם אייגעמויערט —

ער שלאָפט נישט דער באַראָן! לענדער האָט ער איינגענומען, בורגען צערשטערט — וועלדער ציטערן פאַר איהם און זיינע הערשער, און ער ציטערט פאַר מיר; כל־זמן איך לעב שרעקען איהם וויסטע חלומות, וואַקעלט זיין טראָן, איז פערגיפטעט זיין זינדיג לעבען...

— איך בין די קראַפט!

קענען וואָס דערצעהלט ער עס? וואונדערן זיך די גוטע לייט, וואָס האָבען די גוטע בשורה געבראַכט. און דער דיכטער רוהט זיך אָב א ווייַלע און ענדיגט זיין ערצעהלונג:

אויף אַלעם קומט דאָך זיין צייט! און, נאָך לאַנגע לאַנגע טעג און נעכט, וועקען איהם טריט אין קאָרידאָר און א געקלאַנג פון אייזען.

— זיי קומען מיך טוידטען! מיינט דער באַרד און וויל א קענען געהן דעם טויט מיט פרייד. דער טויט פון שטאַרקען איז שטאַרקער פון זיין לעבען. פאַר זיין בעפרייטען גייסט, וועלען זיי מעהר ציטערן — איך וועל זיי צו חלום קומען!

נאָר ער האָט א טעות געהאַט.

— מיר זענען געקומען דיך בעפרייען! — רופט מען צו איהם מיט פרייד און מיט אייזען ברעכט מען די מויער — א שטראָם ליכט יאָגט אַריין —

— ווי אַלט ער איז געוואָרען! בעמערקען די בעפרייער.

— ווי ווייס זיינע האָר!

— דאָך די אויגען ברענען!

נאָר די אויגען לעשען זיך און מיט א געבראָכענע שטימע פרעגט דער באַרד:

— בעפרייען ווילט איהר מיך? מען האָט שוין פאַר מיר קיין פחד נישט? אַזוי אַלט בין איך?

און די בעפרייער ענטפערן:

— נישט מורא האָט מען פאַר דיר; מען האָט זיך צו דיר פערבענקט! יעצט פערשטעהט מען דיך, און מען וויל עס הערען פון דיין מויל אַליין! דער באַראָן אַליין האָט זיך אָן דיר דערמאָהנט... ער אַליין שיקט נאָך דיר. זיין גאָמענסטאָג איז היינט און ביים טיש איז אָנגעגרייט, ביי זיין רעכטער האַנד, אַנ׳עהרענשטוהל פאַר דיר און גאָלדענע בעכער אויפ׳ן טיש. און די הויף-דאַמען זענען זיך אין די גערטנער צעלאָפען זוכען בלומען אויף אַ קראַנץ פאַר דיר... און די הערען זאַמלען אויף אַ געשענק פאַר דיר — אַנ׳אייביג געדעכעניש... אַזוי הויך שעצט מען דיך. מען האָט דיך ליעב בעקומען — דיינע ליעדער פון טהאָל ווערען אין הויף געזונגען — —

— קום מיט אונז, דו האָסט דיין גליק דערלעבט...

— איך ווייס נישט, — ענטפערט דער דיכטער — ווי לאַנג איך האָב אויף דעם גליק, פון וועלכען איהר רעדט געוואַרט — איך האָב די יאָהרען נישט געצעהלט; נאָר איבער די צייט בין איך ווילד בעוואַקסען געוואָרען...

— מען וועט דיך שערען און קרייזלען און מיט שמעקענדיג וואַסער בעגיסען — —

— און צעפוילט זענען מיינע קליידער —

— נייע, זילבער און גאָלד געשטיקטע קליידער וואַרטען אויף דיר — קום, געליבטער דיכטער מיט אונז —

— ווי קען איך אָנטהון — קלאָגט זיך ווייטער דער באַרד — די קעניגליכע קליידער, אַז מיין לייב איז פערנאַכלעסיגט געוואָרען און אומריין!

— גוטע לייט, פיהרט מיך פריהער צום וואַסער, וואָס פליסט אַרום שלאָס, און לאָזט מיך פריהער זיך באָדען און וואַשען!

דערויף זענען די גוטע מענשען בעשטאַנען.

דער באַרד איז אין וואַסער אַריין, אָבער מעהר אַרויף געקומען איז ער נישט.

— ער האָט זיך דערטרונקען? פרעגען די לייט דערשראָקען.

— געוויס!

— פאַר וואָס?

— נאָך וואָס האָט ער נאָך געוואָלט לעבען?

יודישע שריפטשטעלער צוזאמען 62 ביכער בלויז 5 רו"ב.

אינטער די רעדאקציע
פון אברהם רייזען.

דער צוועק פון דער דאזיגער אונטערנעמונג איז צו בעקאנען דעם יודישען לעזער מיט די בעסטע ווערק וואס עס האט געשאפען דער אייראפעאישער גייסט און דערמיט אריינטראגען א פרישען שטראם אין דער יודישער ליטעראטור.

די „אייראפעאישע ליטעראטור" וועט אין פערלויף פון א יאהר ערשיינען **50** ביכער אומגעפעהר אלע וואך א ביכעל.

אין די 50 ביכער „אייראפעאישע ליטעראטור" וועלען קומען איבערזעצונגען פון די בעריהמטסטע שריפטשטעלער פון דער וועלט אין אלע שפראכען, ווי פון דער דייטשישער, ענגלישער, נארוועגישער, דענישער, שוועדישער, פראנצויזישער, אונגארישער, פוילישער, רוסישער און אנדערע. יעדעס בוך וועט ענטהאלטען: סקיצען, ערצעהלונגען, נאוועלען, געדיכטע און ראמאנען. אויסער דעם וועט אין יעדען העפט קומען אן אבטיילונג אייראפעאישער הומאר, הומארעסקען פון די וועלט בעריהמטע הומאריסטען און סאטיריקער. פרייז פיר יעדעס בוך 10 קאפ' פיר אבאנענטען פון דער גאנצער סעריע 50 ביכער 5 רובל. די אבאנענטען בעקומען אומזאנסט אלס פרעמיע **12** ביכער פון די אריגינעלע „יודישע שריפטשטעלער". יעדען מאנאט א בוך. צווישען וועלכע עס וועלען זיך געפינען די נייעסטע ווערק פון **שלום אש, אברהם רייזען, י. ל. פרץ, ה. ד. נאמבערג, פרץ הירשביין, א. י. וויסענבערג, יונה ראזענפעלד** און אנדערע.

אין איינצעל פערקויף וועט יעדעס בוך פון דער פרעמיע פון אריגינעלע „יודישע שריפטשטעלער" קאסטען פון **20** ביז **25** קאפ'.

אבאנירענדיג די „אייראפעאישע ליטעראטור" וועט דער לעזער ענדע יאהר בעזיצען א ביבליאטעק פון **50** ביכער פון די גרעסטע וועלט בעריהמטע שריפטשטעלער, דיכטער און ראמאניסטען; און **12** ביכער פון די גרעסטע און בעריהמטסטע יודישע דיכטער און שריפטשטעלער.

צוזאמען 62 ביכער.
בלויז פאר 5 רו"ב

די יעהרליכע אבאנענטען קענען איינצאהלען דעם אבאנעמענטס-פרייז — **5** רובל — אין פאלגענדע ראטעס: ביים אבאנירען 1,50 רובל, ביים 10-טען ביכעל—1,50 רובל, ביים 20-טען ביכעל—1 רובל, און ביים 30-טען ביכעל דעם לעצטען רובל.

די אבאנענטען פון די „אייראפעאישע ליטעראטור", וואס שיקען ארין דעם אבאנעמענטס-פרייז דירעקט אין פערלאג „פראגרעס" קענען בעקומען אויסער די 12 אומזיסטיגע פרעמיעס „יודישע שריפטשטעלער" אויך פאלגענדע ביכער: 1) א נייער באנד דראמאטישע שריפטען פון י. ל. פרץ רייך אילוסטרירט מיט פארבען, פרייז 1,25 ר' — פאר **65** קאפ' מיט פארטא 90 ק'; 2) שריפטען פון אברהם רייזען, ערשטע 2 בענדער „געזאמעלטע לידער" און „מענשען און וועלטען". פרייז 2,50 ר'—פאר **1** ר' מיט פארטא 1.50; 3) שריפטען פון אברהם רייזען דריטער נייער באנד. פרייז 1 רובל—פאר **50** קאפ' מיט פארטא 75 קאפ'; 4) קונסט און לעבען, 4 זאמעלביכער, רעדאגירט דורך אברהם רייזען. פרייז 80 ק'—פאר **40** ק' מיט פארטא 65 ק'; 5) פינף טייל „הויזפריינד" אין 2 גרויסע בענדער. פרייז 2 ר'—פאר **1** רובל מיט פארטא 1.50.
די וועלכע פערלאנגען 2 פרעמיעס, צאהלען פיר פארטא 50 קאפ', די וועלכע פערלאנגען אלע 5 פרעמיעס צאהלען פיר פארטא בלויז 75 קאפ.

אדרעסע פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:

Книгоизд. „Прогрессъ" — Verlag „Progress"

Я. Лидскій, Варшава, Налевки 36. — J. Lidski, Warschau, Nalewki 36.